א. לונאַטשאַרסקי

...גיאָ און סאָציאַליזם

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 09 03 05 04 036 8

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

BRIEF
HX
0012175

Treat me kindly
and return me to
GERSHMAN

Digitized by the Internet Archive
in 2010 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/religieunsotsial00luna

Treat me kindly
and return me to
GERSHMAN

א. וו. לונאטשאַרסקי

רעליגיע און סאָציאַליזם

איבערזעצט פון
ל. לאקסאָן

ערשטער באנד

מ. גורעוויטש פערלאַג, ניו יאָרק.
1921
200

אינהאלט־פארצייכניס

ערשטער טייל

ערשטער קאפיטעל, וואס איז אַזוינס רעליגיע?!
1) די שוועריקייט פון דער דעפיניציע — 5
2) סאָציאל־דעמאָקראטען וועגען דעם תוך פון רעליגיע. פלע־
כאַנאָוו, ענגעלס, פאנעקוק — 8
שטאמפפער, וואנדערוועלדע — 12
לודוויג פייערבאך — 18
יאָזעף דיצגען — 23
3) די ביאָלאָגישע דעפיניציע פון רעליגיע — 30

צווייטער קאפיטעל, די באַדייטונג פון דער פרימיטיווער רעליגיע
פארן מענשען — 39
דער פריסטער — 48
דער נביא — 54
דער אונטערגאנג פון געטער — 62

דריטער קאפיטעל, מעטאפיזיק און היסטאָריזם אין רעליגיע — 74
1) בראכמאניזם און בודיזם — 77
2) מאזדעאיזם — 90

פערטער קאפיטעל, אנטראפאלאגיזם און קאָסמיזם אין רעליגיע — 101
די טענדענצען אין יודאַאיזם — 106

פינפטער קאפיטעל, וועגען דער ענטוויקלונג פון דער אידישער
רעליגיעזיטעט — 119
די פעריאָדע פאר די נביאים. — די ענטשטעהונג פון
יעהאָוויזם — 123
דער קלאסענקאמף — 127
ישעיה — 133
משה'ס געזעצגעבונג — 144
דער ביבלישער גייסט און די רעליגיע פון ארבייט — 153

BRIEF
HX
00 12175

ערשטער טייל

רעליגיע און סאציאליזם

ערשטער קאפיטעל.

וואס איז אזוינס רעליגיע?

1) די שווערקייט פון דער דעפיניציע.

בעת ס'האנדעלט זיך וועגען אזא פיעלפאכיגער ערשיינונג, ווי רעליגיע איז — ווערט די דעפיניציע גענוג רעלאטיוו, עס ווענדעט זיך, וואס מ'איז מיט איהר אויסען. א דעפיניציע, וואס זאל ארומנעמען אלע זייטען פון אזא פארשידענארטיגען און פארענדערליכען שטראם פון געפיהלען, געדאנקען און טאטען, וואלט אליין געווען פיעלפאכיג. מיר קאנען נאר פון איהר פאדערן, אז זי זאל אויסשיידען דאס, וואס איז אם מעהרסטען וועזענטליך און כאראקטעריסטיש אין רעליגיע. און אין דעם פרט הערשט טמעט מוטוויליגקייט. עס מישט זיך אריין יענער צ י ע ל, צוליעב וועלכען מ'זוכט די דעפיניציע, און זי שטרייכט אונטער דאס אדער יענעס, וואס איז צוגעפאסט צום ציעל. דער אויפקלערער, וואס קעמפט מיט די שעדליכע פארמען פון רעליגיע, וועלכע איז געווארען א רעאקציאנערע קראפט, מאכט גערן פאר דעם גרונד־צייכען פון רעליגיע נאר דאס אין איהר, פון וואס ס'קאן לייכט באוויזען ווערען איהר שעדליכקייט און קראפטלאזיגקייט. ער כאפט זיך אפט פאר די אויסערליכע סמנים פון רעליגיע, פאר איהר מיטאלאגיע, דאגמען, ווי ערקלערט ער פאר דער נשמה פון יעדער רעליגיע, ער באווייזט וייער ווידערשפרוך צו דער וויסענשאפט און צום פראגרעס און פאראורטיילט „רעליגיע בכלל” צו אן אומפארמיידליכען טויט.

אַ מענש מיט אַ גרויסען חוש פאַר היסטאָרישער נאכפאָלגערשאַפט, פאַר היסטאָרישע ירושה זאכען, וואָס דענקט און פיהלט ווענינער ראַציאָנאַליסטיש, נייגט זיך מעהר צום געדאנק, אַז דער תוך פון רעליגיע קאָן און מוז איבערלעבען איהרע פאָרמען. איהם זעהט אויס מאָדנע און אומווארשיינליך, אַז אַ גאנצער געביט פון גייסט זאָל אָפּשטארבען, אַז יענער סדר פון געפיהלען און געדאנקען, וואָס האָט געדינט פאַר דעם אַקס פון פּסיכישען לעבען פון נאַציאָנען, זאָל שפּורלאָז צושטערט ווערען. הינטער די פאָרמען פון רעליגיע זוכט ער יענע באַדערפניסען, וואָס האָבען די רעליגיע באַשאַפען און ער פרעגט זיך — צו די דאָזיגע באדערפעניסען זיינען באַפרידיגט, אָדער די מענשען האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון זיי, פאַרטורטיילט זיי, און זיי זיינען אטראָפירט געוואָרען? און אויב ניט, ווי ווערען זיי איצטער באַפרידיגט? און דאָס, וואָס באַפרידיגט זיי, — צי האָט עס ניט טיפע אַנאַלאָגיען מיט די אַלטע פאָרמען פון רעליגיע, ניט קוקענדיג אויפ'ן גרונד־אונטערשייד, טאַקע מצד דער פאָרמע? אַזאַ פאָרשער וועט זיך פארוועלען צו ערגרייפען אין זיין דעפיניציע פון רעליגיע יענע שטריכען איהרע, וואָס בילדען די סאַמע טיפקייט פון איהר גייסט, נעמליך איהרע באַציהונגען צו די גרונד־באַדערפעניסען, צו די גרונד־פארלאנגען פון דעם מענשען. געווים ענטשטעהט אָבער דערביי אַ פראגע: לאָז די נייע סיסטעמע, וואָס באַפרידיגט יענע פארלאנגען אויף אַזוי פיעל טאַקע זיין פארבונדען מיט רעליגיע, אָבער קאָן מען דען אָנרופען זי מיט'ן אַלטען נאמען, בעת ס'ווערט אַנערקענט אַ ראַדיקאַלע פאָרמעלע אונטערשיידונג? געווים איז נאָך פאַנטעאיזם אַ רעליגיע, אָבער קאָן מען דען אָנרופען רעליגיע כאָטש די רעליגיע פון דער מענשהייט, וועגען וועלכער ס'האָט געטרוימט דער פאָזיטיוויסט קאָנט?

איך וועל זאָגען, אַז אויך דאָ פיהרט זיך אַלץ דערצו, אויף וואָס עס שטעהט פאַר אונז דער טראָפּ — אויף דער פאָרמע, ס'הייסט אויף דעם, ווי האָט געענטפערט רעליגיע, אָדער אויף דעם, אויף וואָס זי האָט געענטפערט.

אָבער דאָס איז נאָך ווייניג. אויך צווישען די אָנהענגער, איך וואָלט געזאָגט, פון א ביאָ־פּסיכאָלאָגישער דעפיניציע פון רעליגיע (אין אונטערשיידונג פון דער ראַציאָנאַליסטישער דעפיניציע) איז מעגליך אַ ראַדיקאַלע מיינונגס פאַרשידענהייט. ווארום אויף דער פראגע: „אויף וועלכע פונדאַמענטאַלע פאָדערונגען פון מענש־ליכען גייסט האָט רעליגיע געענטפערט?“ — קאָנען געגעבען ווערען פאַרשידענע ענטפערס. פאַר די מעהר נאָהנטע צום ראַציאָנאַליזם באַשטעהען די דאָזיגע פאָדערונגען אין דעם שטרעבען אריינצו־דרינגען אין „די סודות פון דער וועלט“. זיי וועלען דארום האַלטען פאַר א פאָרטזעצונג, פאַר א נייע פאָזע פון רעליגיע יעדע מ ע־ט אַ פ י ז י ק, און זיי וועלען די מעטאפיזיק פראָקלאַמירען פאַר נים־שטערבליך. אנדערע, די מעהר נאָהנטע צום עקאָנאָמיזם, וואָלונטאַריזם, ביאָלאָגיזם — וועלען זעהן דעם תוך פון די דאָזיגע פאָדערונגען אין די פּראָבלעמען פון גליק, גערעכטיגקייט, פאָלקאָ־מענהייט, מאכט, אומשטערבליכקייט, און פאַר א נייע פּאָזע פון רעליגיע וועלען זיי האַלטען, דעם נייעם טיעף רעאַליסטישען און ענטוזיאַסטישען אידעאַליזם.

די אַלע מיינונגס פאַרשידענהייטען וועלען אונז קלערער ווע־רען, ווען מיר וועלען מאכען אַפילו אַ געלויפיגע עקסקורסיע אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער ליטעראַטור וועגען אָט דער פּראַגע. ניט פּרעטענדירענדיג אויף קיין אופן צו געבען א פולען איבערבליק.

2) סאָציאַל דעמאָקראַטען וועגען דעם תוך פון רעליגיע.
פלעכאַנאָוו, ענגעלס, פּאַננעקוק.

נאָך ניט לאַנג צוריק, אין ענטפער אויף אַן אַנקעטע וועגען דער צוקונפט פון רעליגיע, וואָס דער זשורנאַל „מערקיור דע פראַנס“ האָט געמאַכט, האָט גענאָסע פּלעכאַנאָוו געגעבען אַ זעהר קלאָרע און פּינקטליכע דעפיניציע פון רעליגיע אין ראַציאָנאַליסטישען זינען, ס'הייסט באַטראַכטענדיג רעליגיע מצד דער פאָרמע (אין וואָס זי האָט זיך אויסגעדריקט), און דערהויפּט, אַלס אַ פאָרמע ווי אַזוי זיך פאָרצושטעלען און צו וויסען די וועלט. אָט איז אין גאַנצען דער ענטפער פון דעם געעהרטען גענאָסע אויף דער אַנקעטע, וועלכע איז פאָרמולירט געוואָרען אויף פאָלגענדען אופן: „צו לעבט רעליגיע איבער אַ עוואָלוציע אָדער זי שטאַרבט?“

„איהר וועט מיר ערלויבען, ענטפערענדיג אויף אייער פראַגע, זיך צו'שטעלען אויף אַ סאָציאַל־עוואָלוציאָנערען שטאַנדפּונקט און איהם פאָרמולירען אויף אַזאַ אופן: צו איז ניט דאָס פאַרשווינדען פון רעליגיע אַ נאַטירליכער סוף פון איהר עוואָלוציע? כדי צו ענטפערען אויף אָט דער פראַגע וועלען מיר זיך אָפּגעבען חשבון דערין, וואָס איז געוועזן די דאָזיגע עוואָלוציע ביז איצטער“.

„נאָר קודם כל, וואָס איז אַזוינס רעליגיע? אויב מיר וועלען זיך באַנוצען מיט דער זעלביגער דעפיניציע וואָס עדוארד ב. טיילאָר רופט אָן „אַ מינימאַלע“ — וועלען מיר זאָגען, אַז רעליגיע איז *דאָס גלויבען אין גייסטיגע וועזענס*, וואָס לעבען זייט ביי זייט מיט קערפּערס און מיט פּראָצעסען פון דער נאַטור. אָט דאָס גלויבען איז אַ נויטיגער עלעמענט פון יעדער רעליגיע און דיענט אין דער אייגענער צייט אַלס ערקלערונג אויף

אַלע ערשיינונגען פון דער נאַטור. אויף א העכערער שטופע פון סאָציאַלער עוואָלוציע קומט צו צו דעם דאָזיגען פרימיטיווען עלע־מענט נאָך א נייער: דער מאָראַלישער עלעמענט. דער בונד פוןביידע עלעמענטען ווערט מיט דער צייט אלץ ענגער. צולעצט ווע־לען מיר צוגעהן צו דעם, וואָס איך וואָלט געקאָנט אָנרופען „א מאַק־סימאלע" דעפיניציע פון רעליגיע: דאָס גלויבען אין גייסטיגע ווע־זענס, וואָס איז פארבונדען מיט מאָראַל און דיענט איהר אַלס סאנק־ציע. אָט דערפאַר מיינען פיעלע, אז דער תוך פון רעליגיע באַ־שטעהט אין מאָראַל. אָבער מיר זיינען נאָך ווייט פון דעם סוף פון דער דאָזיגער עוואָלוציע. דער בונד צווישען מאָראַל און רעליגיע, וואָס האָט זיך אויסגעוויזען פאר אומצורייסבאר, מוז פאר־שווינדען א דאנק דעם פראָגרעס פון מענשליכען פארשטאנד".

„א וויסענשאַפטליכע ערקלערונג וועגען ערשיינונגען קאָן זיין נאָר א מאַטעריאַליסטישע. די אריינמישונג פון גייסטיגע וועזענס, וואָס אין די אויגען פון א ווילדען ערקלערט אַלץ, ערקלערט אָבער גאָרנישט אין די אויגען פון א וועלכען עס איז בערטעלאָ; די באדייטונג פון אַזאַ ערקלערונג פאַלט פאר יעדען ציוויליזירטען מענשען לויט דעם מאסשטאב, ווי ער באַנעמט די רעזולטאטען פון דער עובדא פון דער וויסענשאַפט".

„אויב פיעלע גלויבען נאָך אין עקזיסטענץ פון גייסטער און פון איבערנאַטירליכע וועזענס, איז דאָס דערפאַר, ווייל צוליעב פארשידענע אורזאכען האָבען זיי ניט געקאָנט בייקומען די שטע־רונגען איבער'ן וועג צו א וויסענשאַפטליכען שטאנדפונקט".

„בעת די שטערונגען וועלען באזייטיגט ווערען, און אלץ צווינגט צו דענקען, אז דאָס וועט זיין די עובדא פון דער סאָציאַלער עוואָ־לוציע — וועט דעמאָלט פארשווינדען יעדער שפור פון א איבער־נאַטוראַליסטישער אויפפאסונג, און די מאָראַל וועט זיין געצוואונגען צו פארנעמען איהר אומאפהענגיגען אָרט".

„רעליגיע אין מאקסימאַלען זינען לעבט אָפּ איהר צייט. וואָס אנבאלאנגט דעם רעליגיעזען געפיהל, איז קענטיג, אז עס פאר־שווינדט באלד נאָך דער רעליגיעזער אידעע. אָבער אין געפיהלען

איז געווים דאָ מעהר קאָנסערוואַטיזם, ווי אין אידעען. עס וועט זיין אַן אָרט פאר פארשידענע איבערלעבעניסען פון די אַלטע געפיהלען, עס וועלען אויפשווימען פאלשע וועלט־באַגריפען, האלב־מאַטעריאַליסטישע, האלב־ספּיריטואַליסטישע, אָבער אויך די דאָזיגע איבערלעבעניסען זיינען פאראורטיילט פארשוואונדען צו ווערען באַזונדערס, נאָכדעם ווי עס וועלען פארשווינדען מאנכע אינסטיטוציעס, וואָס ווערען כלומרשט סאנקציאָנירט פון רעליגיע. דער פראָגרעס פון דער מענשהייט טראָגט אַ טויט־אורטייל סיי דער רעליגיעזער אידעע סיי דעם רעליגיעזען געפיהל. נאָר קליינמוטיגע אָדער פאראינטערעסירטע זיינען אין שרעק וועגען דעם שיקזאַל פון דער מאָראַל. די מאָראַל איז אימשטאנד צו פיהרען אַ זעלבסט־שטענדיגע עקזיסטענץ. די אמונה אין גייסטיגע וועזענס איז אפילו איצטער אויך וו"יט פון דעם, כדי צו זיין אַ שטיצע פון דער מאָראַל, פארקערט, די רעליגיעזע גלויבונגען פון ציוויליזירטע נאַציאָנען אין דער היינטיגער צייט זיינען אָפּגעשטאַנען פון זייער מאָראַלישער ענטוויקלונג".

„קליפאָרד באמערקט מיט רעכט : „ווען מענשען וואָלטען ניט געווען בעסער פון זייערע רעליגיעס — וואָלט די וועלט געווען אַ גהינום".

אַלזאָ, נאָך פלעכאַנאָוו'ן קומט אויס, אַז רעליגיע, קודם כל, איז אַ באשטימטע, נעמליך אַ ן אַ נ י מ י ס ט י ש ע ערקלעהרונג פון ערשיינונגען. שפּעטער זיינען „די גייסטער" נערופען געוואָרען אכטונג צו געבען אויף די געזעצען פון מאָראַל, אין זייער רצון האָט מען געזעהן דעם קוואַל פון געזעצען. איצטער האָבען די ערשיינונגען באקומען אַן אנדער ערקלערונג, גייסטער האָבען זיך פאר די אויגען ניט ענטפּלעקט און „אין דער דאָזיגער היפּאָטעזע נויטיגט מען זיך מעהר ניט פאר די ציעלען פון ערקענטניס", ווי לאַפּלאַס האָט געזאָגט וועגען גאָט, און דארום מוז די מאָראַל זיך אָפּזאָגען פון אַ איבער־נאַטירליכער סאנקציע און זוכען אַ נאַטירליכע. דער וויסענשאפטליכער רעאַליזם טרייבט ארויס דאָס איבערנאַטירליכע, און פאר רעליגיע איז מעהר קיין אָרט ניטאָ.

ענגעלס איז געשטאַנען אויפ'ן זעלבינען שטאַנדפּונקט, וואָס פּלעכאַנאָוו, וואָס מ'קאָן קלאָר זעהן, צום ביישפּיעל, פון זיין פאָר־גענדער ערקלערונג:

„בנוגע צו א גרויסער מערהייט פון די דייטשע סאָציאַל דע־מאָקראַטען קאָן מען זאָגען, אַז פאַר זיי איז דער אַטעאיזם — שוין אַן איבערגעגאַנגענע שטופּע. דאָס דאָזיגע וואָרט, וואָס האָט א ריין נעגאַטיווע באַדייטונג, איז צו זיי ניט אָנווענדבאר, ווייל זיי טרעטען ארויס שוין ניט אַלס טעאָרעטישע געגנער פון רעליגיע, נאָר אַלס פּראַקטישע געגנער: זיי האָבען שוין געענדיגט מיט דער גאָט־אידעע, זיי לעבען און דענקען אין א וועלט פון ווירקליכקייט און זיינען דארום מאַטעריאַליסטען״.

אין א בראָשורע, וואָס איז ניט לאַנג צוריק ערשינען, האָט אַנטאָן פּאַננעקוק מיט באַשטימטקייט ערקלערט, וואָס מען דאַרף פאַרשטעהן אונטער דעם דאָזיגען פּראַקטישען קאַמף מיט רעליגיע. צוזאַמען מיט דעם באַשטעהט ער ענערגיש אויף דער זעלביגער ענגער דעפיניציע פון רעליגיע: רעליגיע איז דאָס גלויבען אין איבער־נאַטירליכעס:

„מיר פאַרשטעהען אונטער רעליגיע דאָס, וואָס איז שטענדיג געווען איהר וועזענטליכער סימן, דאָס גלויבען אין אַן איבערנאַטיר־ליכער עקזיסטענץ, וואָס פיהרט כלומרשט די וועלט און באַשטימט די שיקזאַלען פון מענשען״.

און ווייטער:

„עס ווייזט זיך ארויס א טיפער געגענזאַץ צווישען אונזערע אַנשויאונגען און דער רעליגיעזער אַנשויאונג, מחמת יענע ער־שיינונגען, וועלכע דער רעליגיעזער מענש באַטראַכט פאַר איבער־נאַטירליכע רעבענען מיר פאַר נאַטירליכע און ערקלערען זיי מיט נאַטירליכע אורזאַכען״.

צולעצט:

„ווען מיר וואָלטען געוואָלט אָנווענדען דאָס, וואָס מען רופט „רעליגיע״, צו אַלעם דעם, וואָס רופט זיך אַנדערש טוגענד, מאָראַל

און אידעאַליזם, וואָלטען מיר אין די באַגריפען אריינגעטראָגען א פלאָנטער, אנשטאט קלאָרקייט".

„אין אונזער אויספאָרשונג האנדעלט זיך ניט וועגען דער צו־קונפט פון מאָראל אָדער פארשידענע טוגענדען — ווארום וועגען דעם איז דאָך ניטאָ קיין אונטערשיעד אין די אנשויאונגען צווישען די סאָציאַל דעמאָקראטען, — עס האנדעלט זיך וועגען דער צוקונפט פון דער אמונה אין גאָט".

ווירקליך, צו ערקלערען ניט אורטיילענדיג, אז „טוגענד, מאָראל און אידעאַליזם" איז דאָסזעלביגע, וואָס „רעליגיע", הייסט אריינ־טראָגען א פלאָנטער, אָבער קלאָרקייט און איינפאכקייט דיענען ניט אַלע מאָל אַלס זיגרייכער ארגומענט צו גונסטען פון דער אָדער יענער דעפיניציע. וואָס איז איינפאכער, צום ביישפיעל, ווי די שטרענגע אונטערשיידונג צווישען געלד און סחורה. און פלוצלינג טראָגט מארקס אריין „א פלאָנטער" ערקלערענדיג, אז געלד איז אויך סחורה, און אזאַ באַשטימונג צווינגט איהם זיך אריינצולאָזען אין חקירות, וואָס ער אַליין האָט זיי אַנערקאָנט פאַר „אויסערגעוועהנ־ליך שווערע". געוויס, אַזוי ווי אין דער אלגעמיינער שפראך פאר־שטעהט זיך אונטער רעליגיע דאָס גלויבען אין גאָט, איז פראקטיש באַקוועמער פון אַלץ זיך צו באַנוצען נאָר מיט אזאַ טערמין: רע־ליגיע איז — דאָס גלויבען אין גאָט. אָבער אַלגעמיין אָנגענומענע באַשטימונגען זיינען דאָך כמעט אַלע מאָל אויבערפלעכליכע.

שטאַמפּפער, וואנדערוועלדע.

א אָריגינעלע פּאָזיציע פארנעמט אין דער דאָזיגער פראגע דער רעוויזיאָניסט שטאמפפער. פאר איהם איז דער וועזענטליכער סימן פון רעליגיע דאָגמאטיזם:

„דער עצם פון פילאָזאָפיע — איז פרייהייט, דער עצם פון רע־ליגיע — איז די אבוועזענהייט פון פרייהייט. רעליגיע שטיצט זיך אויף דאָגמען, און פילאָזאָפיע אויף שליסע. דער וואָס וויל מיט פילאָ־זאָפישער אויספאָרשונג באַווייזען די אמת'דיגקייט פון רעליגיע,

האַנדעלט אין אמת'ן קענען דעם גייסט פון רעליגיע, וועלכע האַלט זיך העכער פון יעדער מענשליכער פאָרשונג".

„אין קאַמף פאַר אַ וועלט־אַנשויאונג מיט צוויי פּאָלוסן, מיט צוויי עקסטרעמע פּונקטען ערשיינען ניט „די רעליגיעזיטעט" פון איין זייט און „דער אַטעאיזם" אָדער זאָגאר „דער מאַטעריאַליזם" פון דער צווייטער זייט, נאָר די פּאָזיטיווע רעליגיע און די קריטישע טעטיגקייט פון מענשליכען פאַרשטאַנד".

ענטוויקלענדיג ווייטער דעם דאָזיגען געדאַנק, קומט אונזער פּאַרפאַסער צו אַזעלכע שטעלונגען: „קיינער, און וויינינגער פון אַלעמען אַ סאָציאַל דעמאָקראַט(?), וועט ניט אָפּלייקענען אַזעלכע באַגריפען, ווי: פאַרנונפט, געזעצען, אורזאַך, ציעל, פאָלקאָמענ־הייט, גערעכטיגקייט א. אז. וו. און צו מיר וועלען אָנרופען די דאָזי־גע באַגריפען גאָט, אָדער ווי עס איז אַנדערש, איז דאָס — אַ פראַגע פון טערמינאָלאָגיע".

די טעאָלאָגישע סיסטעמען פון אַלטערטום, ווי פון פּיטהאַגאַר, פּלאַטאָן און אַנדערע, האָבען ניט לויט שטאַמפּפערן קיין געמיינ־שאַפטליכעס מיט רעליגיע, אַזוי ווי ביי איהם זיינען בשום אופן ניט קיין רעליגיעזע לעהרער שפּינאָזאַ, קאַנט, פיכטע און שיללער, וואָרום קיינער פון זיי האָט ניט געלערנט דאָגמאַטיש. דערפאַר מאַטעריאַליזם, אַטעאיזם, — שטעלען זיך אַרויס... כמעט אַלס רעליגיע. אָט וואָס מיר לייענען ביי שטאַמפּפערן וועגען מאַטע־ריאַליזם:

„די סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז אין קיין פּרט ניט געבונדען מיט דער מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויאונג. די דאָזיגע וועלט־אַנשויאונג לייקענט אָפּ ניט נאָר די רעליגיע פון אָפּענבאַרונג, ענט־פּלעקונג, נאָר אויך די פּילאָזאָפּיע, וואָס איהרע אַלע באַמיהונגען רעכענט זי פאַר פּרוכטלאָזע, דערביי פאַרגעסט זי אינגאַנצען, אַז איהרע אייגענע גרונד־באַגריפען: „קראַפט" און „שטאָף" — זיי־נען אויך פּילאָזאָפּישע אַבסטראַקציעס. דער פאַקט, אַז מיר דענ־קען, באַפרייט אונז ניט פון דער מיה אויסצופאָרשען די געזעצען פון דעם דאָזיגען דענקען. אויף וויפיעל דער מאַטעריאַליזם וואַרפ־

אָפּ די דאָזיגע אויספאָרשונג און פּרובירט אויף זיין אייגענעם שטיי־
נער פארקלאפּען די וועלט מיט ברעטער, אויף אזוי פיעל איז ער
אין ענגער באריהרונג מיט די רעליגיעס פון אָפּענבארונג".

אויף אזא׳ן אופן שטעלט שטאַמפּפער אוועק אַלע באגריפען
אויפ׳ן קאָפּ. ער, זייענדיג היגנעריסען פון זיין אויסערליכען סימן
פון רעליגיע — פון דאגמאטיזם, איז גרייט אָנצונעמען, אז אַלע
מעגליכע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס ברענגען אריין אין די ער־
קלערונגען פון ערשיינונגען די באגריפען פון א גאָט פון ציעל, א
גאָט פון גערעכטיגקייט, געפינען זיך אין פארוואנדשאפט מיט דער
וויסענשאפטליך־סאָציאַליסטישער וועלטאנשויאונג, אָבער דערפאר
שליסט ער אויס די מאטעריאַליסטען. אונטערדעסען זאָגט ענגעלס
וועגען דיזעלביגע מאטעריאַליסטען פאָלגענדעס:

„מען וואָלט באדארפט זעהן, אז צווישען די ארבייטער זאָל
זיין זעהר פיעל פארשפּרייט די גלענצענדע פראנצויזישע מאַטע־
ריאַליסטישע ליטעראַטור פון 18טען יאהרהונדערט, — יענע ליטע־
ראטור, וואָס מצד דער פאָרמע און דעם אינהאלט שטעלט מיט זיך
פאַר ביז היינט די גרעסטע שאַפונג פון פראַנצויזישען זשעני, וואָס
לויט איהר אינהאלט, נעמענדיג אין באַטראכט דעם דאמאלסדיגען
צושטאנד פון דער וויסענשאַפט, שטעהט נאָך היינט אויף א
אומדערגרייכבארער הויך, און נאָך דער פאָרמע האָט זי נאָך היינט
אויך צו זיך קיין גלייכען ניט".

און אויך וואנדערוועלדע שטעהט אויף א באַזונדערען שטאנד־
פונקט, א שטאנדפונקט, וואָס איז פריינדליך צום מעטאפיזישען
אידעאַליזם. אמת, ער מאכט ניט שטאמפּפער׳ס גראָבסטע פעה־
לערען, פארקערט, פאר איהם באשטעהט דער תוך פון רעליגיע
גראָד דערין, אין וואָס שטאמפּפער איז געניינגט צו זעהן די פאר־
לייקענונג פון רעליגיע, נעמליך: אין דער פרייער אויספאָרשונג
פון׳ם „סוד".

„נור דער, זאָגט וואנדערוועלדע, וואָס פארשטעהט ניט דעם
רעלאַטיווען כאראקטער פון דער וויסענשאפט און איהר מאכט־
לאָזיגקייט אונז צו דערקלערען דעם תוך פון זאכען, קאָן האָבען די

אילוזיע, אַז די ערפאָלגען פון דעם וויסענשאַפטליכען וויסען וועלען מאַכען אַן ענד פון פילאָזאָפישען ניט־וויסען".

אָט טאַקע די אריינדרינגונג אין דעם דאָזיגען געביט פון אומ־באוואוסטען רופט אָן וואַנדערוועלדע רעליגיע אָדער רעליגיעזע פילאָזאָפיע, וועלכע שטעלען זיך אויף אַזאַ'ן אופן ארוים פאַר אייביגע.

„אָהן צווייפעל, אַז אַ סך מענשען, וואָס זיינען פרעמד צום מיסטיציזם און זיינען איבערצייגט, אַז ס'איז פרוכטלאָז זיך אריינ־צולאָזען אין חקירות וועגען אַ וועלט, וואָס איז איבער אונזערע חושים, וועלען זיך צופרידענשטעלען מיט'ן גליק גופא פון עקזיס־טענץ, פון דעם דאַ־זיין, און זיי וועלען וואַרטען אויפ'ן טויט אָהן שרעק, אָבער אויך אָהן האָפנונג, אנדערע פאַרקערט וועלען ניט קאָנען בייקומען די באַדערפעניס צו בויען השערות און, אין איינקלאַנג מיט די נייגונגען פון זייער פאַרשטאַנד, וועלען זיי צושטעהן צו דער אָדער יענער פון די לעהרען, וואָס האָבען צוטיילט צווישען זיך די מענשהייט, זינט עס עקזיסטירען רעליגיעזע און פילאָזאָפישע סיסטעמען".

„אָבער אַלע וועלען אין איין קלאַנג אנערקענען די אוממעגליכ־קייט צו באַגרינדען זייערע גלויבונגען וויסענשאַפטליך אָדער היס־טאָריש, אַלע וועלען אנערקענען, אַז דער כאַראַקטער פון די דאָזיגע השערות איז אין עצם סוביעקטיוו און דערפאַר וועלען זיי ניט זוכען ארויפצווינגען זיי אויף אנדערע אלס גלויבווירדיגע אבסאָלוטע וואַרהייטען".

אָט דאָס איז אין תוך גענומען וואַנדערוועלדע'ס מיינונג. „מאַנכע וועלען גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גאָט און אין אַ לעבען נאָך'ן טויט, אנדערע וועלען אין דעם ניט גלויבען", זאָגט ער.

זיין דעפיניציע איז טיפער פון פלעכאַנאָוו'ס, זי איז ניט אזוי ענג, וועניגער ראַציאָנאַליסטיש, אָבער אין איהר איז דער אמת צומישט מיט פאַרבלענדונג. וואַנדערוועלדע פיהלט, אַז רעליגיע אין איהר עצם איז נאָר ניט „קיין מיטעל אויף צו ערקלערען ער־שיינונגען", נאָר אַ לייזונג פון דער פראַגע וועגען דער לאַגע פון

דעם מענשען אין דער וועלט, און א לייזונג ניט קיין טעאָרעטישע, נאָר אַ פּ ר א ק ט י ש ע. נאָר אָנשטאָט צו ווייזען, אַז אפילו ביי די גלענצענדסטע זיגען פון דער וויסענשאַפט און ביי אַ פאָל־שטענדיג קלאָרען פאַרשטעהן פון דער וועלט בלייבט נאָך אַן אָרט פאַר רעליגיע, באַציהט ער זיך אויף דער אומפעהיגקייט פון דער וויסענשאַפט צו ווייזען דעם תוך פון זאַכען, ס׳הייסט ער גיט איינפאַך אָרום „אַ־פריאָרי״, (אויף פריהער, פאַר דער ערפאַה־רונג) פון דער מעטאַפיזישער פאָרשטעלונג וועגען די וועזענס, וואָס זיינען פאַרבאָרגען הינטער די ערשיינונגען, און פון רעליגיע מאַכט ער די השערה וועגען אַזעלכע וועזענס. דאָס איז ריינער קאַנט׳יאַניזם. קאַנט לערנט: דעם תוך פון זאַכען קאָן מען ניט וויסען, ער איז ניט צוגענגליך פאַר׳ן ריינעם שכל, אָבער פאַר׳ן פּראַקטישען שכל, וואָס באַשאַפט באַוואוסטע ציעלען, צוועקען, איז זעהר ווינשענסווערט און אפילו נויטיג, אַז דער דאָזיגער תוך זאָל זיין אַ טרייסטענדער און זאָל מאָראַליש דערקלערען מיט זיך דעם ווילדען אַמאָראַליזם פון ערשיינונגען, און מיר האָבען רעכט צו פּאָסטולירען, ס׳הייסט אָנצונעמען פאַר אמת אָהן שטרענגע באַ־ווייזען, אַז אין יענעם אָרט הינטער די ערשיינונגען, וועלכער איז פאַר דער ערקענטנים פוסט וואו עס זיינען ניטאָ קיין פאַקטען, וואָס זאָלען זיך שטעלען אנטקעגען אונזערע „פּאָסטולאַטען״ — איז דאָ וואָלטהאַט, חסד.

יאַ, די פאָדערונגען פון „פּראַקטישען שכל״, ס׳הייסט די בענק־שאַפטען פון דעם מענשען נאָך גליק, קאָנען ניט ערקלערט ווערען פאַר ניט עקזיסטירענדע אָדער פאַר ווייניג וויכטיגע, און קאָנען ניט באַפרידיגט ווערען פון דער וויסענשאַפט אַלס אַזעלכע, אָבער ציהען דערפון אַ שלוס, אַז זיי וועלען אַלע מאָל זיך צופרידענ־שטעלען מיט אויסגעטראַכטע מעשות, וואָס זיינען אומבאַשטרייט־באַר נאָר דערפאַר, וואָס זיי ליגען הינטער די גרעניצען פון דער זינליכער נאַטור, הייסט ארויסגעבען דער מענשהייט אַ צייגנים וועגען דער אָרימקייט פון גייסט. אין דעם דאָזיגען פאַל זיינען מיר נעהנטער צו גענאָסע פלעכאַנאָוו. אונז שיידט נאָר פאַנאַנדער

א טערמינאָלאָגישע פראַגע. אָננעמענדיג זיין דעפיניציע פון רע־ליגיע, וועלען מיר מוזען אָננעמען אַלע שליסע, און מיר נעמען זיי אָן „מיט ביידע הענד". נאָר ווען מיר וואָלטען אפילו אָנגענומען וואנדערוועלדע'ס טערמינאָלאָגיע וועלכע איז אויף אונזער בליק פארפלאָנטערט און ניט פינקטליך, וואָלטען מיר פונדעסטוועגען ענטשידען ניט איינגעשטימט מיט זיינע אויספיהרען. ער האָט גאָרניט נעקאָנט דערבליקען יענע גרויסע באפרייאונג פון דעם איבערזינליכען, ס'הייסט פון דעם, וואָס שטייגט אריבער אונזערע געפיהלען, א באפרייאונג, וואָס קומט פאָר ניט קוקענדיג אויף די באמיהונגען פון די בורזשואזע רעאקציאָנערען, פון די אויסגעפיי־נערטע, אזוי ווי פון די גראָבע, און וועלכע גענאָסע פלעכאנאָוו זעהט אזוי קלאָר. וואנדערוועלדע'ס גרויסער לאנדסמאן, דער פאָעט ווערהאָרן, זאָגט: „די געטער זיינען געווען די פאַרמענש־ליכונג פון דער נאטור, און דאָס איז געווען נויטיג: ווען די געטער געהען איצט אוועק, זיי שטאַרבען — איז א סימן, אַז זיי האָבען אויפגעהערט צו זיין נויטיג".

גענאָסע פלעכאנאָוו זאָגט אונז: „יא, געטער זיינען מעהר ניט נויטיג, ווייל בערטעלאָ נויטיגט זיך ניט אין זיי אין זיין לאבא־ראטאָריע". „גוט", וואָלט וואנדערוועלד געקאָנט ענטפערען: זיינען אָבער די געטער איבעריג פאר א מענשען, וואָס האָט פאר־לאָרען א געליעבט וועזען? פאר א טרויעריגען, פאר א שטאר־בענדען, פאַר דעם, וואָס פארנעמט די טויטע קעלט פון די וועלטען רוימען, וואו ס'ווערט לאנגזאַם אָפּגעקיהלט אונזער פלאָנעטען־סיסטעמע?" דער, וואָס קאָן זיך אויפהויבען איבער די דאָזיגע פראגען, זיי גובר זיין — האָט א רעליגיע. דער, וואָס איגנאָרירט זיי און דערפאר נויטיגט ער זיך ניט אין רעליגיע, — איז א ענגער עגאָאיסט, א ניהיליסט אין ערגסטען זינען פון וואָרט. אָבער דער, וואָס קאָן זיך אויפהויבען איבער די דאָזיגע פראַגען אָהן דער הילף פון א גאָט־אידעע? — דענק איך, אז אזא מענש האָט א *רעליגיע אָהן א גאָט*. באוויזען, אז דאָס איז מעגליך פאר דעם היינטיגען מענשען — הייסט מאכען א תל פון גאָט.

און דאָס סאַמע וואָרט ר ע ל י ג י ע איז שוין דאָ וועניגער וויכטיג. הגם מיר דאכט זיך, אַז ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס דאָס דאָזיגע וואָרט (רעליגיע), ווי דיצגען זאָגט, איז „וואולגאריזירט געוואָרען פון די פריסטער“ — דארף מען פאר איהם ניט מורא האָבען אויף אַ געצענדינערישען אופן, און פארבייטען איהם אויף אַן אַנדער וואָרט, ווי מיר ווּלען זעהן, איז גאָר ניט אַזוי גרינג.

לודוויג פייערבאך.

לודוויג פייערבאך האָט געוויס ניט באַלאַנגט צו די סאָציאַל־דעמאָקראטען. ער איז געווען דער פארלויפער פון מארקס און ענגעלס אָדער אפילו נאָר אַן איבערגאַנגס גליעד צו זיי פון פילאָזאָפישען אידעאַליזם, זייער מיטהעלפער ארויסצופיהרען די פילאָזאָפיע פון איהר גרונד־טעות. אַ גרויסע מעהרהייט פון סאָציאַל־דעמאָקראטען באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי באַציהען זיך מיט אכטונג צו די נעגאַטיווע פארדינסטען פון דעם דאָזיגען מענשען. ענגעלס׳עס קריטיק האָט דערצו שטאַרק מיטגעהאָלפען. ווּלענדיג אָנווייזען אויף יענע ריזיגע שריט, וואָס מארקס׳ס פילאָזאָפישער געדאנק האָט געמאכט ווייטער פון פייערבאך׳ס נאָך ניט צייטיגער פאָזיציע, ווייזט ער אויף מיט גרויס שארפקייט אַלע פעהלערען פון דעם פארפאסער פון׳ם ווערק — „דער תוך פון קריסטענטום“, און פארדעבענט איהם איין היסטאָרישען פארדינסט: ער האָט געגעבען דעם שטויס ענדגילטיג צו פאָרמירען דעם דיאַלעקטישען מאטע־ריאַליזם.

און אָט דער פילאָזאָף, וואָס ווערט בייזוויליג פארשוויגען פון דער דייטשער בורזשואזער וויסענשאַפט, וועלכע איז אויפגעבראַכט פון זיין געוואגטקייט, האָט אויך אין דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער וועלט באַגעגענט נאָר אַ ריין פאָרמעלע אנערקענונג פון אַ פאר־דינסט אַלס איבערגאַנגס־גליעד. אונטערדעסען, אויף אַ ספּעציע־לען געביט, אין דער קריטישער פילאָזאָפיע פון רעליגיע, איז דער דאָזיגער מענש געווען אומפארגלייכליך גרעסער, ווי עס מיינען די, וואָס זיינען מיט איהם באקאנט נאָר פון ענגעלס׳עס גלענצענדער

מאָנאָגראַפיע. אויב א סך פּרטים פון זיין קריטיק האָט די וויסענשאַפט איבערגעשטייגט — ניט אַזוי פיעל, פונדעסטוועגען, אין זין פון באַוויזען זייער ניט ריכטיגקייט, ווי אין זין צו פאַרשטאַרקען זיי — איז אָבער דער אַלגעמיינער גייסט פון זיין קריטיק אַזאַ, וואָס איבערראַשט מיט זיין טיפקייט. דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם קאָן אַ סך מוסיף זיין צו זיין קריטיק, אָבער בלויז מוסיף זיין, דעם פונדאַמענט האָט ער שוין געלייגט, און די געוועהנליכע באַציהונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שריפטשטעלער צו רעליגיעזע פראַגען שטעלט מיט זיך פאָר אַ שריט אויף צוריק: פון פייערבאַך׳ס קריטיציזם צו די אָפט זעהר אויבערפלעכליכע אויפקלערעריי פון די מאַטעריאַליסטען פון 18טען יאָהרהונדערט. וואָס ענגעלס זאָל ניט זאָגען וועגען דער טיפקייט און דעם גלאַנץ פון די געדאַנקען פון די מאַטעריאַליסטען, ווי גרויס עס זיינען ניט געווען זייערע היסטאָרישע פאַרדינסטען, אפילו אויפ׳ן סאַמע געביט פון דער רעליגיעזער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט — איז זייער פּאָזיציע בנוגע צו רעליגיע געוועזן אַן אויבערפלעכליכע, די דאָזיגע אויבערפלעכליכקייט איבעראַשט אויך ביי וואָלטער׳ן און ביי דידראָ מיט זיינע פריינד.

און דאַרום האַלט איך דאָס באַרופען זיך אויף פייערבאַך׳ן מעהר ווי גערעכטפאַרטיגט. איך דענק, אַז קיין מאַטעריאַליסט האָט דער רעליגיע, דער פּאָזיטיווער רעליגיע און יעדען גלויבען אין גאָט, אין אַ איבער־וועלט און אין איבערזינליכעס, ניט דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, ווי לודוויג פייערבאַך. נאָך פייערבאַך׳ן איז פילאָזאָפיש די רעליגיע פון אַ גאָט — צובראָכען. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט זי צוריסען פון אינעווייניג, אריינדרינגענדיג אין איהר סאַמע תוך. דער דאָזיגער מענש האָט באמת פאַרשטאַנען דעם תוך פון רעליגיע.

נאָך אויף די ערשטע זייטען פון זיין ווערק — „דער תוך פון קריסטענטום“ — באַהויפּטעט פייערבאַך קאַטעגאָריש, אַז ער לייקענט אָפּ נאָר דעם ניט־מענשליכען תוך פון רעליגיע, אָבער דעם מענשליכען תוך אָנערקענט ער און באַשטע־

טיגט. און ווייטער זאָגט ער: „דער פּראָוואָרף, אַז לויט מיין ווערק קומט כלומר׳שט אויס, אַז רעליגיע איז אַ אונזין און אַ אילוזיע, אַ פאַרבלענדעניס, וואָלט נאָר דאַן געהאַט אַ גרונד, ווען אויך די מדרגה, צו וועלכער איך דערהויב רעליגיע, וואָס רעכענט זיך פאַר איהר אמת׳ן געגענשטאַנד און אינהאַלט — ד ע ר מ ע נ ש, ד י אַ נ ט ר אָ פּ אָ ל אָ ג י ע וואָלטען אויך געווען גאָרנישט, אַ אונזין און אַ פאַרבלענדעניס. איך בין אָבער ווייט פון דעם, אַז איך זאָל צוגעבען דער אַנטראָפּאָלאָגיע אַ נישטיגע באַדיי־טונג אָדער אפילו אַ באַדייטונג פון צווייטען גראַד, ווי עס קומט פאַר דאַן, בעת מען שטעלט אַוועק אַנטקעגען דער אַנטראָפּאָלאָגיע די טעאָלאָגיע ווי עפּעס וואָס העכערעס. פאַרקערט: איך זעץ אַראָפּ די טעאָלאָגיע ביז אַנטראָפּאָלאָגיע און דערהויב גופא — ד ע ר ה ו י ב א י ך ד י א נ ט ר א פּ א ל א ג י ע ב י ז צ ו א ש ט ו פ ע פ ו ן ט ע אָ ל אָ ג י ע“.

„פאַר פייערבאַך׳ן איז רעליגיע ניט אַ באַשטימטע פאָרמע פון דער מענשליכער ערקענטניס, וואָס מען דאַרף געשיכטליך פאַר־שטעהן, נאָר ג ע פ י ה ל, אַ בענקשאַפט נאָך פרידען און רוה אין דער נשמה, אַ צושטאַנד פון מענשליכער, העכערער גליקזעליג־קייט. די איבערגעלעבטע פאָרמען פון דער רעליגיע דאַרפען אָנ־ווייזען דעם וועג, ווי אַזוי אויסצוגעפינען אַנדערע רעליגיעזע פאָר־מען, וואָס זאָלען פאַרנעמען זיין אָרט“.

„די רעליגיע שטאַמט פון אַן אָפּהענגיגקייטס־געפיהל. דער מענש פיהלט, אַז איבער איהם איז דאָ אַ אומגעהייער גרויסע מאַכט, וואָס דריקט איהם אַראָפּ און ער וויל זיך פון איהר באַ־פרייען. די דאָזיגע אומגעהייערע מאַכט, בעת מען באַטראַכט זי טיפער, איז די נאַטור. קעגען איהר איז דער מענש שוואַך, קליין און הילפלאָז. ער וואָלט וועלען רעגירען איבער איהר, ער וואָלט וועלען זיין אַ איבער־נאַטירליך וועזען, וואָס זאָל קאָנען אויספיה־רען אַלץ, וואָס ער באַגעהרט. אָט דער פאַרבאָרגענער וואונש ווערט אויסגעפיהרט דורך דעם רעליגיעזען כח הדמון. אַזאַ וועזען ווערט באַשאַפען און אַוועקגעזעצט ווי אַ באַשאַפער און אַן איבערהאַר

איבער אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער נאַטור. ס'איז דאָ אַן אַל־מעכטיגער גאָט, וואָס שטעהט העכער איבער די אייזערנע נאַטור־געזעצען, וואָס קאָן און וויל העלפען דעם מענשען אין זיינע יסורים און אָנשיקעניסען. אַזוי זאָגט דעם מענשען זיין פאַנטאַזיע".

דאָס הייסט, אַז דער מענש שאַפט גאָט.

„אָבער ניט נאָר די בענקשאַפט נאָך אַל־מאַכט איבער דער נאַטור שפּיגעלט אָפּ אָט דער גאָט, וואָס דער מענש האָט געשאַפען, ער ווערט אויסגעציערט מיט נאָך פיעל אַנדערע מעלות, וואָס זיינען טייער דעם מענשליכען הארצען: ער איז אַל־וויסענד, ווייל ווי־סענשאַפט איז אַ מענשליכער אידעאַל, ער איז בארעמהערציג, אַל־גיטיג, אַ ליבענדער און גערעכטער פאָטער, ווייל דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע מעלות, וואָס דריקען אויס דעם אידעאַל פון אַ מענשליכען וועזען, — מעלות, וואָס די פאַנטאַזיע פאַרטאָפּעלט ביז צו דער אומענדליכקייט. אין אמת'ן האָט דאָס אַלץ נאָר איין איינציגען זין. ניט גאָט איז אַל־וויסענד, נאָר די וויסענשאַפט איז פאַר דעם מענשען געטליך; ניט גאָט איז בארעמהארציג, נאָר די בארעמ־הארציגקייט איז פאַר דעם מענשען געטליך".

די באַשטימונג פון רעליגיע האָט פייערבאַך אין ערגיץ ניט פאָרמולירט אויף אַ פאָלשטענדיג צופרידענשטעלענדען אופן, אָבער דער לעזער וועט באַלד דערפיהלען אַ גרויסען אונטערשייד צווישען פייערבאַך'ן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען ראַציאָנאַליסטען און אויפקלערער, ווען ער וועט איבערלייענען אַזעלכע שורות: „רעלי־גיע איז אַ פייערליכע ענטפּלעקונג פון די אוצרות, וואס זיינען פאַרבאָרגען אין דעם מענשען, די באַקענטניס פון זיינע אינערליכע געזינונגען, אַן אָפענע וידוי וועגען די סודות פון זיין ליעבע".

מיט אַנדערע ווערטער: „אין דער רעליגיאָן איז זיך דער מענש מתודה וועגען זיין אייגענער פאַרבאָרגענער געטליכער טבע". דאָ האָט פייערבאַך אָנגעכאַפּט די רעליגיע פאַר'ן הארצען, און ניט פאַר די קליידער, ווי גענאָסע פלעכאַנאָוו. זיין דיפיניציע פון רע־ליגיע ענטוויקעלט פייערבאַך ווייטער אויף פאָלגענדען אופן:

„דער היסטאָרישער פּראָגרעס אין רעליגיע באַשטעהט אָט

טאקע אין דעם, וואָס דאָס אָביעקטיווע פון די פריהערדיגע רעלי־גיעס ווערט דערנאָך סוביעקטיוו, דאָס הייסט אויף וואָס מ'האָט פריהער געקוקט, ווי אויף א ג אָ ט און וואָס מ'האָט אין אָנ־הויב פארעהרט, ווי א גאָט, ווערט איצט אנערקאנט פ א ר מ ע נ ש ל י כ ע ס. אין אַלע רעליגיעס פארעהרט דער מענש זיין אייגענעם תוך. ער האָט זיך אָביעקטירט, אָבער דעם אָביעקט האָט ער ניט געהאלטען פאר זיין תוך; די שפּעטערדיגע רעליגיע מאכט אָבער יאָ דעם דאָזיגען שריט, און דער גאנצער פּראָגרעס אין רע־ליגיע נייגט זיך דערפאר צו דער פארטיפונג פון דער זעלבסט־ערקענטניס."

אלזאָ: „אין רעליגיאָן איז דער מענש זיך מתודה וועגען זיין אייגענער פארבאָרגענער געטליכער טבע. דער אומגליק פון דער רעליגיע באשטעהט אָבער אין דעם, וואָס דעם מענשענס אייגענער אידעאל ווערט פון איהם ארויסגעוואָרפען ערגעץ־וואו דרויסען און שטעלט זיך אוועק אנטקעגען דעם מענשען, ווי א פרעמדע באהערשענדע מאכט. דער מענש פארלירט זיך אין איהם, זעהט אין איהם נאָר דעם אל־מעכטיגען, וואָס קאָן איהם העלפען אין זיינע נויטען, ער פאלט פאר איהם אין שטויב און פארלירט זיין אייגענעם מענשליכען וועזען, זיין תוך. די לעבענס־נויט, די אויבערמאכט פון דער נאטור, מאכט איהם עגאָאיסטיש, ריין פראקטיש. און בעת דער אידעאל פון גאָט שפּיגעלט אָפּ אין זיך די טבע פון דעם גאנצען מענשליכען מין, איז דאָס רעליגיעזע לעבען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם איינצעל־מענשען, ווען ער איז גע־וואָרען פרעמד צו זיין אייגענער טבע".

„די קריטיק פון די ביז־אַהעריגע רעליגיאָנס־פאָרמען דארף אָפּשאפען אָט דעם תהום, וואָס עקזיסטירט צווישען דעם מענשען און זיין אייגענער טבע. ער דארף די טבע ווידער אריינגעמען אין זיך און ניט פארעהרען זי דרויסען פון זיך. אין געמיינזאַמען שאַ־פען, אין ברידערליכער ליעבע דארפען די מענשען זיך ווידער פאר־אייניגען, כדי דורך וויסענשאפט צו באקומען די אויבערמאכט איבער דער נאטור און אין דעם מענשליכען לעבען פארווירקליכען

יענע אידעאַלען, וואָס זיי האָבען ארויסגעשליידערט פון זיך אין דער פאָרם פון א גאָט — גלויבען. דאָס דאַרף זיין דער אינהאַלט פון דער נייער מענשליכער רעליגיע. דער מענש, וואָס איז געוואָרען פרעמד צו זיך אין דעם איבערנאַטירליכען גלויבען (גאָט), קעהרט זיך אום צוריק צו זיך אין דעם מאָדערנעם רעליגיעז־פריידענקערישען באַוואוסטזיין און אין די סאָציאַלע באַשטרעבונגען, וואס דארפען פאַרווירקליכען דעם אידעאַל פון א מענשליכען לעבען".

פייערבאַך, אין זיין אַנטראָפאָלאָגישער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, האָט דערהויבען די אַנטראָפּאָלאָגיע צו דער מדרגה פון טעאָלאָגיע. איך מיין, אז פון א שטאנדפונקט א רעליגיעז־פילאָזאָפישען, האָט מארקס גלענצענד פאָרטגעזעצט דעם דאָזיגען ענין — די דערהויבונג פון דער אַנטראָפּאָלאָגיע צו דער מדרגה פון טעאָלאָגיע, — ס'הייסט ער האָט אויף א פאָלשטענדיגען אופן געהאַלפען דעם מענשליכען באוואוסטזיין צו ווערען א מענשליכע רעליגיע.

די געבראכטע אויסצוגען זיינען גענוג, כדי צו שטעלען פייערבאַך'ס פילאָזאָפישע טיפקייט קעגען — אפילו טיילאָר'ס געלעהרטער אויבערפלעכליכקייט, וואָס ביי איהם האָט גענאָסע פלעכאנאָוו גענומען זיין דעפיניציע,—א דעפיניציע, וואָס איז פארשפרייט צווישען די בורזשואזע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פריידענקענדע פובליציסטען.

יאָזעף דיצגען.

דער גרויסער פילאָזאָף פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס זיין נאָמען, אלס פילאָזאָף, ווערט שטופענוויינ געשטעלט אין רייה מיט ענגעלס'עס נאָמען — יאָזעף דיצגען, האָט זיך גענייגט צום פייערבאַכ'ישען שטאַנדפונקט. דיצגען'ס אינהאַלטסרייכע בראָשורע „די רעליגיע פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע" ענטהאַלט וואונדערליכע שורות וועגען דעם דאָזיגען ענין:

„טייערע מיטבירגער! די אידעען פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע ענטהאַלטען אין זיך א נייע רעליגיע, וועלכע, אין גענענזאַץ

צו אלע עקזיסטירענדע שטרעבט צו דעם, אז זי זאָל אויפגענומען ווערען ניט נאָר מיט'ן הארצען, נאָר אויך מיט'ן שכל. פון אנדערע געוועהנליכע אָביעקטען פון גייסטיגער טעטיגקייט צייכענט זיך אוים די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט דעם, וואָס זי איז די ענטפּלע־קונג פון דעם מענשליכען הארץ, אין דער געשטאלט פון א באזונ־דערער רעליגיע. ד ע ר צ י ע ל פ ו ן ר ע ל י ג י ע איז אייגענטליך — ג ר י נ ג ע ר צ ו מ א כ ע ן ד אָ ס א ו י ס־ג ע מ א ט ע ר ט ע מ ע נ ש ל י כ ע ה א ר ץ פ ו ן ד ע ם ט ר ו י ע ר פ ו ן ע ר ד י ש ע ן ל ע ב ע ן. ביז היינט האָט זי דאָס געקאָנט דערגרייכען נאָר מיט א אידעאַליסטישען וועג, דורך טרוימעריי, זיך שטיצענדיג אויף אַן אומזיכטבארען גאָט און אָנ־באַטענדיג א לעבען נאָך'ן טויט. דער עוואנגעליום פון דער געגענ־וואַרט זאָגט צו איבערצומאַכען אויף א סאַמע רעאַלען, אויף ... סאַמע ווירקליכען און פיהלבארען אופן אונזער עמק הבכה, אונזער טהאָל פון קימער און טרויער".

אָט איז א קאַטעגאָרישע און אויסגעצייכענטע באהויפּטונג, אונטער וועלכער מיר שרייבען זיך אונטער מיט פרייד.

אָבער דיצגען געהט ווייטער, מיט ניט ווענינער שאַרפקייט באַ־צייכענט ער די ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם רעליגיעזען באוואוסט־זיין, די ראַדיקאַלע אונטערשיידונג פון דער נייער רעליגיע: „אויב רעליגיע פיהרט אוועק צום גלויבען אין ניט־ערדישע און איבער־ערדישע מאַטעריעלע וועזענס און קרעפטען, צום בטחון אין געטער און גייסטער, האָט די דעמאָקראַטיע אין אזא פאַל אינגאַנצען ניט קיין רעליגיע. איהר אָרט אין דער דעמאָקראַטיע פאַרנעמט דאָס באוואוסטזיין, אז דער איינצעל־מענש איז מאכטלאָז, אז פאַר זיין פאַרפאַלקאָמונג נויטיגט ער זיך אין א געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַ־ציע און מהמת דעם איז ער איהר אונטערוואַרפען. א קולטורעלע מענשליכע געזעלשאַפט — אָט דאָס איז די העכסטע געזעלשאַפט, וואָס אין איהר ג ל ו י ב ע ן מיר, אונזערע ה אָ פ נ ו נ ג ע ן ווערען ארויפגעלייגט אויף א סאָציאַל דעמאָקראַטישער אָרדנונג. נאָר די דאָזיגע אָרדנונג רעאַליזירט די ליעבע, ווענען וועלכער די

רעליגיעזע פאַנטאַזיאָרען האָבען נאָר געקאָנט ביז היינט חלומ'ען. זאָלען די מענשען, וואָס זיינען פאַרגליווערט אין אַבערגלויבען און די באַגרענעצטע, וואָס האָבען אין זיך ניט געפונען קיין גלויבען אין אַ דעמאָקראַטישער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, איבער־טראָגען זייערע האָפנונגען און זייער ליעבע אין „יענער וועלט"

בעסער קאָן מען ניט אויסדריקען דעם גרונד־געדאַנק, וועלכען מיר באַמיהען זיך צו ענטוויקלען און צו באַווייזען בנוגע צום וויסענ־שאַפטליכען סאָציאַליזם. אויף אַזא'ן אופן וואָלט דיצגען מסכים געווען מיט פּלעכאַנאָוו'ס אויספיהרען וועגען דעם פאָלשטענדיגען טויט פון רעליגיע, ווען ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון זיין דעפי־ניציע. אָבער ער צווייפעלט אין דער טויגבאַרקייט פון אַזא דעפי־ניציע. ער, פאַרקערט, איז גענייגט צו זעהן דעם שווער־פּונקט אין דעם באַוואוסטזיין פון דער מאַכטלאָזיג קייט פון אינדיווידיאום, אין דעם גלויבען אין אַ העכערען יסוד (פאַר אַ סאָציאַל דעמאָקראַט — „די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַ־ציע"), אין האָפנונג און ליעבע. דיצגען רעכענט, אַז די דאָזיגע עלעמענטען זיינען אויך דאָ אין דער לעהרע פון דער סאָציאַל דע־מאָקראַטיע.

דאָך האָט דיצגען עפּעס אַזוי ווי גענומען צווייפלען צי איז ער ניט אַוועק צו ווייט. ער האָט אָפּגעשוואַכט זיין פּאָזיציע עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט באַפרידיגען די קריגערישע חברים־אויפ־קלערער און דערביי איז ער נאַטירליך אַריינגעפאַלען אין אַ ווידער־שפּרוך. ער זאָגט:

„אין דעם אומפאַרשטענדיגען וועה־געשריי וועגען דער אַלגע־מיינהייט, אייביגקייט און אומפאַרמיידליכקייט פון רעליגיע איז דאָ עפּעס וואָס פאַרענדיגטעס. אַ איינפאַכע פאַרלייקענונג פון רע־ליגיע וואָלט געווען איינפאַך דער רוסישער ניהיליזם, — וואָס איז מיט פולען רעכט אויסגעשלאָסען פון אינטערנאַציאָנאַלען באַדאַרף. מיר אַנערקענען ניט אַ זינלאָזע אָפּלייקענונג: אונז זיינען לעבער־ליך „די קולטור־קעמפער", ווייל מיר אַליין האָבען ברעה צו קעמ־פען פאַר די ערפאָלגען פון דער קולטור".

דאָ האָט דיצגען געזאָגט א שאַרף וואָרט וועגען די ריינע אָפּ־לייקענער, אָבער ווייטער זאָגט ער זיך אַרויס נאָך שאַרפער אין א צווייטען פּרט: „מיר אַנערקענען אין דעם מענשען אַן איינגעבוי־רענעם ס י ס ט ע מ א ט י ק ע ר, זאָגט ער: די שקלאַפּישע פּאַרמיטלער און נאַראָנים, קאָן זיין, האָבען דערפאַר אונז טאַקע צוגעטיילט רעליגיאָן“.

זעהר שטארק געזאָגט. אָבער אַזוי ווי דיצגען האָט אָנגע־הויבען זיין לעקציע מיט די ווערטער: „טייערע מיטבירגער, די אידעען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ענטהאַלטען א נייע רעלי־גיע“, — קאָן נאָך דער אויבערפלעכליכער לעזער פרעגען: „אויב אַזוי, וואָס איז מיט אייך אַליין? איהר אַליין זאָגט דאָך, אַז אין די אידעען פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע איז דאָ א נייע רעליגיע?“

אָבער אונטער די מענשען, וואָס האָבען אונז צוגעטיילט רע־ליגיאָן, מיינט דיצגען יענע, וואָס שטרעבען צו באַווייזען, אַז אין דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם ליגט א ב ע ר ג ל ו י ב ע ן און מ ע ט א פ י ז י ק, ער מיינט די מענשען וואס צווינגען אַרויף די אַלטע פאָרמען פון רעליגיע און זיינען גרייט זיך צו באַנוצען דערפאַר מיט דער וועזענטליכער עהנליכקייט פון דער ביאָלאָגישען אינהאַלט פון די אַלטע רעליגיעס און פון וויסענשאַפט־ליכען סאָציאַליזם. דער דאָזיגער געדאַנק איז גאַנץ קלאָר פון זיינע ווייטערדיגע ווערטער: „מיר אַנערקאָנען ניט דאָס וואָרט ר ע ל י ג י ע ניט דערפאַר, ווייל מיר לייקענען אָפּ יעדע אַלגע־מיינהייט און פאַרוואַנדשאַפטליכקייט פון א רעליגיעזער און סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער וועלט־אַנשויאונג, נאָר דערפאַר, כדי אונ־טערצושטרייכען דעם אונטערשיעד, כדי זי צו צערייסען ניט נאָר לויט'ן אויסערליכען, נאָר אויך לויט'ן אינערליכען אינהאַלט, ניט נאָר לויט'ן נאָמען, נאָר אויך אין דערווירקליכקייט מיט'ן וואָרט, וואָס די פּריסטער האָבען וואולגאַריזירט“.

דיצגען האַלט זיך אָבער פעסט ביי דער אידעע וועגען דער פאַרוואַנדשאַפטליכקייט צווישען דער רעליגיעזער און סאָציאַל־

דעמאָקראַטישער וועלט־אַנשויאונג. אָבער ווייטער פאַרלאָזט איהם די לאָגיק. אמת, ניט אָננעמען ד אָ ס וו אָ ר ט רעליגיע, הייסט לויז ווערען פון דעם „לויט'ן נאָמען" און „אויסערליך". מען קאָן אָבער אָנערקענען א וואולגאַריזירט וואָרט און עס באַלייבּטען מיט אַ נייעם אינהאַלט. איז דען ניט וואולגאַריזירט דאָס וואָרט „אידעאַל"? — אַפילו דאָס וואָרט „מאַטעריע", דאָס וואָרט „סאָציאַליזם"? ווערטער זיינען ריין אין ריינע מיילער, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט נאָר געווינען, בעת זי וועט זאָגען: יא, איך בין אַ נייע, גרויסע, רעליגיעזע קראַפט, און איך טראָג מיט זיך אַ רעליגיע, וועלכע פאַרבייט אַלע פריהערדיגע און ענטהאַלט זיי אין זיך אין דער העכסטער מעגליכקייט.

אין די לעצטע לעקציעס האָט דיצגען אַזוי ווי זיך דערשראָקען פאַר זיין הדייסטקייט און ער איז אריינגעפאַלען אין אַ ווידערשפּרוך.

אין דער צווייטער לעקציע האָט דיצגען אַזוי רעזיומירט דעם געדאַנק פון זיין ערשטער לעקציע:

„אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג האָבען מיר געפונען אַ נייע פאָרמע פון רעליגיע, אויף וויפיעל די דאָזיגע באַוועגונג פאַרפאָלגט אַ ציעל, וואָס איז אַנאַלאָגיש צו רעליגיע: באַפרייען דעם מענשליכען מין פון אָרימקייט, וואָס אונטער איהר יאָך האָט ער, אַ הילפלאָזער, אָנגעהויבען זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין דער דאָזיגער פאַרקערטער וועלט".

אָבער דעם זעקסטען קאַפּיטעל פון זיין בוך הויבט ער אָן אַזוי:

„אונזער לעצטע לעקציע איז געווען געווידמעט דעם פאָלגענדען טהעזיס: „דער מענש מוז האָבען אַ סיסטעמע". ווארום זיין אינטעלעקטועלע באַדערפניס באַשטעהט אין דעם, אום צו ערווערבען אַן אויסגאַנגס שטאַנדפונקט, וואָס פון איהם זאָל ער קאָנען קוקען אויף דער וועלט. דער מענש, אום זיך ניט צו פאַרלירען אין דער כאַאָטישער פאַרשידענאַרטיגקייט פון דער וועלט, סיסטעמאַטיזירענדיג אויף די שטערען אויפ'ן הימעל און די וועלט טיילט ער ווידער אַלץ איין אויף געביטען, סעקציעס, קלאַסען, מינים, פאַמיליען און אינדיווידוען. מיט איין וואָרט, די פאַרשידענאַרטיגקייט

רופט ער מיט פארשידענארטיגע נעמען. באזיצען די פעהיגקייט זיך צו אָריענטירען אין אלצדינג, פארשטעהן אלצדינג אונטערצו־פיהרען אונטער א באשטימטע רובריק רופען מיר אָן האָבען „א ס י ס ט ע מ ע".

און אזוי ווי האָבען א וויסענשאפטליכע סיסטעמע הייסט לויט דיצגען האָבען א רעליגיע האָבען מיר דאָ צו טאָן מיט'ן רייגסטען ראַציאָנאליזם. רעליגיע ווערט אויפ'ס ניי באטראכט, ווי ביי פלעכאנאָוו'ן, ווי א סוראָגאט פון וויסענשאפט און ווערט נאטירליך ארויסגעזעצט פון דער אמת'ער וויסענשאפט. ווי איז דאָס אָבער פּאָרגעקומען, אז דיצגען האָט פארגעסען יענע טיפע דעפיניציעס פון רעליגיע פון וועלכע ער איז ארויסגעגאנגען? די ערקלערונג ליגט אין פאָלגענדען זאַץ, וואָס דיגט אלס איבערגאנג פון דער ער־שטער טענדענץ צו דער צווייטער:

„איך האָב אָנגערופען רעליגיע א לעבענס חכמה, ווייל ניט נאָר באָט זי אָן דורך דער פארמיטלונג פון מעכטיגע געטער, תפלות און געוויין צו דערלייזען פון לעבענס־טרויער און פון נאטור אומ־גליקען, נאָר אויך דערפאר, וואָס זי גיט צו אונזער דענקען א ס י ס ט ע מ א ט י ש ע פינקטליכקייט. בכלל די באדייטונג פון רעליגיע פאר ניט־קולטורעלע פעלקער באגרינדעט זיך אויף דער אלגעמיינער באדערפניס אין א סיסטעמאטישער וועלט־אנשויאונג. ביי אונז איז דאָ א פראקטישע באדערפניס — די הערשאפט איבער די אָביעקטען פון דער ערד, און אויך א שאפענדע באדערפניס — זיי צוזאמענצופיהרען אינאיינעם. מיר שטרעבען צו וויסען דעם אָנהויב און דעם סוף פון דאָס, וואָס רינגעלט אונז ארום".

אָט דער זאַץ וועט אונז אינגאנצען ערקלערען דיצגען'ס געדאנק: דער וויסענשאפטליכער סאָציאליזם אלס אַן אָפשפיגלונג אין דעם פארשטאנד, געפיהל און אין דער טעטיגקייט פון אינדיווידיאום פון דעם גרויסען באפרייאונגס פראָצעס פון דער מענשהייט איז א נייע און א העכסטע פאָרמע פון רעליגיע; אלס א פאָרשטעלונג וועגען דער וועלט, אלס א וויסענשאפט — האָט ניט דער וויסענ־שאפטליכער סאָציאליזם קיין אלגעמיינעס ניט מיט איינער פון

די פריהערדיגע רעליגיאָנס פאָרמען. אָט אזוי, ווי מיר דאכט זיך, קאָן מען פינקטליך אויסדריקען דיצגען׳ס געדאנק, וואָס האָט זיך לײדער אזוי ווידערשפּרעכענד אָפּגעשפּיגעלט אין זיינע לעקציעס.

יעדע רעליגיע נעמט ארום אויף די וויסענשאפט, זי שטעלט צופרידען דעם פארשטאנד און די עסטהעטיק אינאיינעם מיט דער עטהיק. זי שטעלט צופרידען דאָס געפיהל, אויף די שרעקען און די האָפנונגען, אין זייער ווירקונג אויף דער טעטיגקייט פון דעם מענשען. דאָס איז ניט נאָר א וועלט־אנשויאונג, דאָס איז ניט א סיסטעמע פון וויסען — דאָס איז אַ גרויסע שטימונג, אַ אומעדליך קאָמפּליצירטע לויט איהרע עלעמענטען, וואָס נעמט מיט זיך ארום כמעט אַלע באַציהונגען פון דעם איינצעלנעם צו דער סביבה. דער סאָציאַל דעמאָקראַטיזם איז אויך ווייט ניט נאָר א סיסטעמע פון וויסען, ער איז אויך א שטימונג, וואָס איז פול מיט האָפנונג, מיט פריידען, מיט קאמפּס־שוואונג, מיט גרייטקייט אויף קרבנות, און געווים איז ליבקנעכט ניט געווען קיין „נאַר“, ניט קיין „פארמיט־לער“, בעת ער האָט אויסגעשריען אין בורזשואזען רייכסטאג:

„איז דען ניט סאָציאַליזם די העכסטע זיטליכקייט, אונאייגענו־צינקייט, זעלבסט־אויפאָפּפערונג, ליעבע צום צווייטען? אויב מיר האָבען אין דער צייט פון דעם אויסנאהמס־געזעץ וועגען סאָציאַ־ליסטען געבראכט די גרעסטע קרבנות, אויב מיר זיינען מושוה געוואָרען מיט דעם, וואָס אונזערע פאמיליעס זיינען צושטערט געוואָ־רען און באַרויבט געוואָרען פון די מיטלען צום לעבען, אויב מיר האָבען אויף יאָהרען לאנג זיך צושיידט מיט אונזערע פרויען און קינדער נאָר דערפאר, כדי צו דיענען אונזער זאַך, איז ד אָ ס ג ע ו ו ע ן ר ע ל י ג י ע, ניט די רעליגיע פון די פּריסטער, נאָר די ר ע ל י ג י ע פ ו ן ד ע ר מ ע נ ש ה י י ט. דאָס איז געווען אַ גלויבען אין דעם נצחון פון גוטעס און פון דער אידעע“.

3) די ביאָלאָגישע דעפיניציע פון רעליגיע.

ס'איז ניטאָ קיין צווייפעל אין דעם, אַז די ערשטע שריט פון רעליגיע זיינען אוּמצערייסבאר פארבונדען מיט די ערשטע שריט פון דער וויסענשאפט און פּאָעזיע. אנימיזם, ס'הייסט די ערקלע־רונג פון די וועלט ערשיינונגען לויט דער אנאלאגיע, לויט דער עהנליכקייט מיט'ן מענשען, אלס ענטפּלעקונג פון די ווילענס אָדער גייסטער, וואָס שטעהען הינטער די ערשיינונג, איז אי די רעליגיע אי די פּאָעזיע, אי די וויסענשאפט פון דעם פרימיטיווען מענשען. פּאָעזיע און וויסענשאפט גיסען זיך צונויף ביי איהם דערפאַר, ווייל זיינע היפּאָטעזען, זיינע השערות נעמען אָן דעם לעבעדיגען כאראק־טער פון א מיף (א מיטהוס), און דערפאַר, וּמחמת ער שיידט ניט אָפּ די היפּאָטעזען, וואָס באפרידיגען איהם פיעל־ווינציג, פון דעם אמת. די מיטהאלאָגיע, איז דאָס די פרימיטיווע פּאָעטישע ווי־סענשאפט, זי ווערט רעליגיע דערפאר, ווייל ניט נאָר ערקלערט זי דעם מענשען די נאַטור (ווי די היינטיגע וויסענשאפט), און ניט נאָר גיט זי דער פאַנטאַזיע אַ ווילען (ווי די היינטיגע קונסט), נאָר זי שטעלט איין גענענזייטיגע באַציהונגען צווישען דעם מענשען און די מעכטיגע וועזענס, וואָס רינגלען איהם ארום. ניט א איינ־פאבער באַגעהר צו וויסען, ניט א איינפאכע לוסט צו פאנטאזירען, צו פאבולירען פיהרט דעם פריימיטיווען מענשען, נאָר א פ ר א ק־ט י ש ע ב א ד ע ר פ ע נ י ס.

כדי צו לעבען, כדי צו באפרידיגען די דרינגענדע באדערפע־ניסען, מוז דער מענש אוּועקמעסיג איינווירקען אויף דער נאטור. די דאָזיגע איינווירקונג ווייזט זיך צולעצט ארוים אויף אזוי פיעל מעכטיג, אז דער מענש (אורשפּרינגליך די העכערע קלאסען פון דער

געזעלשאפט) איז אריבערגעגאנגען פון זעלבסט־פארטיידיגונג צום אנגריף. אָבער אין די אור־אַלטע צייטען האָט די מענשליכע פּראַצע — אַלס דער איינציגער ווירקליכער מיטעל איינצואווירקען אויף דער נאַטור — זיך ארויסגעוויזען נישטיג. ווען דער מענש וואָלט זיך שוין דעמאָלט פאַרגעשטעלט, ווי די נאַטור איז צו איהם אונאויפמערקזאַם, ווען ער וואָלט שוין דעמאָלט פארשטאַנען, אַז נאָר די ענערגיע פון זיינע נערווען און מוסקולען איז די קראַפט, וואָס איבער איהר האָט ער אַ דעה, וואָלט אויף איהם אָנגעפאלען אַ פארצווייפלונג.

די ערקענטניס בילדעט אַ נויטיגען פאַר־יסוד פון דער מענש־ליכער ארבייט, ווארום די מענשליכע ארבייט איז אַ.באוואוסטזיניגע טעטיגקייט, וואָס זעצט אויס אַ ציעל. זיך פאנאנדערקלייבענדיג אין דער נאַטור, האָט דער מענש זי אויסגעטייטשט לויט דער אנאלאגיע מיט זיך. די השערה, אַז הינטער די נאַטור ערשיינונגען שטעהען גייסטער אָדער ווילענס, איז די איינפאכסטע און נאַטיר־ליכסטע פאַר דעם ניט קריטישען פארשטאנד. אָבער די דאָזיגע אויסטייטשונג האָט זיך באפעסטיגט און ערוואָרבען אַ גרויסע באדייטונג טאַקע דערפאַר, ווייל זי האָט באגעגענט די פּראַקטישע באדערפעניס פון דעם מענשען. ווי פאַר אַ שטארקען, ומיט וועמען ס'איז אומזיסט דאָס קעמפען, שטעלט זיך דער מענש אויף די קני, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: איך בין קליין און נישטיג, איך בין אין גאנצען אין דיין מאכט, איך בין דיין זאַך! ווי פאַר אַ מעכטיגען, שטרעקט ער אויס די הענד, בעטענדיג הילף, ווי אַ קינד בעט ביי דער מוטער; ער ברענגט איהם מתנות, וועלענדיג דער־מיט איהם צוציהען צו זיך. אָט אַזוי באַגעהט זיך אויף דער מענש בנוגע צו די גרויסע און שטארקע גייסטער, וואָס האָבען אַ דעה אויפ'ן גאנג פון די מאַטעריעלע געשעהעניסען, פון וועלכע עס הענגט אָפּ זיין וואוילזיין און זיין עקזיסטענץ גופא.

נאָר אָט די דאָזיגע לעבעדיגע באציהונג פון דעם מענשען צו גאָט, צום געטליכען, צום גייסטיגען אין דער נאַטור ברענגט ארויס

די באזונדערע ערשיינונג — ר ע ל י ג י ע, וועלכע באקליידט זיך אויף אזא'ן אופן אין אנימיסטישע פארמען.

רעליגיע קודם כל זעצט פאראויס, נעמט אן פאר מעגליך צו לינדערען באדערפעניסען און ליידען, וואס קעגען זיי פיהלט זיך דער ומענש כיאבמלאז. דאס, און נאר דאס פיהרט ארויס דעם מענ־שען הינטער די גרענעצען פון אינדיוויד, צווינגט איהם צו זוכען פארבינדונגען דרויסען פון זיך, פארבינדעטע, באשיצער. רעליגיע — איז „א פארבינדונג".

א באדערפעניס פיהרט נאטירליך הינטער זיך א מעהר אדער ווייניגער אומקלארע אדער קלארע פארשטעלונג וועגען יענעם צו־שטאנד, וואס וואלט איינגעטרעטען נאכדעם ווי די באדערפעניס ווערט באפרידיגט. הונגער באשאפט דעם וואונש פאר שפייז, א טרוים וועגען זאטקייט. כל זמן דער מענש איז ניט ווייט אוועק פון דער חיה, פאראלגעמיינערט ער ניט זיינע ליידען, ניט זיין טרוימעריי, ס'הייסט, ער ברענגט זיי ניט אונטער אן אלגעמיינעם כלל. א הונגעריגער — בעט ער גאט זאל איהם צושיקען פרוכט אדער הצלחה אין זיין געיעג אויף חיות, מחמת ער פיהלט זיך אפ־העננגיג פון אורזאכען, וואס זיינען איהם אומפארשטענדליך, און זיין הצלחה רעכענט ער פאר א חסד פון א העכערען ווילען. אבער ווי נאר דער מענש לערנט זיך אויס צו גענעראליזירען, צו פאר־אלגעמיינערען — פאראלגעמיינערט ער זיינע צרות: נויט, פראצע, קראנקהייטען, טויט; ער קאנסטאטירט, אז דאס לעבען איז שלעכט, אדער אלענפאלס ניט אזוי, ווי עס האט באדארפט זיין, אום ער זאל זיין גליקליך. ער מאלט זיך א גליקזעליג לעבען, ווי א פאראייניגונג פון אלע באדינגונגען פון זיין גליק. זיין פאנטאסטי־שען חלום, וואס די אומבאפרידיגטע באדערפעניסען האבען איהם דיקטירט, שרייבט ער צו צו דער פארגאנגענהייט אדער צו דער צוקונפט, אדער ער האלט איהם פאר עקזיסטירענד ערגעץ־וואו לעבען איהם. ער הויבט אן נאכצודענקען, ווי אזוי מען דארף ווירקען אויף דעם רצון פון די געטער, כדי א ר י י נ צ ו ג ע ה ן א י ן ג ן ע ד ן, כדי דער גן עדן זאל זיך אומקערען, אדער ער זאל

ענדליך קומען אויף דער ערד. א י ד ע א ל א י ז א ט ר ו י ם, אָבער ניט יעדער טרוים, נאָר אַ טרוים, וואס איז באשאַפען געוואָרען פון א ו מ צ ו ש ט ע ר ב א ר ע ב א ד ע ר פ ע נ י ס ע ן. רעליגיע בינדט צונויף אידעאל און ווירקליכקייט, זי זוכט אויס וועגען פון דער לעצטער צום דעם ערשטען. אזוי אידעאַליזירט זי זיך, ווארום זי ווערט קאָמפּליצירט, זי פארפיעלפאכיגט זיך. פון אָנהויב בינדט רעליגיע צונויף די געגענווערטיגע באדערפענים מיט איהר באפרידיגונג, דערנאָך בינדט זי צונויף בכלל אלע באדערפעניסען מיט זייער ענדגילטיגער אייביגער באפרידיגונג. זי לייזט אויף די בענקשאפט פון דעם אָרגאַנישען, לעבעדיגען נאָך די פולקייט פון לעבען, פון גליק. ווייל באדערפענים, און פאָלגליך ליידען, און פאָלגליך אויך די פארשטעלונג וועגען זייער באפרידיגונג, כאָטש אין סאמע אָנהויב פון דער ענטוויקלונג, — זיינען נאטירליך פאר אַן ארגאנישען לעבען בכלל. ווייל ארגאניזם, לעבען האָט זיינע געזעצען, וואָס שטויסען זיך שמערצליך צונויף מיט די געזעצען פון דער סביבה. דערפאר איז דער אפּאָסטאָל פאול געניאל צוגעטראָטען צום תוך פון רעליגיע, בעת ער זאָגט:

„די ליידען פון דער היינטיגער צייט זיינען ניט ווערט פארגלייכט צו ווערען מיט דער הערליכקייט, וואָס וועט אין אונז ענטפּלעקט ווערען. ווארום די באשעפענים וואַרט מיט האָפנונג אויף דעם ענטפּלעקען פון די זיהן פון גאָט. ווייל די באשעפענים איז אונטערטעניג געוואָרען צו אייטעלקייט, ניט דורך איהר אייגענעם ווילען נאָר דורך דעם ווילען פון דעם, וואָס האָט זי אונטערטעניג געמאַכט, אין דער האָפנונג, אז די באשעפענים אליין וועט באַפרייט ווערען פון דער קנעכטשאפט און פארדאָרבענהייט צו דער פרייהייט אין דער הערליכקייט פון די קינדער פון גאָט. דען מיר ווייסען, אז די גאנצע באשעפענים זיפצט צוזאמען און קרעכצט ביז איצט; און ניט נאָר ז י, נאָר אויך מיר אלע, וואָס האָבען די ערשטע פרוכט פון דעם גייסט, אפילו מיר אליין זיפצען אין זיך ערוואַרטענדיג די קינדשאפט, די אויסלייזונג פון אונזער קערפער.״

רעזיומירענדיג אלץ, וואָס מיר האָבען געזאָגט און אויסשיי־

דענדיג פון דער פרימיטיווער וויסענשאפט און פון דער פרימיטיווער פּאָעזיע דעם וועזענטליך רעליגיעזען עלעמענט, קאָנען מיר דעפינירען רעליגיע אויף פאָלגענדען אופן: רעליגיע איז אזא׳ן ארט דענקען וועגען דער וועלט און אזא׳ן ארט פיהלען די וועלט, וואָס לייזט אויף פּסיכאָלאָגיש דעם קאָנטראסט צווישען די געזעצען פון לעבען און די געזעצען פון דער נאטור. דאָס איז די אלגעמיינע דעפיניציע פון רעליגיע. זי נעמט ניט ארום אלע איהרע וועזענטליכע זייטען, אָבער איהרע ווייטערדיגע אייגענשאפטען קאָנען ארויסגעפיהרט ווערען פון דער דאָזיגער דעפיניציע.

דער אנימיזם האָט גענעבען שפייז, מאטעריאל און פאָרמע פאר דער פרימיטיווער רעליגיע, וועלכע איז פארשטאנען געוואָרען אויף אזא׳ן אופן. ער האָט באשאפען פאר דעם מענשען, וואָס איז נאָך געווען שרעקליך שוואך אין ערקענטניס און אין ארבייט — די מעגליכקייט צו האָפען, וואָרום ערקענטניס איז פארביטען געוואָרען אויף א מיטהאָלאָגישען שאפען, די ארבייט — אויף מאגיזם: אויף תפלות, צערעמאָניעס און באשווערען די גייסטער.

עס זיינען אָבער אָנגעקומען נייע צייטען. דער מענש איז ביסלעכווייז געוואָרען זעלבסטשטענדיגער, האָט מעהר גענומען בויען אויף זיך אליין. דאָס מיטהאָלאָגישע שאפען איז פארביטען געוואָרען אויף מעטאפיזיק און צולעצט אויף פינקטליכער וויסענשאפט, דאָס גלויבען אין מאגיזם איז פארשוואונדען, דאָס איז פארביטען געוואָרען אויפ׳ן גלויבען אין ארבייט. אויף דעם אָרט פון מאגיזם — שטעהט די היינטיגע טעכניק. צי האָט עס אָבער עפּעס וואָס אומגעענדערט אין דעם רעליגיעזען תוך פון דער מענשליכער נשמה? האָט דען דער מענש זיך דערשלאָגען צו גליק? זיינען שוין מעהר ניטאָ קיין באגעהרען אין זיין נשמה? זיינען דען זיינע חלומות וועגען אמת׳ען גליק בלאסער געוואָרען, זיינע אידעאלען דונקעלער און נעהענטער?

אויב דאָס וואָלט אַזוי געווען, האָט עס געמיינט, אַז די מענשהייט איז געוואָרען „אַ פּאָזיטיווע", ס'הייסט אַ קאָמערציעל אויסגערעכענטע, וואָס לאָזט זיך צופרידענשטעלען, אַ קריכענדיגע, אַ קהאפּטלאָזע.

אָבער דאָס איז דאָך להיפּך: נאָך קיין מאָל איז די שטאָלצקייט פון מענשען ניט געווען אַזוי גרויס, ווי איצטער. זיין זשעדנעקייט האָט קיין ברעג ניט, דאָס, וואָס פאַר דעם ווילדען וואָלט געווען אַ גליק, איז נישטיג פאַר דעם היינטיגען מענשען, אייביג ציהט איהם פאָראויס, ער קאָן קיינמאָל ניט זאַט ווערען, און קאַרליל האָט מיט שרעק, אָבער ריכטיג באַשטימט זיין תוך: „זעהט איהר דעם דאָזיגען קויהלען פאַרקויפער? איהר מיינט, אַז איהם איז גענוג הונדערטער שילינג, כדי צו זיין צופרידען? און איך זאָג אייך: ווען גאָט וואָלט איהם געגעבען אַ האַלבע וועלט, וואָלט ער געוועלט די צווייטע העלפט".

יענע זשעדנעקייט, יענעם עראָבערונגס טרוים, וואָס די גריכען האָבען געהאַלטען פאַר אַ זינד, פאַר אַ קוואַל פון אומגליק, האַלטען מיר פאַר'ן בעסטען אין דעם מענשען, מיט שטאָלץ רעדען מיר פון אונזער אייביגער אומצופרידענהייט, וועלכע עס האָבען אין זיך אָפּגעשפּיגעלט די טיטאַנען פון דעם נייעם פּאָעטישען טרוים — פאַוסט, מאַנפרעד. די בענקשאַפט לעבט אין דעם מענשען, און ווער עס פאַרשטעהט ניט צו דענקען וועגען דער וועלט רעליגיעז — איז פאַר'משפּט אויף פּעסימיזם, אויב ער איז נאָר ניט אַן איינפאַכער פיליסטער, וואָס איז גרייט צוזאַמען מיט טשעכאָוו'ס לעהרער צו ווידערהאָלען: „איך בין צופרידען, איך בין צופרידען".

אויב די בענקשאַפט פון דעם פּרימיטיווען מענשען איז דער דורשט נאָך לעבען, פאַרטצוזעצען זיך, צו פאַרטיידיגען זיך פון די אָנפאַלען פון דער סביבה, איז די נייע בענקשאַפט דער דורשט צו הערשען איבער דער נאַטור. אָט דאָס איז די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם רעליגיעזען פיהלען פון דעם מענשען.

אַלזאָ די באַדערפענים איז אויסגעוואַקסען, דער אידעאַל איז

געוואָרען הערליכער. אונטערדעסען איז די האָפנונג אויף די פארבינדעטע קרעפטען פארשוואונדען, אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין אַנדער גייסט, אויסער דעם מענשען.

איז וואָס באדייט האָבען אַ רעליגיע? דאָס באַדייט פארשטעהן צו דענקען וועגען דער וועלט און צו פיהלען די וועלט אויף אַזאַ'ן אופן, אַז די ווידערשפּרוכען צווישען די געזעצען פון לעבען און די געזעצען פון דער נאַטור זאָלען פאַר אונז אויפגעלייזט ווערען. דער ווימענשאַפטליכער סאָציאַליזם לייזט אויף, פארענטפערט די ראָזיגע ווידערשפּרוכען, ארויסשטעלענדיג די אידעע וועגען דעם נצחון פון לעבען, וועגען דער אונטערטעניגקייט פון די נאַטור קרעפּטען צום שכל דורך ערקענטניס און אַרבייט, דורך וויסענשאַפט און טעכניק.

מיר באהויפּטען, אַז רעליגיע לעבט און וועט לעבען, נאָר אַז זי האָט פאָלשטענדיג איבערגעביטען איהרע פאָרמען. אין אמת'ען האָבען אויך די פריהערדיגע רעליגיעס געדורשט נאָך גליק און האָבען געשטרעבט דערצו דורך ערקענטניס און אַרבייט. אָבער די ערקענטנים און אַרבייט זיינען איצט ריינער געוואָרען, זיי האָבען זיך אָפּגערייניגט פון די פסלת, פון די אומגעלומפּערטע השערות און פאַלשע מאַניערען און דאָס האָט נאָר געקענט דערהויבען רעליגיע צו אַ נייער הויכער מדרגה, אָבער פאר קיין פאַל ניט צו צושטערען זי.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז דער אינדיווידד, וואָס וואָלט אַליין געקאָנט מיט זיינע קרעפטען באפרידיגען זיין באדערפענים, וואָלט זיך ניט נעגויטיגט אין רעליגיע: צווישען זיין אידעאַל און ווירקליכקייט וואָלט ניט געווען אויסגעשפּרייט קיין אָפּגרונד. רעליגיע, ס'הייסט דער אופן דענקען וועגען דער וועלט און דאָס פיהלען די וועלט, וואָס לייזט אויף, וואָס פארענטפערט דעם ווידערשפּרוך צווישען דעם אידעאַל און דער ווירקליכקייט. ענטשטעהט נאָר דאָרט,

וואו דער ראַזינער ווידערשפּרוך פּיהלט זיך באַדייטענד. אַ חזיר פאַר דער קאָרעטע און אַ פּיליסטער אין אַ הויז פון כל טוב פון איין זייט און די „געטער" פון דער צווייטער זייט — קאָנען ניט האָבען קיין רעליגיע, הגם דאָס גלייכגעוויכט פון די ערשטע איז אַן אומבאַשטענדיגע, וואָס זיי פּיהלען ניט נאָר ווייל זיי זיינען נאַריש, און די פעסטע גליקזעליגקייט פון די צווייטע איז אַ זאַך, וואָס עקזיסטירט ניט! די באַדערפעניסען פון אַן אינדיווידוּ, וואָס איז אַ האָרעלע ענטוויקעלט פּסיכיש, שטייגען באַדייטענד אַריבער זיינע קרעפטען, און די ווייטערדיגע ענטוויקלונג לאָזט וואַקסען דעם אידעאַל נאָך געשווינדער, ווי זי פאַרבעסערט די ווירקליכקייט.

אָט די זייט פון דעם ענין האָט דיצגען אויפמערקזאָם באַמערקט און ער האָט עס אויסגעדריקט אין פאָלגענדע ווערטער: „דעם אָרט פון אמונה אין גאָט פאַרנעמט אין דער דעמאָקראַטיע דאָס באַוואוסטזיין, אַז דער איינצעל-מענש, דער יחיד איז מאַכט־לאָז... אַ קולטורעלע מענשליכע געזעלשאַפט — דאָס איז די העכסטע געזעלשאַפט, וואָס אין איהר גלויבען מיר".

די ענטשיידונג פון דער רעליגיעזער פּראָבלעמע פון דער וועלט לאָזט צו אַ העכערע קראַפט, וואָס איז פאַרוואַנדט צום אינדיווידוּ, וואָס איז איהם נאָהענט, אויף וועלכער ער קאָן האָפען, און וועלכער ער קאָן האָבען בטחון.

פאַר דעם אַמאָליגען רעליגיעזען מענשען איז דאָס גייסטער, געטער אָדער אַ גאָט: זיי דריקען אויס מיט זיך דעם איבער־אינ־דיווידועלען עלעמענט פון רעליגיע. פאַר דעם היינטיגען רעליגיע־זען מענשען עקזיסטירט נאָר דאָס, וואָס ער געפינט אין ערפאַה־רונג. דאָס, וואָס איז איבער זיין ערפאַהרונג, וואַרפט ער אָפּ. סאָציאַליזם איז אַן אָרגאַניזירטער קאַמף פון דער מענשהייט מיט דער נאַטור כדי זי צו מאַכען פאָלשטענדיג אונטערטעניג צום שכל: אין דער האָפענונג אויף אַ זיעג, אין שטרעבונג, אין דער אָנשטרענ־גונג פון די קרעפטען — ליעגט די נייע רעליגיע. צוזאַמען מיט דעם אַפּאָסטאָל פּאול קאָנען מיר זאָגען: „אונזער הילף איז אין דער האָפענונג". די נייע רעליגיע קאָן ניט פיהרען צו פּאַסי־

וויטעט, צו וועלכער יעדע רעליגיע פיהרט אין אמת'ען, ווייל זי גיט א באדינגונגסלאָזע גאראַנטיע אין דעם נצחון פון גוטס. די נייע רעליגיע דריקט זיך אינגאַנצען אויס אין טאַט. „דער מענש איז געבוירען ניט אָנצושויען", זאָגט אַריסטאָטעל, „נאָר צו ווירקען". און דער יסוד פון רחמנות'דיגער אָנשויאונג ווערט איצט ארויס־געטריבען פון רעליגיע און ווערט פארביטען אויפ'ן יסוד פון אום־אויפהערליכער אַקטיוויטעט.

די נייע רעליגיע, די רעליגיע פון דער מענשהייט, די רעליגיע פון ארבייט, גיט ניט קיינע גאראַנטיען. אָבער איך רעכען, אז אָהן גאָט און אָהן גאראַנטיען, וואָס זיינען די מאַסקען פון דעם זעלבינגען גאָט — בלייבט זי א רעליגיע.

צווייטער קאפיטעל.

די באדייטונג פון דער פרימיטיווער רעליגיע פאר'ן מענשען.

דער פרימיטיווער מענש־קינד האָט געלעבט אין א פאבעל־האפטער וועלט, ער האָט באזעצט די נאטור מיט מענשענעהנליכע וועזענס. געוויס, די באציהונגען צווישען מענשען פון פארשידענע פעלקערשטאַמען זיינען געוועזען ניט אזעלכע, אז די פאָרשטעלונג וועגען א מענשענעהנליכען וועזען זאָל זיין גלייך צו דער פאָרשטעלונג וועגען א פריינדליכען וועזען. אויך די רויב חיות און די אומערביטליכע נאטור־ערשיינונגען האָבען באלד ארויפגעפיהרט אויפ'ן געדאנק, אז די גייסטער, די געטער — זיינען ווייט ניט קיין גוטמוטיגע וועזענס, אז זיי זיינען גיכער גענייגט צו מאַטערען דעם מענשען ווען ער איז שולדיג און ווען ער איז אומשולדיג. און דאָך איז געוועזען מעגליך מיט זיי צו שליסען אַן אָפּמאַך, ווי מיט פאר־שידענע פעלקערשטאַמען. די פארגעטערונג פון קראָקאָדיל, פון טיגער, פון ווינד, פון דער זון און פון דעם דונער זיינען אין אמת'ן געוועזען מעהר אָדער ווענינער א סיסטעמאטיזירטער פארזוך צו שליסען אַן אָפּמאָך מיט די דאָזיגע וועזענס, אויסצוברייטערען אויך אויף די דאָזיגע מעכטיגע פארבינדעטע א נעץ פון געגענ־זייטיגע פארפליכטונגען, וואָס האָבען צונויפגעבונדען צווישען זיך פארשידענע שבטים.

די אָפּמאַכען האָבען אָפּט צו קיין זאך ניט געפיהרט, די גע־טער האָבען די אָפּמאַכען געבראָכען. אָבער דער מענש איז אין דעם פאַל אויך געוועזען גענייגט צו פארגרעסערן דעם קאפּיטאל פון

זיין האָפענונג דערמיט, וואָס ער האָט פאָרגעצוינגען ביסלעכווייז זיך צו פארזיכערן, אַז זעהר זעלטען, אָדער קיינמאָל ברעכען ניט די געטער דעם אָפּמאַך מיט דעם גאָטספאָרכטיגען מענשען, וואָס היט אָפּ אַלע צערעמאָניעס. און דאָס באוואוסטזיין, אַז אַזאַ אָפּמאַך איז מעגליך, האָט געמאַכט דאָס לעבען גופא מעגליכער, דאָס האָט באהאלטען פון דעם מענשענס אויגען די שרעקען פון זיין לאַגע, פון זיין פארוואָרפענקייט צווישען די בלינדע און טויבע, האַרצ־לאָזע און זינלאָזע נאַטור־קרעפטען.

די מעגליכקייט פון אַן אָפּמאַך מיט די גייסטער, מיט די געטער שטאַמט פון דעם, וואָס די נאַטור ווערט אויסגעטייטשט אַנימיש, ס׳הייס, אַז הינטער די נאַטור-ערשיינונגען זייגען דאָ ווי־לענס, גייסטער. די דאָזיגע אילוזיע האָט געפיהרט צו אומגעהייער פיעל ווילדע טאַטען, אומגעלומפּערטקייטען, זי האָט אָבער דעם מענשען געגעבען זיכערקייט. וואָלט אַזאַ אילוזיע ניט געווען, וואָלט דער מענש פארשטאַנען, אַז איהם רינגעלט אַרום אַ פרעמדע וויסטעניס, קאָן זיין, אַז ער וואָלט אין יענער צייט ניט אריבער־געטראָגען די שווערקייט פון דעם דאָזיגען פעסימיזם און ער וואָלט אומגעקומען. די אידעע צו פארלירען דעם „טעסטאַמענט“, זיך צו דערזעהן אויסער דעם אָפּמאַך מיט די געטער האָט אַלעמאָל אַרויסגערופען ביי דעם גייסטיג ניט רייפען מענשען אַ גרויסען שרעק. אַן אָפּמאַך מיט געטער איז אומעגליך, אַלס אָפּמאַך פון גלייכע מיט גלייכע. אַזאַ׳ן אָפּמאַך איז אָ פּ ה ע נ ג י ג ק י י ט. דערפאַר, זיך דערנעהנטערענדיג צו גאָט, פאָדערענדיג פון איהם עפּעס־וואָס, דריקט מען אויס דורך אַלערליי סימנים ערנידעריגונג און אונטערטעניגקייט, אויסער דעם גיט מען די געטער מתנות, מען צאָהלט שטייער, מען ברענגט קרבנות.

פון אָנהויב איז די באַציהונג צו גאָט נאָך ווי עס איז איינ־פאַך. צו אַ שטאַרקען מענשען געהט מען צו נאָך ניט איינגע־בויגענערהייד, מען בעט ביי איהם אָהן אַ ציטער אין דער שטימע. אויב ער ענטזאַגט איז אפשר מעגליך צו פאַרפיהרען אַ געשלעג. לויט דעם פרימיטיווען פארשטאַנד פון דעם ווילדען, וואָס לעבט

אין חברותא, איז גאָט שטאַרקער פון א מענשען, אזוי, צום ביי־שפּיעל, ווי א קראָקאָדיל אָדער א טיגער. דער גייסט איז אור־שפּרינגליך געווען ווארשיינליך א געשטאָרבענער מענש, וואָס איז געווען באשאָנקען מיט א סך איבערמענשליכע אייגענשאַפטען. אויב אפילו עס ענטשטעהט די פאָרשטעלונג וועגען אַנדערע גייס־טער, אויסער מענשליכע שאָטענס, ווערען זיי פונדעסטוועגען פאר־שטאַנען אין א געגנוג עהנליכען זין. נאָר אָט ענטוויקעלט זיך א געזעלשאפט, עס קומען אויף פיהרער, צולעצט קעניגע. די גייס־טער־געזעלשאפט ווערט אויך דיפערענצירט — און דאָרט קומען אויף גייסטער — קעניגע, געטער אין אייגענטליכען זינען. מעגען זיי אפילו זיין עלטער־פאָטערס פון דער רעגירענדער משפחה — וואַקסט אָבער דער שטח צווישען זיי און דעם קעניג גופא, אזוי ווי עס וואַקסט דער שטח צווישען דעם קעניג און דער אריסטאָ־קראַטיע, צווישען דער אריסטאָקראַטיע און דעם פאָלק. דער דאָ־זיגער מהלך צווישען די העכערע און די נידריגע איז דער נידער־טרעכטיגסטער פּסיכישער שטריך פון דעם מענשען, דער אָפּשטוי־סענדסטער פון די סאָציאַל־פּסיכישע קראַנקהייטען, וואָס דער מענש האָט איבערגעלעבט.

די קרבנות ווערען קאָלאָסאַל. דער אַלטער גאָט האָט זיך צופרידענגעשטעלט מיט שפּייז פון טיש, דאָס איז געווען דער הונ־געריגער שאָטען פון „געשטאָרבענעם ברודער". דער נייער גאָט, אזוי ווי א קעניג, דאַרף טייכען בלוט, העקאַטאָמבען. נאָך מעהר: כדי צו באווייזען זיין אונטערטעניגקייט, מוז דער מענש מקריב זיין וואָס איז איהם אָם מעהרסטען טייער. נאָר אויף אזא'ן אופן וועט דער אָפּמאַך זיין פעסט. עס ווערען שטענדיג באנייט פארשידענע זעלבסטפּייניגונגען, זעלבסטקאַסטרירונגען, אַלס באווייז פון זיין איבערגעבענקייט צו גאָט, כדי צו פארדינען גאָט'ס חסד. געוויס, ווען דער דאָזיגער שרעקליכער מנהג וואָלט פארשפּרייט געוואָרען הינטער די גרעניצען פון די ענגע סעקטען וואָלט עס אומגעבראַכט גאַנצע פעלקער, אָבער די זעלבסטקאַסטרירונג ווערט פארביטען אויף מילה. לאַנג האָט געבושעוועט דער מנהג מקריב צו זיין צו

גאָט ערשט־געבאָרענע קינדער, קינדער בכלל. וויפיעל בלוט און טרערען האָט דער מענש ארויסגעריסען פון זיך און פון אנדערע, כדי אָפּצוהיטען דעם מנהג.

אָבער די בלוטדורשטיגע קעניגע און קעניגלאַך לעבען אָפּ זייער צייט. עס וואקסט אויפ'ס ניי אַן אריסטאָקראטיש־קאָנסטיטוציאָ־נעלע אָדער דעמאָקראטישע אָרדענונג. דער מענש רעבעלירט ביסלעכווייז קעגען דער בלוטדורשטיגקייט פון די געטער. ער הויבט אָן לעגען מעהר ווערט אויף זיך, אויף דער ארבייטסקראפט פון צווייטען מענשען און אויף דעם מענשענס וויכטינקייט בכלל. די געטער זיינען געצוואונגען אראָפּצולאָזען פון די כאבאר, וואָס מען גיט זיי און זיי פארבייטען ביסלעכווייז מענשען אויף באראַ־נעס, באראנעס אויף קטורת און בלומען. די געטער ווערען וועגע־טאריאנער. פון נויט מאכען זיי טוגענד, און די רעפאָרמע שרייבט מען צו צו זיי גופא. אבער אויך דאָ געהט מען אויף צוריק. אין שווערע מינוטען האָבען די קארטאגער חרטה געהאט, פאר וואָס זיי האָבען געשפייזט זייערע געטער מיט קינדער־פלייש פון זייערע קנעכט, און זיי האָבען גענומען שטאָפּען אין אָנגעברענטען בויך פון זייער גאָט מולך הונדערטער פון זייערע אייגענע קינדער.

ביי דער מענשהייט איז אָבער געבליבען א איראָנישער אנדענק וועגען דעם, ווי אזוי זי פלעגט אָפּנארען די געטער, מיר געפינען וועגען דעם אין פארשידענע פאנטאסטישע ערצעהלונגען. פריהער, בעת מען פלעגט בויען וויכטיגע בנינים פלעגט מען באנייען די אָפּמאכען מיט די געטער דורך מענשליכע קרבנות. דערנאָך האָט מען באשלאָסען, אז פאר גאָט וועט אויך זיין גענוג א בהמה אָדער א חיה. און די בנינים, בריקען, טהורעמס און קאנאלען זיינען דורך דעם ניט געוואָרען ערגער.

די כינעזער און עגיפּטיאנער זיינען געגאנגען נאָך ווייטער. די ערשטע זיינען מקריב צו גאָט מענשען... פון פאפיר; די צווייטע פלעגען אלע זייערע טייערסטע מתנות פאר די געטער אויסמאָלען אויף די ווענט פון די טעמפּלען און טרונעס. אזוי האָט זיך דער מענש באפרייט פון דעם שווערען שטייער צו די

געטער, אָבער דעם געדאַנק גופא וועגען אַפּמאַך האָט ער עקשנות'דיג געהיט. און ביז היינטיגען טאָג זאָגט מען נאָך צו צו שטעלען ליכט פאַר די הייליגע און פאַר גאָט, און מען רויכערט ווייערוך. קרבנות צו די געטער, קרבנות צו די פּריסטער — דאָס זיינען אַלץ קרבנות, וואָס דער מענש ברייגנט צו דער אילוזיע, וועלכע איז איהם טייער און נויטיג אויף די ערשטע שטופען, מעגליכקייטען פון אַן אָפּמאַך מיט די אַלמעכטיגע ווילענס, וואָס הערשען איבער דער נאַטור.

אָבער די ערשטע רעליגיעזע פאָרמע (די טעאָלאָגיע) דיענט דער מענשהייט גאַנץ גוט ניט נאָר מיט דער דאָזיגער אילוזיע. הגם אויך פאַר איהרע אנדערע גוטע דיענסטען באַצאָהלט מען זעהר טייער.

די טעאָריע, וואָס פיהרט אַרויס די גאַנצע רעליגיע פון דעם גלויבען אין די נשמות פון די געשטאָרבענע און פון דער פאַרעהרונג פון די עלטער־פאַטערס, שטעלט זיך מיר פאָר איינזייטיג. לויט ליפּערט'ן קומט אויס למשל, אַז דעם קראָקאָדיל האָט מען פאַר־עהרט דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרצעהרט די טויטע קערפּער און ער איז אויף אַזאַ'ן אופן געוועזן אַ לעבעדיגער קבר. לויט דעם באַמיהט ער זיך אויפצובויען דעם גאַנצען אַרט פאַרעהרונג פון חיות, מאַכענדיג צו גאָרנישט די ווערדע פון די דאָזיגע חיות אַלס נעפעהרליכע אָדער ניצליכע קרעפטען. לויט ליפּערט'ן ווערט די זון פאַרעהרט נאָר דערפאַר, וואָס עס איז ענטשטאַנען אַ פאָרשטעל־לונג וועגען דעם, אַז די נשמות פון די עלטער־פאַטערס וואַנדערן איבער אויף דער זון. קענטיג, אַז דאָס איז אַרויסגעדרונגען מיט געוואַלט. דאָך לייקענט דאָס אָבער ניט אָפּ דעם פאַקט, אַז די פאַרעהרונג פון די גייסטער פון די עלטער־פאַטערס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם פּרימיטיווען רעליגיעזען באַוואוסט־זיין. דער גייסט פון אַ מענשען, באַזונדערס פון אַ באַדייטענדען מענשען, פון אַ מענשען, וואָס האָט געהאַט מאַכט, האָט געקאָנט

א סך שאַדען אָדער העלפען. די רעכטען פון אַזאַ מענשען טאָר מען ניט פאַרגעסען, מען טאָר איהם ניט איבערלאָזען נאָך'ן טויט אָהן שפּייז און אָהן תפילות, מען טאָר אויך ניט עובר זיין זיינע געבאָטען. די אַלטע לייט זיינען אומעטום די היטער פון די מנהגים און געוואוינהייטען, פון דער לעבעדיגער טראַדיציע פון שבט. דאָס איבערגעבען פון דער ערפאַהרונג פון דער משפחה, די התחלות פון דער טעכניק און דער היגיענע, האָט געווים געהאַט א גרויסע באַדייטונג, באַזונדערס דאַן, ווען מ'האָט עס ניט געקאָנט איבערגעבען שריפטליך. די געשטאָרבענע זקנים זיינען געבליבען פאַנטאַסטישע היטער פון מנהג, און די אייגענשאַפטען פון גייסט, דער אַל־זייענדער, אומזיכטבאַרער, אָבער מעכטיגער מאַכט זיי נאָך פאַר מעהר שרעקליכע גייסטער פון לעבענס ערפאַהרונג, פון פּרימיטיווען געזעץ, ווי זיי זיינען געווען ביים לעבען.

אורשפּרינגליך איז דער מנהג באַפעהלענד, קאַטעגאָריש, ווי דער אינסטינקט, הגם ער איז ניט איינגעבאָרען. דער מנהג איז אין אָנהויב עפּעס אַזוי ווי אַ אינסטינקט פון דער משפחה אָדער שבט, וועלכער באַפעהלט קאַטעגאָריש די אינדיווידוען, די איינצעלנע, מיט דער שטימע פון די עלטסטע, פון די אויבערשטע. רעליגיע ווייזט אַרויס גרויס הילף צו דער קראַפט פון דער טראַדיציע, וואָרום א דאַנק דער רעליגיע ווערט די טראַדיציע הייליג, געהיימניספול: זי לערנט, אַז זי ווערט באַוואַכט פון יענע גייסטער, וואָס אויסער'ן אָפּמאַך מיט זיי איז דער מענש פאַר'משפּט אומצוקומען.

די שלעכטע זייט פון דער דאָזיגער ערשיינונג וואַרפט זיך אין די אויגען. אויב די טראַדיציע העלפט, און אַלץ, וואָס באַפעסטיגט זי — איז נוצליך, שמידט זי אָבער איין פון דער צווייטער זייט די נייע לעבעדיגע קרעפטען. אויף די נידריגע ענטוויקלונגס־שטופען איז די רעליגיעז־פאַרגליווערטע טראַדיציע אַזוי ווי אַ אינסטינקט, וואָס איז נויטיג פאַר דער שטאַנדהאַפטיגקייט פון דער געמיינדע, פון דער חברותא; זי איז אָבער א שטערונג אין דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג, זי שטערט די באַוועגליכקייט, וואָס ווערט ערוואָרבען צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער דיפערענצירונג,

און דער מענשהייט קומט אויס צו פיהרען א שווערען קאמף מיט דער ירושה פון די פאטערס: דער טויטער שטיצט אין אָנהויב — דערנאָך כאפט ער אריין און האלט דעם לעבעדיגען מיט זיין שטאר־קער האנד פון א סקעלעט.

אָבער אויך דאָ באַאבאכטען מיר א אינטערעסאנטע ערשיינונג, וועלכע מיר האָבען באמערקט אין דער ענטוויקלונג פון ברייננגען קרבנות. די לעבעדיגע באדערפעניסען צווינגען צו נייע ארבייטס־מעטאָדען, מנהגים, קליידער און שפייז, אָבער דער מענש האָט מורא איינצורייסען מיט די געטער, צו ברעכען זיין אָפּמאך מיט זיי. היט ער אָפּ דאָס אלטע אין זיינע װענדונגען צום גייסט און ער ערקלערט דאָס אלטע פאר הייליג. די אלטע צערעמאָניעס בנוגע די געטער מוזען אָפּגעהיט ווערען און אלע פעלקער זיינען מקריב צו די געטער שפייז, וואָס מ'האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו געברויכען. די עגיפּטיאַנער האָבען שטריינג פארבאָטען מקבר צו זיין די טויטע אין ניי־מאדנע קליידער; ביים ברייננגען קרבנות האָט מען גע־ברויכט שטיינערנע מעסערס א. ז. וו. און נאָך היינט טראָגט דער רוסישער פּריסטער אויף דער גאס און באזונדערס אין קירך ביזאנ־טישע הויף־קליידער, מיינענדיג, אז אזעלכע קליידער געפעלען גאָט בעסער, ווי די היינט־מאָדישע. אויפ'ן הימעל איז מען קאָנסער־וואטיוו בנוגע צו די קליידער, ווי בנוגע צו דער שפּראך. דאָרט רעדט מען נאָר אויף טויטע שפּראכען. ניט אלע מאָל פלעגט זיך איינגעבען גליקליך ארומצוגעהן די ריטואלע פאָרשריפטען, וואָס זיינען גרייט ארומצוכאפען יעדען שריט פון דעם מענשען. עס פלעגט פאָרקומען א קאמף, א שווערער, בלוטיגער קאמף. די רעפאָרמער קומען אום, און ווען זיי זיגען ניט — ווערט די גאנצע נאציאָן פארגליווערט און פוילט אינעווייניג, ביז וואנען זי ווערט ניט באזיעגט פון דער שכנות'דיגער נאציאָן, וואָס האָט זי אריבער־געוואקסען.

שוין אויף די ערשטע שטופען פון דער מענשליכער ערפאהר־רונג זיינען מעגליך קאָנפליקטען צווישען קהל און די אינסטינקטען פון יחיד. וואָס ווייטער די געזעלשאפט דיפערענצירט זיך אלץ

מעהר פארגרעסערט זיך די דאָזיגע מעגליכקייט. דאָס געזעץ איז קודם כל דער אויסדרוק פון דער צענטער־שטרעבענדער קראפט, פון די אינטערעסען פון קהל. ס'איז קיין צווייפעל ניטאָ אין דעם, אז א קהל, א געמיינדע מיט אם מעהרסטען פ א ר נ י נ פ ט י ג ע געזעצען, ס'הייסט וואָס ארגאניזירט אם מעהרסטען צוועקמעסיג ביי די געגענווערטיגע באדינגונגען איהר אינערליך לעבען, א געמיינדע, וואו אבסאָלוטע געהאָרכזאמקייט איז אן אלגעמיינער כלל, איז אם מעהרסטען שטארק אויך אין קאמף מיט איהרע שונאים. די געזעלשאפטליכע מיינונג, די אזוי גערופענע מאָראל, דיענט אלס צוגאָב צום געזעץ. נאָר דאָס, וואָס גיט איהם צו א באזונדערע מאכט אין קאמף מיט דעם שטרעבען פון יחיד צו צושטערען די אינטערעסען פון צווייטען אָדער פון דער גאנצער געמיינדע צוליעב זיין אייגענער הנאה אָדער פאָרצוג, — איז די רעליגיעזע סאנקציע. די געטער, די היטער פון די אָפּמאכען, שטעהען אומזיכטבאר אויף דער אייביגער וואך.

דער אלזעהענדער זיצט אויפ'ן זיבעטען הימעל און ווארפט א נידערשלאָגענדען בליץ אין דעם פארשווערער פון די שבועות. דער טיעף איינגעוואָרצעלטער שרעק פאר דער נאטור און איהרע קרעפ־טען שטעלט זיך אויף אזא'ן אופן אין פאָליציייאישער דיענסט, — דורך דעם, וואָס די נאטור ערשיינונגען ווערען אויסגעטייטשט אויף א מאָראל־לעגענדארישען אופן. די זון איז אלזעהענד, די שטערען זיינען אויגען, די בליצען זיינען נידערשלאגענד — דאָס אלץ זיינען עדות און ריכטער, אזוי ווי די מענגען גייסטער, וואָס שוועבען ארום די לעבעדיגע מענשען.

בעת די געזעלשאפט צופאלט אויף קלאסען — ווערען די געזע־צען אָפענבאר אומגערעכט. זייער חכמה באשטעהט שוין ניט מעהר נאָר אין א צוועקמעסיגער אָרגאניזאציע פון ארבייט, הייראט, מילי־טערישער זעלבסטפארטיידיגונג, זי מוז אויך, אייף ווי ווייט עס איז מעגליך ניט גרינגשעצענדיג די דאָזיגע ציעלען, פארזיכערען, אז די העכערע קלאסען זאָלען קאָנען אומבאשטראפט און וואָס מעהר עקספלואטירען די נידריגע קלאסען. רעליגיע שטעלט זיך אין א

גרויסען רוב פעלען (הגם, ווי מיר ווע‍לען זעהן, ניט אלעמאָל) אויף דער זייט פון דעם געזעץ, מעג זיין דאָס געזעץ אָפענבאַר א קלאַסען־געזעץ. די געטער ווערען די געטער פון די הארען. אָדער זיי פאַראַכטען דעם פּראָסטען מענשען און דעם קנעכט און באַשטראַפען איהם פאַר זיינע קליינע זינד מיט דער זעלביגער קאַלטער גרויזאַמקייט, וואָס דאָס געזעץ, אָדער זיי פאַרהערליכען די אונטערטעניגקייט און געהאָרכזאַמקייט פון קנעכט, ווי א טוגענד, צוזאָגענדיג דערפאַר א פאַרגעלטיגונג אויף יענער וועלט. צוזאַמענלייטענדיג א קלאַסען געזעלשאַפט, ווערענדיג דער אונטערהאַלט פון די הערשענדע, — ווערט רעליגיע א קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קראַפט וואָס איז אמאָל פאַרדערבליך פאַר דער געזעלשאַפט. „ווי אזוי וועל איך דאָך אויפהויבען די האַנד אויפ'ן האַר, שטעהט דען ניט הינטער איהם דער שיינענדיגער מאַרדוק, דער פאַטער פון זיינע פאַטערס, און מיט איהם אלע מלאכים", אזוי דענקט דער באַבילאָנישער פּראָכטער מענש, צוגעבענדיג צו די ווירקליכע קייטען נאָך א צוגעטראַכטע, וועלכע פאַראַליזירט איהם מעהר פון אלע. „ווי אזוי וועל איך דאָס אויפהויבען די האַנד אויפ'ן האַר, איז דען דאָס ניט דער רצון פון גאָט, אז ער זאָל הערשען און איך זאָל זיין אונטערטעניג?"

אזוי דענקט דער קנעכט־קריסט.

אָבער ניט אלע מאָל איז רעליגיע קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. די רעבעלירענדע קנעכט קאָנען האָבען זייער אייגענעם גאָט. זיי קאָן זיך ענטפּלעקט דער גאָט פון זייער היימאַט, אויב זיי זיינען א פאַרשקלאַפטער שבט, אָדער א וועלכע איז גאָטהייט, באַזונדערס, וואָס ווערט פאַרעהרט פון די נידריגע פאָלקס־שיכטען. א דאַנק דער באַזונדערער צוזאַמענשטרעמונג פון אומשטענדען — איז דער אידישער גאָט — יעהאָווא־צבאות לאַנג געוועזען לויט פאַרצוג א גאָט פון די רעבעלירענדע נידריגע קלאַסען אין אלע רעליגיעז־אָפּגעפאַרבטע אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס. אפילו אין די פראַנצויזישע רעוואָלוציעס (אין דער גרויסער און אין די שפּעטערדיגע) און אין דער איטאַליענישער רעוואָלוציע — האָט יעהאָווא, אביסעל איבער־

נעארבייט פון זיינע נייסטע נביאים רוססאָ און מארזיני — פּרו־בירט זיך שטעלען בראש פון רעוואָלוציאָנערען פאָלק. ס'איז שווער צו צווייפלען אין דעם, אַז דער אויסגעשריי „מיט אונז איז גאָט!“ איז געווען אַ באַגייסטערנדער, פאָלגליך האָט ער פאַר־שטאַרקט דעם אָנדראַנג פון בונט. פונדעסטוועגען אפילו דער סאַמע רעוואָלוציאָנערסטער גאָט, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, טראָגט מיט זיך זיינע גרויסע אומגליקען.

דער פריסטער.

איינער פון די רעזולטאטען פון דער געזעלשאפטליכער דיפע־רענצירונג (אין אנהויב די צוטיילונג פון דער ארבייט און שפעטער דאס צופאלען אויף קלאסען) איז די ערשיינונג פון פריסטער אלס זעלבסטשטענדיגע פיגור.

דער פריסטער נעמט אויף זיך דעם פארקעהר מיט די געטער, די פארמיטלונג צווישען זיי און די מענשען. ער פארשטעהט ווי אזוי איבערצוגעבען די געטער די מענשליכע געבעטען לויט דער געהעריגער פארמע. דאס איז ניט מעגליך פאר דעם אומוויסענדען מענשען, מחמת די געטער פארשטעהען, אדער פארנעמען גערן נאר די אלטע שפראך, דעם לשון פון די עלטער פאטערס, אדער די עלטער פאטערס פון די קעניגע. דער פריסטער פארשטעהט אויך ווי אזוי מקריב צו זיין א קרבן אויף א געהעריגען אופן. די דינים פון תפילה, קרבנות, באשווערונגען און אנדערע צערעמאניעס בילדען א קאמפליצירטען קורס פון מאגיזם, ס'הייסט פון א דירעקטער ווירקונג אויף די געטער (די ווילענס, וואס הערשען איבער דער נאטור). אהן גלויבען אין מאגיזם וואלט דער מענש זיך געפיהלט שרעקליך הילפלאז.

דער כהן, דער כשוף־מאכער האט אלע מאל הונדערטער מיטלען אויף ארויסצודרעהען זיך פון פאראנטווארטליכקייט אויב זיינע מאניפולאציעס זיינען ניט געראטען. דערפאר אבער בעת איהם גילט אפ — קאן ער ווערען א בעל מופת.

נאר אין סאמע אנהויב האלטען די פריסטער אין זייערע הענד ניט נאר די מאגישע ערפאהרונג פון שבט, נאר אויך זיין ראציאנעלע היגיענע און מעדיצין, וואס איז האלב צומישט מיט מאגיזם, און

אָפּט אויף די גאנצע יונגע וויסענשאַפּט. אויף אַזאַ'ן אופן איז דער פּריסטער — דער געלעהרטער אינטעליגענט פון דער אַלטער צייט. די הויפּט ראָלע פון דעם פּריסטער אין עגיפּטען, אינדיען, פּערסיען — איז די ראָלע פון אַ געלעהרטען, וואָס זיין וויסען ווערט פונדעסטוועגען געהאלטען אין אַ קאָרפּעראַטיווער געהיימניס, וואָס איז צומישט מיט אבערגלויבישע צערעמאָניעס, לעגענדען, דאָגמאַטען און איז פארהייליגט מיט אַ באַזונדערען אָרעאָל פון איבערפּארנינפּטיגקייט.

דער פּריסטער לערנט זיך פריה אויס צו ציהען נוצען פון זיין פּאָרציגליכער לאָגע, ער ערציהט דעם מענשען אין אַ גייסט וואָס זאָל ענטשפּרעכען די אינטערעסען פון זיין קאַסטע. בעת די פּריסטער־קאַסטע ענטוויקעלט זיך, איהר אינטעלעקט שפּרייט זיך פאנאנדער, די ערפאַהרונג וואַקסט — דאַן פּארלירט דער פּריסטער אַליין די פרומע מורא פאַר דער טראַדיציע. ער רייסט ניט איבער מיט איהר גאָר דערפאַר, ווייל ער וויל בשום אופן ניט ערשיטערן זיין אַטאַריטעט, וואָס איז אין משך פון הונדערטער יאָהרען איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין די מוחות. אָבער ער אַליין לייגט אריין אין די דאָגמען, אין די לעגענדען און אין די צערעמאָניעס אַ נייעם אינהאַלט, וועלכער קומט צורעכט מיט די ווידערשפּרוכען, וואָס ער באַמערקט און ענטפּערט מעהר אויף די קענטניסען, וואָס ער האָט ערוואָרבען, אויף די געדאַנקען, וואָס האָבען זיך אויסקריסטאַליזירט אין זיין שכל. אַזוי ענטוויקלען די פּריסטער אַ געהיימע דאָקטרין, אַ געהיימע לעהרע, וואו די קליידער פון די אַלטע זאַגעס און לעגענדען באַהאַלטען נייע וואַרהייטען.

דאָס געהיימע וויסען, די געהיימע לעהרע רייסט אַמאָל דורך איהר הייטעל, עפענט אויף די פארשלאָסענע טירען און געהט ארויס אויף די גאַסען פון די שטעדט און אויף די גרויסע וועגען מיט נייע דרשות, מיט אַ נייער תורה. אָבער אַזעלכע פּאררעטער רעפאָרמער האָבען ניט אַלע מאָל ערפאָלג. דאָס אַלטע פּריסטערטום הויבט זיך אויף קעגען זיי, ווי קעגען פאררעטער, און די ניט הייליגע

זיינען אָפט צו ווייניג צוגעגרייט אויף צו באַגרייפען די נייע וואַרהייטען.

אָבער דער פריסטער, מעג ער אפילו דערגעהן צו נייע אמת'ן זאָגט ער זיך נ׳ט אָפּ פון אַלטען סדר, ער באַרוהיגט זיין געוויסען דערמיט, וואָס צוליעב פּאָליטישע אָדער אייגעננוציגע נויטווענדיגקייטען דאַרף מען האַלטען דאָס פאָלק אין חשך פון אבערגלויבען און אומוויסענהייט, אָדער ער פארזיכערט זיך אויפ'ן מאַניער פון אַ גרויס אינקוויזיטאָר, אַז אבערגלויבען איז די איינציגע צוגענגליכע גייסטיגע שפּייז פאַר די פּראָסטע מענשען, אַז דער אמת ווערט פון זיי באַהאַלטען לטובה פון זיי גופא.

דער עזאָטעריזם, ס'הייסט די באַהאַלטענע לעהרע פון די פריסטער, קאָן דערגעהן צום פריידענקען, אטעאיזם און נאָט-לעסטעוונג. אָבער דער פריסטער אנערקענט נאָך אַלץ די מעגליכקייט פון זיין סאָציאַלער מיסיע: צו שטיצען די אָרדענונג, ביי וועלכער די אַריסטאָקראַטיע און דאָס פריסטערטום גופא עקספּלואַטירען אומבאַשטראַפט די ארבייטער מאַסען. דאָס פריסטערטום איז אַ וואַפע אין די הענד פון דער קירך, וואָס טרייבט פּאָליטיק. „דער גאַנצער תוך פון אונזער נאַציאָנאַלער רעליגיע" — האָט געשריבען רעסקין — „באַשטעהט אין דער אויספיהרונג פון די רעליגיעזע צערעמאָניעס און אין דעם אונטעררריכט פון איינשלעפערענדע וואַרהייטען, אויב ניט פון אָן אָפענעם ליגען, וואָס האַלטען די פאָלקס מאַסען אין שווארצער ארבייט, בעת מיר לעבען אין פארגניגען".

די רעגירונגען און די לייטענדע קלאַסען, הגם שוין לאַנג, אַז זיי גלויבען אַליין ניט, דאָך שעצען זיי דעם פריסטער פאַר די דאָזיגע דינסטען און באַשליסען זיך ניט אינגאַנצען אַרויסצוטרעטען קעגען „די איינשלעפערענדע וואַרהייטען". דאַכט זיך, אַז קיינעם האָבען ניט די פריסטער אַזוי שטאַרק, ווי די צוויי פריידענקענדע פראַנצויזען — וואָלטער און רענאַן. אין די אויגען פון די רעכטגלויביגע זיינען די דאָזיגע צוויי דיענער פון דעם אנטי־

קריסט. אָבער אָפּלייקענענדיג דעם סאַמע תוך פון דער קריסטלי־כער רעליגיע, האָבען זיי ביידע געשטיצט אלס טריאומפירענדען סאָציאַלען אינסטינקט.

וואָלטער זאָגט וועגען דעם: „די אמת'ע און הויפּט אורזאַך, פאַר וואָס דאָס גלויבען אין גאָט איז נויטיג, באַשטעהט, נאָך מיין מיינונג, אין יענער איבערצייגונג, אַז פאַר'ן אַלגעמיינעם גליק איז נויטיגט אַ גאָט, וואָס באַלוינט און באַשטראָפט. אָהן אַזאַ גאָט וואָל־טען מיר געבליבען אין אומגליקען אָהן האָפנונג, אין זינד אָהן געווי־סענסביסען. ווער עס אַנערקענט, אַז דאָס גלויבען אין גאָט האַלט איין כאָטש עטליכע מענשען פון פאַרברעכען, דער אַנערקענט אַז דאָס דאָזיגע גלויבען דאַרף אָנגענומען ווערען פון דער גאַנצער מענשהייט".

דערצו וועלען מיר נאָך אויך מוסיף זיין אָט די ווערטער פון דעם גרויסען פריידענקער: „דאָס פאָלק איז אַלע מאָל גראָב און טעמפּ; דאָס זיינען אָקסען, וואָס דאַרפען אַ יאָך, אַן אָנטרייבער און פאַשע... מיר דאַכט זיך, אַז עס איז נויטיג, אַז ס'זאָלען זיין אומוויסענדע מענשען. ווען איהר וואָלט געווען אַזאַ גוטבאַזיצער, ווי איך, וואָלט איהר איינגעשטימט מיט מיין דאָזינער שטעלונג: ווען דער המון הויבט אָן אורטיילען — איז אַלץ פאַרלאָרען".

און אָט איז די מיינונג פון דעם צוקער־זיסען רענאַן, פון אַזאַ הייסען פאַרטיידיגער פון דער פרייהייט פון וויסענשאַפטליכען גע־דאַנק, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין דער הקדמה צו זיין בוך „די אַפּאָסטעלס": „לאָמיר זיך באַנוצען מיט דער פרייהייט פון גאָט'ס זיהן, נאָר לאָמיר זיך אויסהיטען אַנטייל צו נעמען אין יענער דערנידערונג פון טוגענד, מיט וועלכער עס וואָלט געדראָהט אונזער געזעלשאַפט, ווען דאָס קריסטענטום וואָלט אָפּגע־שוואַכט געוואָרען. מיט וואָס זאָל מען פאַרבייטען אַזעלכע שוהלען פון ערנסטקייט און פרומקייט, ווי סאַן־סולפּיס, אַזעלכע וואָלטעטיגע ברודערשאַפטען, ווי די באַרעמהער־

ציגע שוועסטער? ווי זאָל מען זיך ניט דערשרעקען פאַר די קליינליכקייטען און פאַר ענגקייטען פון דעם מענשען'ס הארץ, וואָס זיינען גרייט צו פאַרפלייצען די וועלט?, וויסענשאַפטליך געהען מיר זיך פאַנאַנדער מיט די פאַרטיידיגער פון דער פּאָזיטיווער רעליגיע, אָבער מיט'ן הארצען זיינען מיר מיט זיי".

מ'קאָן נאָר זאָגען, אַז וואָלטער איז אויפריכטיגער, רעגאַן — געשיקליכער. אויב דאָס פריסטערטום איז נאָך איצט אויך שטאַרק, איז דאָס בשום אופן ניט מיט זיינע פּאָזיטיווע דינסטען צו דער מענשהייט, — ווי דאָס איז געווען אַמאָל, — נאָר אויסשליסליך מיט דעם, וואָס ער דינט דעם העכערען קלאַס פון דער געזעלשאַפט.

די אַזוי גערופענע פּאָזיטיווע רעליגיע איז איצט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ געצייג צו פאַרשקלאַפען, און די קירכען — אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשקלאַפונג. ניט ערלויבענדיג מיט'ן אַנטי־קלעריקאַליזם צו פאַרבייטען אונזער ברייטען סאָציאַלען קאַמף, דאַרפען מיר, סאָציאַל דעמאָקראַטען, פונדעסטוועגען אויף איין מינוט ניט פאַרגעסען, אַז דער פּריסטער — איז אַ אומערביטליכער און סעריעזער שונא פון פּראָלעטאַריאַט, און פּאָלגליך פון דער גאַנצער מענשהייט, אַ שונא, וואָס האָט אַפילו ניט די רעכטפערטיגונג פון דעם בורזשואַ, פון דעם קאַפּיטאַליסט, וואָס איז נאָך דאָך נויטיג פאַר'ן סאָציאַליזם, ווי אַ קראַפּט, וואָס גרייט איהם צו דעם באָדען. די היסטאָרישע ראָלע פון פריסטער איז שוין פון לאַנג אָן אינגאַנצען אַ שעדליכע.

דער נביא.

דער אָפּמאַך ׳מיט געטער אָדער מיט גאָט — איז דער יסוד פון דעם לעבען פון מענשליכע געזעלשאַפטען פון דעם אַלט־רעליגיעזען טיפּ. די גאַנצע וועלט ווערט באַטראַכט, ווי אַ געזעלשאַפט און דערפאַר ווערט שרעקליך געשעצט די פאַרבינדונג מיט די סאַמע שטאַרקע עלעמענטען פון דער וועלט־געזעלשאַפט — מיט די הער־שער פון די נאַטור־קרעפטען. געזעצען און מנהגים ווערען באַ־לויכטען נים נאָר מיט אַן אָפּמאַך צווישען מענשען, נאָר אויך מיט אַן אָפּמאַך, מיט אַ „טעסטאַמענט“ פון מענשען מיט גאָטהייטען. רעליגיע פלעכט זיך דורך מיט׳ן רעאַלען לעבען אומצערייסבאַר. ווען די געזעלשאַפט ענטוויקעלט זיך, ווען אין איהרע טיפענישען ווערט צייטיג אַ איבערקערענים, ווען זי צופאַלט אויף פיינדליכע קלאַסען — מוז דאָס אַלעס נויטווענדיגערהייד זיך אָפּשפּיגלען אויפ׳ן געביט פון רעליגיע, אָננעמען אַ רעליגיעזען קאָליר.

די אויסדריקער פון די קעמפענדע טענדענצען אין די געזעל־שאַפטען פון אַ וועלטליכען כאַראַקטער זיינען די רעדנער, די פּובליציסטען. אין רעליגיעזע געזעלשאַפטען רופען זיי זיך נביאים.

דער נביא פאָדערט צו רעווידירען דעם אָפּמאַך מיט גאָט און דאָס מיינט אַלע מאָל צו רעווידירען אויך די סאָציאַלע פאַרהעלט־ניסען. אין נביא דריקט זיך אויס אַ נייער באַגריף פון גערעכטיג־קייט ווענגען דער נאַטור און ווענגען דער געזעלשאַפט פון די נייע, אָדער פון די אויסגעוואַקסענע און שטאַרק געוואָרענע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט. אָבער די נביאים ווענדען זיך געוועהנליך צו דער פאַרגאַנגענהייט, זיי רופען אָן זייערע רעפאָרמען אַ ריקצוג צום אור־אַלטען אמת, און די לעהרען און זיטען, וואָס זיינען לויט

זייער מיינונג שעדליך, באַמיהען זיי זיך דאַרצושטעלען זיי אַלס פאַרדערבליכע נייע איינפיהרונגען.

נאָר אויף העכערערע שטופען פון דער געזעלשאַפטליכער ענט־וויקלונג פאַרלירט די טראַדיציע איהר צויבער און די נביאים הויבען אָן אַנערקענען די נייקייט פון זייערע וואַרהייטען און ריידען וועגען א נ י י ע ם טעסטאַמענט. אָבער אויך דאָ ווערט זאָרגזאַם איינ־געשטעלט א פאַרבינדונג מיט דער פאַרגאַנגענהייט. קריסטוס האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען אויספיהרען, און ניט צושטערען דאָס געזעץ פון אַלטען טעסטאַמענט. מאַהאַמעד האָט זיך געשטיצט אויף משה'ן און אויף קריסטוס'ן. „דער אייביגער עוואַנגעליום פון הייליגען גייסט" וואָס איז ענטשטאַנען אין 13־טען יאהרהונדערט, האָט זיך אויך געשטיצט אויף זיי, הגם ער האָט פרעטענדירט אויף דער ראָלע פון א דריטען, סאַמע נייסטען טעסטאַמענט.

אין משך פון א לאַנגער צייט האָט די פובליציסטיק געהאַט די פאָרמע פון נביאות אין דער קריסטליכער וועלט. דערביי איז די נביאות צופאַלען אויף צוויי טיפען: די אמת'ע און די עפיגראַ־פישע.

די נביאים זיינען ניט געווען פאָר־זאָגער אין אייגענטליכען זינען, זיי זיינען געווען פאָר־זאָגער אין דעם אייגענעם גייסט, ווי די היינטיגע פובליציסטען און סאָציאָלאָגען. לויט ווי דאַרמשטעטער דעפינירט דעם אופן פון נביאות, קאָן ער אויך אָנגעווענדעט ווערען צו קאָנדאָרסע, סען־סימאָן און מאַרקס. אָט וואָס דאַרמשטעטער זאָגט:

„דער נביא זעהט די צוקונפט אין איהרע סאַמע אַלגעמיינע שטריכען, ווייל, באַשאַפענדיג זיך א באַוואוסטען פילאָזאָפישען באַגריף פון דער געשיכטע, וויים ער באַשטימט די שיקזאַלען פון זיין פאָלק, נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט דעם וועג אויף וועלכען דאָס פאָלק טרעט אַרויף. דער אַלגעמיינער גאַנג פון פאַקטען און אידעען מיט זייערע נויטיגע דערוויטערטע רעזולטאַטען — דאָס איז דאָס איינ־ציגע, וואָס איהם אינטערעסירט: א איינצעלהייט, א קאָנקרעטער

פאקט, פליהט נאטירליך אוועק פון איהם; זיי פארצוזאָגען לאָזט ער איבער פאר די שארלאטאנעס".

נאָר אמאָל באגעגענען מיר אין די ביכער פון די נביאים אוי־סערגעוועהנליך אויספיהרליכע פאָרזאָגונגען: דאָס איז א סימן, אז דאָס דאָזיגע בוך אָדער יענער אָרט אין'ם בוך זיינען אָנגעשריבען געוואָרען „פאסט פאקטום", נאָר כדי צו באקרעפטיגען די פובלי־ציסטישע אידעען, זיינען זיי באלויכטען מיט דעם אָרעאָל פון נבואה, און אמאָל אויך מיט א וועלכען עס איז פארצייטיגען און גרויסען נאמען פון א נביא. די גרויסע נביאים שטעהען אלע מאָל אויף די גרעניצען צווישען דעם קאָכעדיגען סאָציאלען קאמף. זיי גיבען איהם א לאָזונג, זיי גענעראליזירען איהם, פאראלגעמיינערען איהם, מיט אַן אָדלער בליק קוקען זיי אריין אין דער צוקונפט, זיי טאדלען די שונאים פון זייער אידעע, זיי טרייסטען די אנהענגער.

צוויי אורזאכען מאכען דעם נביא פאר א געהיימניספולע פערזענליכקייט און אויך פאר א פריסטערליכע; ערשטענס, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, קאָן אין א רעליגיעזער געזעלשאפט ניט פאָרקומען א רעוואָלוציע אָדער א ברייטע רעפאָרמע, וועלכע זאָל ניט זיין אויך א רעוואָלוציע אויפ'ן געביט פון די באציהונגען צו גאָט. פאָלגליך, מוז דער נביא ריידען אין נאָמען פון גאָט. סאָציאלע, פאָליטישע אָדער מאָראלישע פאָדערונגען, וואָס ווערען ארויסגע־שטעלט ניט ווי פאָדערונגען פון א מעכטיגער גאָטהייט זיינען אין א רעליגיעזער געזעלשאפט ניט־צולעסיג און קראפטלאָז און ווען אזעלכע פאָדערונגען קומען אויף באדייט עס אלע מאָל, אז די טעאָלאָגישע יסודות פון דער געזעלשאפט הויבען אָן בכלל פאלען.

צווייטענס, פאסט זיך אויף דער נביא פסיכאָלאָגיש, ער בא־טראכט זיך פסיכאָלאָגיש אלס א געצייג פון א העכערען ווילען. א סיסטעמאטישער געדאנק, א נאָכפאָרשונג, — דאָס אלץ איז פרעמד דעם מענשען אין זיין קינדהייט און אין זיין יוגענדס אלטער. אין יענער תקופה דענקט ניט דער מענש און שאפט ניט פאָעטיש: טרעפונגען, פארגלייכעניסען בליצען אויף פלוצלינג אין זיין קאָפּ, ער נעמט מיט באגייסטערונג, מיט א נערווען־אויפשוואונג. ער

רענקט ניט. נאָר ער זעהט גאַנצע רייהען סימבאָלישע געשטאַלטען, ער לערענט ניט, נאָר ער זאָגט אָן, אַמאָל זינגט ער. דער צושטאַנד פון אַ נערוועןאויפשטייגונג, פון באַגייסטערונג ביז צו האַלוציאַנאַציעס און אָנפאַלען, דער צושטאַנד פון העל-זעהונג (קלערוואָיענס) — איז העכער פון אַלץ פאַר דעם נביא: ווי מיט אַ בליץ ווערט באַלויכטען פאַר איהם אין דער דאָזיגער צייט דאָס, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם געקלערט אין זיין באַוואוסטזיין אין די געוועהנליכע וואָכענטעג. פאָעטען גלויבען נאָך ביז היינט אין באַגייסטערונגען, ווי אין עפּעס אַ צורוף, עפּעס אַ געטליכע היימזוכונג — דאָס איז אַ פאַקט פון זייער אינערליכער ערפאַהרונג. די פּובליציסטען פון דער אַלטער געזעלשאַפט — די נביאים — פלעגען אויסגעקליבען ווערען צווישען די פאָעטישע נאַטורען, און ניט צווישען די וויסענשאַפטליכע. אַ פלעגמאַטיק אַ געלעהרטער האָט נאָך ניט געקאָנט האָבען קיין באַדייטונג, די היסטעריש-עפּילעפּטישע נאַטורען (יעדע באַגייסטערונג איז אַ לייכטע עפּילעפּסיע, בעת דער מאַרך ווערט איבערפולט מיט בלוט) — זיינען געווען די פיהרער פון דער יונגער מענשהייט. באַגייסטערונג איז ניט נאָרמאַל, דאָס איז אַ דערהויבענע קראַנקהייט; ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס די יונגע מענשהייט האָט שלעכט אונטערגעשיידעט צווישען קראַנקע און באַגייסטערטע. *)

---

*) אָטבאָ, דער זוהן פון רעביאַ, זאָגט צו מאַהאַמעד'ן: „אויב דער גייסט, וואָס באַווייזט זיך דיר, בינדט זיך שטאַרק צו צו דיר און באַהערשט דיר אויף אַזוי פיעל, אַז דו קענסט זיך ניט באַפרייען פון איהם און דאַרום פּרוידיגסטו, אריינטראָגענדיג דערמיט צאַנקעריי, — וועלען מיר דיר שיקען ערפאַהרענע ערצטע, מיר וועלען זיי באַצאָהלען און זיי וועלען דיר אויסהיילען".

דאָ זעהט זיך שוין אַרויס אַ גענוג קלאָר באַוואוסטזיין, אַז צווישען דעם נביא און דעם קראַנקען איז דאָ עפּעס-וואָס אַלגעמיינס. אָטבאַ רעכענט, אַז אין דעם נביא, אַזוי ווי אין דעם קראַנקען, זיצט אַ דיבוק, אַ גייסט. נאָר ביי איהם קומט אויס, אַז אין נביא זיצט אַ גוטער גייסט, אין קראַנקען — אַ בייזער גייסט.

די נביאים — די פובליציסטען, לעהרער און רעוואָלוציאָנע־רען, זיינען ארויסגעקומען פון דער סביבה, וואָס איז געשטאַנען קעגען דעם אָפיציעלען פריסטערטום, ווי פאָלקס מענשען, ווי דע־מאָקראַטישע טרעגער פון אמת. די דאָזיגע סביבה איז באשטאַנען פון היסטעריקער, שארלאַטאַנעס, היפנאָטיזארען, טרעפער, וואהר־זאגער און כישוף מאכער, וואָס זיינען מאסענווייז אָדער איינציג־ווייז געגאַנגען פון אָרט צו אָרט. זיי פלעגען נביאות זאָגען אין עקסטאז, אין א באוואוסטלאָזען צושטאנד, פלעגען רעדען רעטזועל־האפט, פלעגען זיך קרימען און דרעהען, פלעגען מאכען אַלערליי פאָקוסען אליין ניט קלאָר פארשטעהענדיג, וואו ס'האָבען זיך ביי זיי געענדיגט דער באטרוג און וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבען דער אמת. דער פראָסטער המון האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף מענשען פון א העכערער מדרגה, פאר וועלכע די סודות זיינען אָפען. די פריסטער האָבען געקוקט קרום אויף די דאָזיגע פארשוינען, וואָס פלעגען פארכאפען זייערע הכנסות און איינפלוסען. בעת די פאָלקס־מאסען, וואָס פלעגען דערפיהרט ווערען ביז צו פארצווייפלונג אָדער זיי פלעגען דערשפירען ז י י ע ר ע קרעפטען און זיך שטעלען אונטער זייער א י י ג ע נ ע ר פאָהן קעגען די שפיצען פון דער געזעלשאפטליכער פיראמידע — קעגען די העכערע קלאסען — האָבען די, וואָס האָבען געהאט נאָט אין הארצען, זיך געשטעלט בראש פון די פאָלקס מאסען, און פון זייער פינסטערער און קלענ־ליכער סביבה האָבען זיך ארויסגערוקט אמת'ע נביאים, פאָליטישע און גייסטינע פיהרער. ס'פארשטעהט זיך, אז א נביא האָט זיך געקאָנט פלוצלונג ארויסרוקען אויך פון אַן אנדער סביבה, אָבער די פאָעטישע באגייסטערונג און די אַלע אנדערע שטריכען האָט ער געמוזט אומבאדינגט באזיצען. פאָעטישער זשעני, איבער־מעסיגע פעהיגקייט צו סינטעזירען, פאראייניגען די וואנדערענדע נייע געפיהלען, אידעען און באגעהרען, משיג זיין די שפראך פון פאק־טען, קאָנען צוגעבען גלאנץ און פייער צו דער נייער לעהרע, וואָס איז אויף אזא'ן אופן דערגרייכט געוואָרען, בלייבט דער נויטיגער צייכען אויף פאר די נביאים פון דער נייער, וועלטליכער געזעל־

שאפט, איך וויל זאָגען, פאַר די גרויסע פיהרער — רעוואָלוציאָ־נערען. אָבער ניט גלויבענדיג מעהר, אז מאַגיזם שטעקט אין סאָ־ציאַלע איבערקעהרעניסען, פארשטעהענדיג רעפאָרמען און רעוואָ־לוציעס, ווי אַקטען פון ארבייט און אַקטיוויטעט, וועלכע, כדי צו האָבען ערפאָלג מוזען זיין געבויט אויף דער ערקענטניס פון די סאָציאַלע קרעפטען און טענדענצען, — שטעלען מיר ארויס בנוגע צו אונזערע נביאים ניט נאָר די פאָדערונגען פון ליידענשאפט, ענער־גיע, פייער פון ליעבע, א געצענדינער־מאָלערישע שפראך, פעהיגקייט צו שאפען לאָזונגען, — מיר פאָדערען נאָך אויך פון זיי געלאסען נאָכצודענקען, איינגעהאלטענקייט פון אן אָביעקטיווען פאָרשער. קאָן זיין פאראייניגט אין איין פערזאָן דאָס און יענעס? יא. מיר האָבען שוין געזעהן אזא וואונדער: אונז האָט געלערענט דער גרעסטער נביא פון דער וועלט — מארקס.

די איבערקעהרענים און נביאות באשרענקט זיך ניט נאָר מיט'ן איבערגעוויכט פון סיסטעמאַטישען פאָרשען און נאכדענקען איבער דער שטורעמדיגער באגייסטערונג. די זעלבסט קריטיק פון פיהרער און דער קלאָרער גייסט פון דער נייער מענשהייט ערלויבט ניט צו זעהן אין דעם נייעם נביא א געהיימניספולע און איבער־נאַטירליכע ערשיינונג. דער פיהרער, דער זשעני בלייבט געטליך לויט דער שענקייט און הערליכקייט פון זיינע איבערלעבונגען, אָבער מיר וויסען שוין, אז ער איז ניט א געצייג פון גאָט, נאָר א צייטיגע פרוכט פון דער מענשהייט, וואָס איז באשאפען געוואָרען דורך לאנגע אנשטרענגונגען פון געדאנקען און געפיהל און דורך דעם גליקליכען צוזאמענשטוים פון אומשטענדען. בכלל איז דאָס גלוי־בען אין הויכען ווערט פון דעם אָפמאך מיט גאָט איננאנצען געפאלען, די קלאסען חשבונות, דער קלאסען־קאמף און די קלאסען־איינפאר־שטענדעניסען אין דער געזעלשאפט, און די אינטערנאציאָנאלע אויסער דער געזעלשאפט טרעטען גראד ארויס אָדער אין זייער נאַנ־צער נאקעטקייט, אָדער זיי באהאלטען זיך אונטער'ן צודעק פון פארנינפטיגקייט, צוועקמעסיגקייט, אָביעקטיווער שכל'דיגקייט, אלגעמיינעם גליק, א. ד. גל.

אָבער די גרויסע איבערקעהרעניסען, וואָס שפּיגלען גאָר זייערע גרויסע אידעען, און די טרעגער פון די דאָזיגע אידעען — די נביאים, ווי אויך די מאסען, וואָס ווערען פון זיי באַגייסטערט, הערען דערפון ניט אויף צו זיין אַ רעליגיעזע ערשיינונג. וואו זעלבסט־אויפאָפּפערונג אין נאמען פון אַ גרויסען ציעל ווערט אַ געוועהנליכע ערשיינונג — דאָרט וועהט אַ רעליגיעזער גייסט איבער די קעפּ פון מענשען, דאָרט הערשט דער גייסט פון מענש־ליכען מין, די שטרעבונג צו גרויסע ערָאבערונגען פון דער צוקונפט, דאָרט שמידען זיך צונויף די אינדיווידועז אין אַ אימפּולס צום צוקינפטיגען גליק און צו פאָלקאָמענהייט, דאָרט מאכט דער מענש אַן אנשטרענגונג צו באַזיעגען זיין באַשרענקטקייט און צו באַשאַ־פען אַ גאָט פון זיך און פון זיינע ברידער.

ווי אַן אמת'ער נביא טרעט אַרויס לאַסאַל, בעת ער זאָגט: „ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויפליייגען אויפ'ן שטאנד דעם העכסטען שטעמפּעל פון ווירדיגקייט און זיטליכקייט, ווי דאָס באַוואוסטזיין, אַז פאַר איהם איז פאָראויס באַשטימט די הער־שאפט, אַז ער מוז אויפהויבען דעם פּרינציפּ פון זיין קלאס אויף איין הויך מיט'ן פּרינציפּ פון זיין יאהר־הונדערט, מאכען זיין אידעע פאַר די לייטענדע אידעע פון זיין געזעלשאפט און אויף אַזאַ'ן אופן איבערבויען די דאָזיגע געזעלשאפט לויט זיין אייגענער געשטאלט. ארבייטער! די הויכע אַלוועלטליך־היסטאָרישע עהרע פון אייער באַשטימונג מוז ארומכאַפּען אַלע אייערע געדאַנקען. אייך וועלען שוין מעהר ניט אָנשטעהן ניט די זינד פון די אונ־טערדריקטע, ניט די פּוסטע פאַרוויילונגען פון די פאַראַזיטען. איהר זייט אַ פעלז, אויף וועלכען עס מוז אויפגעשטעלט ווערען די קירך פון דער געגענוואַרטיגער צייט!“

און דער דאָזיגער קאלטער פּאָזיטיוויסט מארקס! לייענט נאָר איבער די שורות פון זיין בריעף צו מעיער'ן, וואָס איז ניט לאַנג צוריק פאַרעפענטליכט געוואָרען, דעם דאָזיגען זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון אַט דעם נביא'ס הארצען, וואָס איז איבער־

פולט געוועזן מיט ליעבע: „פאר וואָס האָב איך אייך ניט געשרי־בען? ווייל איך בין געשטאַנען אויפ'ן ברעג פון קבר. צוליעב דעם האָב איך זיך געמוזט באַנוצען מיט יעדען מאָמענט פון מיין ארבייטספעהיגקייט, כדי צו פארענדיגען די זאך, פאר וועלכער איך האָב אָפּגעגעבען מיין געזונד, דאָס גליק פון לעבען און מיין הויז־געזינד. זיינען נאָך נויטיג וועלכע עס איז אנדערע ערקלערונגען? איך לאַך פון די אַזוי־גערופענע פראקטישע מענשען און פון זייער קלוגשאפט. ווער עס וויל לעבען, ווי אַן אָקס — קאָן געוויס זיך אומקעהרען מיט'ן רוקען צו די יסורים פון דער מענשהייט און זאָרגען וועגען דעם אייגענעם פּאָרצוג. איך וואָלט אָבער געהאַל־טען פאר העכסט אומפּראַקטיש צו שטארבען, ניט פארענדיגענדיג מיין בוך, לכל הפחות, כאָטש אין מאַנוסקריפט".

רעליגיעז זיינען יענע מאָמענטען, בעת א מענש, אָדער א המון, אָדער א קלאַס הויבט זיך אויף איבער זיך, כדי צו לעבען אין יאָהרהונדערטע, כדי צו לעבען און צו שטארבען אין א וועלט פון דער געוואונשטער צוקונפט, ווי א סאָלדאט פון דער איינציגער ארמיי, וואָס וויל די וועלט ערלאָזען דורך ארבייט. עס לעבט זיך איבער א גרויסע עפּאָכע, דער פּראָלעטאריאט וויקעלט פאנאנדער קאָלאָ־סאַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטען, און די נביאים וועלען קומען פאָרטזעצען יענע לאנגע שורה פון פאקלען, וועלכע ציהט זיך פון משה'ן און זאראטוסטער'ן, ווי א שערענגע, באלויכטענדיג די באזונדערע עטאפען פון אונזער שווערען וועג און אָנווייזענדיג פון וויטען דעם הערליכען רעגעבויגען, דעם טויער אין קעניגרייך פון שכל, גערעכטיגקייט און שעהנקייט. וואָסער שפּראַך דער נביא זאָל ניט האָבען, זיין אָבערגלויבעריי, זיינע טעות'ן — ברענגט זיי אלעמען אין פאַרוואַנדשאפט דער הערליכער אידעאַליזם און די הייסע ליעבע צום לעבען און צו יענער גערעכטיגקייט, נאָך וועלכער דאָס לעבען דורשט ליידענשאַפטליך.

דער אונטערגאַנג פון געטער.

די הויפּט אורזאַך פאַר וואָס געטער געהען אונטער איז דער וואוקס פון דעם מענשען׳ס בטחון אין זיך אַליין, אז ער קאָן באַזיעגען די נאַטור. דער נצחון פון געדאַנק איז ניט גענוג אויף צו באפרייען זיך אינגאַנצען פון פאָראורטיילען. וואָס איז די פעולה, וואָס דעמאָקריט׳ס געדאַנק האָט משיג געווען די וועלט אָהן אַ באשעפער, און די נאַטור־ערשיינונגען אָהן באַהאַלטענע גייסטער הינטער זיי? וואָס איז די פעולה, וואָס עפּיקור האָט באַגרינדעט אַ ריין מענשליכע מאָראַל אויף כללים פון אַ מעהר־סטען גליקליכען פערזענליכען לעבען?

די דאָזיגע הויכע אידעען זיינען געבליבען דאָס פאַרמעגען פון אַ הייפעלע פילאָסאָפען. אין זייער לעבענס־צייט האָט די אבער־גלויבעריי געבושעוועט, און נאָך זייער טויט איז דער מענשהייט נאָך פאַרנעשטאַנען מיט׳ן קאָפּ זיך איינצוטונקען אין לעבענס־פיינדליכען מיסטיציזם. נאָר אַ ר ב י י ט און די פילאָסאָפיע פון אַרבייט — די נאַטור וויסענשאַפט, — קאָנען שטאַרק צושטערען אַ בנין, וואָס איז איינגעפונדעוועט פון יאָהרהונדערטער, מחמת זיי באַווייזען אין איין צייט זיין לאָגישע צוברעכליכקייט, זיין ווידער־שפּרוך צו די פאַקטען און דערהויפּט זיין אומנוציטיגקייט. די וואַקסענדע מענשליכע אַרבייט, און דערהויפּט די אינדוסטריעלע, שטאָדטישע אַרבייט, לערענט אויס דעם מענשען די געזעצמעסיגקייט פון דער נאַטור. און ניט די רעטזעלהאַפטע ענדערונג פון ערשיי־נונגען, וואָס דער אַסטראָנאָם און דער ערד־אַרבייטער קאָנסטאַטירען, נאָר די מעכאַנישע געזעצמעסיגקייט. די אינסטרומענטען פון ווערקשטאַט, די שטרענג אויסגערעכענטע אַרבייטס־פּראָצעסען און אַלעמאָל דער פּינקטליכער פאָראויסגעזעהענער רעזולטאַט — דאָס

איז די גאַראַנטיע פון דער מעכאַנישער וועלט-אַנשויאונג. די וועלט איז אַ מעכאַניזם. אָט דאָס איז די גרויסע ענטדעקונג פון האַנד־ווערקעריי.

אָבער דער „מעכאַניזם“, וואָס איז אָפּגעריסען פון דער אַר־בייט, האָט אין זיך זאָגאַר עפּעס־וואָס טרייסטלאָזעס. די וועלט איז אַ מעכאַניזם. וואָס גוטעס איז דאָ אין דעם? „געשטירצט איז דער גאָט פון הימעל, עס שאָקלען זיך די טראָגנען אויף דער ערד, די וועלט איז געוואָרען אַ רעפּובליק, די פּריסטער־הערשאַפט איז פאַרניכטעט אין יסוד, ווי אַ רויך איז אַוועק די מורא פאַר איבער־נאַטירליכעס, וואָס האָט מענשען אין קייטען געהאַלטען“ — פרעהט זיך דער אידעאָלאָג-מאַטעריאַליסט. „לאַנגווייליג, גרוי, גרויזאַם, קאַלט איז געוואָרען אין דער וועלט“, זאָגט דער פּאָעט. „עס איז געוואָרען שרעקליך, זינלאָז. מיר מיט אונזער שכל לעבען אין מויל פון זעעלענלאָזען טייוועל, וואָס וועט אונז צומאָלען מיט זיינע אומברעכבאַרע צייהן און וועט גלייכגילטיג אויפלייזען אין זיין אָנגעגליהטען בויך אויף כעמישע עלעמענטען אונזער געדאַנק, אונזער שעהנקייט, ליעבע און אידעאַל. שרעקליך!“ — זאָגט דער אידעאַליסט.

אָבער אַרבייט, מיה ווערט ניט אָפּהענגיג. „דער מעכאַניזם“, די וועלט, וואָס איז געבונדען מיט אַרבייט ערווערבט אַ גאַנץ אַנ־דער כאַראַקטער. אַלזאָ, די וועלט איז געזעצמעסיג, אין איהר קאָן מען זעהן פאָראויס, אין איהר זיינען ניט פאַרבאָרגען קיין אומ־פאַרשטענדליכע קרעפטען, מ׳קאָן אויסרעכענען, שטיצענדיג זיך אויף דער ערקענטניס, מ׳קאָן איינווירקען. ערקענען די געזעצען פון דעם מעכאַניזם הייסט עס דען ניט קאָנען איהם פאַרוואַלטען?

און דאָרט, וואו דער טרוימענדער, שטענדיג־פאַר־קלערטער טיפ מענש האָט דערזעהן פאַרצווייפלונג, האָט דער אַקטיווער, עקאָנאָמישער טיפ מענש דערזעהען זיין צוקינפטיגע קעניגרייך. „אויב קיין גאָט איז ניטאָ“, האָט ער געזאָגט, „הייסט עס, אַז איך קאָן ווערען אַ גאָט“. — „די נאַטור־קרעפטען זיינען מעכטיג, אָבער זיי זיינען קנעכט פון דער

נויטווענדיגקייט. איך — בין קליין, אָבער פארנינפטיג. איך וועל די נאַטור־קרעפטען מאַכען אונטערטעניג, די ראַשיגפּליהענדע עלעקט־ריציטעט וועל איך מאַכען פאר מיין קוטשער; דער וואולקאַן און דער נעפּטון וועלען זיין מיינע ארבייטער, איך וועל עראָבערן און איינאָרדנען די וועלט און וועל נאָך אפשר אויסשטרעקען די האַנד צו דער לבנה... און דאָרט... אויב איך שיק מיין וואָרט דורכ'ן וואסער־אָקעאַן, פאר וואָס זאָל איך ניט באצווינגען און מאַכען אונטערטעניג דעם עטהער־אָקעאַן? אַלץ איז מעגליך פאר דער מענשליכער ארבייט, וואָס שטיצט זיך אויף ערקענטנים.

אָבער א נייער שונא לויערט אויף דער מענשהייט. דער פּראָ־גרעס פון דער מענשליכער מאַיעסטעטישער מאַכט, די שאַפונג פון שטאָלענע קנעכט, וואָס אָטהעמען מיט דאַמף און זיינען באלעבט פון עלעקטריציטעט, איז באגלייט געוואָרען מיט פארשקלאַפונג און רואינירונג פון מיליאָנען מענשען. די זשעדנעקייט, די בארעמ־לאָזע, גרויזאַמע עקספּלאָטאַציע פון איינעם דעם צווייטען, די פּלוצלונגע קריזיסען, די פארדארבליכע קאָנקורענץ, די אלהערשענ־דע בירזשע, דער טריאומף פון באוועל־שטאָף (קאַטען), קוילען, שטאָהל, און פון זייערע גאָלד־באזיצער, האָבען שיער ניט דער־הרג'עט די פריידיגע האָפענונג פון די מאַר'ס, בייקאָן'ס און קאָנ־דאָרסע.

אָבער נאָך אַלץ הילכיג און פריידיג רופט פאָראויס סען־סימאָן, דער ריעז פון געדאנק, דער גרויסער נביא פאר'ן אָנזעהען פון דער מענשהייט. אויף די וועהגעשרייען פון די בירגערליכע עקאָנאָמיסטען, אויף די קללות, וואָס האָבען זיך געשאָטען אויפ'ן קאפּיטאַל, ענטפערט ער מיט דער גרויסער תשובה — אָ ר ג א נ י־ז י ר ט ז י ך! די ליידען שטאַמען פון אינדיווידואַליזם, פון פּריוואט אייגענטום, פון דער ווירטשאַפטליכער צוריסענקייט, פון עגאָאיסטישע שטרעבונגען; די אויפגאבע פון געווערב, ערדארבייט, האנדעל, די ווירטשאַפטליכע פּראקטישע אויפגאבע פון דער מענש־הייט איז — ברידערליך צו אָרגאַניזירען איהרע קרעפטען. און סען־סימאָן האָט דרייסט אָנגערופען אָט די אויפגאבע א רעליגיעזע.

נאָר דאָס איז שוין געווען דער מאָרגענשטערן פון רעליגיע אָ ה ן
א ג אָ ט.

די מענשליכע אַרבייט וואַקסט. מיט איהר וואַקסט די וויסענ־שאַפט און די טעכניק, ווי אַ באַגריף פון געזעצמעסיגקייט פון דער נאַטור און ווי צו קאָנען זיך באַנוצען מיט דעם דאָזיגען באַגריף. מיט איהם וואַקסט דער סאָציאַליזם, ווי אַ באַגריף פון דער נויט־ווענדיגקייט צו אָרגאַניזירען די מענשליכע קרעפטען כדי ווייטער צו זיעגען, כדי ווייטער צו וואַקסען. די סודות פון דער געזעל־שאַפטליכער אונאָרדענונג ווערען ענטפּלעקט. די אַלטע פאַלשע מעטאָדען: זוכען הילף ביי די אויפגעקלערטע מאָנאַרכען און מיליאָנערען, בונטען פון פאַרשווערער מיט'ן ציעל צו פאַרכאַפּען די מאַכט, אָרגאַניזאַציע פון מוסטערהאַפטע קאָמונעס — ווערען מעהר ניט אָנגעווענדעט. דער שונא איז ענטבלויזט, הויל, דער קעמפער איז באַוואַקסענט, דער אמת'ער פאָרשטעהער פון אַרבייט, די פאַרקערפּערטע אַרבייט איז — דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער, ער האָט אריינגענומען אין זיינע הענד דעם סצעפּטער פון אידעאַל. מיט זיין זיעג וועלען די געטער איינגאַנצען שטאַרבען, און דער מענש וועט אַרויפשטייגען אויפ'ן אָלימפּוס דיקטירען דער וועלט געזעצען. די אויסלייזונג וועט זיין דער רעזולטאַט פון אַר־בייט און אָרגאַניזאַציע.

***

אויף אַן עפענטליכען דיספּוט איז אַלס אָפּאָנענט קענען דעם שרייבער פון די דאָזיגע שורות אַרויסגעטרעטען איינער פון די אָנ־געזעהענסטע פאָרשטעהער פון די פּראָגרעסיווע גייסטליכע. דע־ר דאָזינער פּאָפּ, אין אַן אויסערגעוועהנליך גלענצענדער רעדע, האָט ענטוויקעלט זיינע געדאַנקען וועגען דער באַדייטונג פון רעליגיע פאַר דער מענשהייט. געענדיגט האָט ער אומגעפעהר אויף אַזאַ' אופן: „דאָס מענשליכע לעבען קומט מיר פאָר, ווי אַ גרויס צימער, וואוהין לופט, וואַרימקייט און שיין דרינגען אריין דורך עטליכע פענסטער: אַ פענסטער פון וויסענשאַפט, אַ פענסטער פון פילאָ־סאָפיע, אַ פענסטער פון קונסט, אַ פענסטער פון רעליגיע.

ווייל מען פארשלאָגען אָט דעם לעצטען פענסטער. זאָג איך — הערט אויף; וואָס מעהר שיין, ווארימקייט און פרייע לופט עס וועט אריינשטראָמען אין אונזער צימער — אלץ לייכטער וועט זיין צו אָטעמען, אלץ היימליכער וועט זיין צו לעבען. ענטפערט מען מיר אָבער: הערט איהר דען ניט, אז פון פערטען פענסטער וועהט ניט מיט דופטען פון גאָרטען אָדער פון ים, אז א פארדערב־ ליכער געדוך דרינגט אריין דורך איהם. — דאָס איז אמת — זאָג איך, נאר טוט א קוק: אָט ליעגט ביים פענסטער א נבלה און פוילט. די דאזיגע נבלה איז די פּאָליציייאישע רעליגיעזיטעט, די הערשאַפט פון טויטען בוכשטאַב, דער שימעל, וואָס האָט זיך אָנ־ געקליבען אין יאָהר הונדערטער. נעמט זי אוועק, אָבער פארשלאָגט ניט דאָס פענסטער."

ענטפערענדיג דעם אָפּאָנענט האָט דער פּראָפעסער פון די דאָזיגע זייטען געזאָגט צווישען אַנדערעס: „און איך בין פאר אלע פיער פענסטער, און אויך איך וויל העלפען צונעמען די נבלה, וואָס האָט מיט איהר טויטער מאַסע פארשפּאַרט דאָס פערטע פענסטער. נאָר, מיט דער ערלויבנים פון מיין געעהרטען אָפּאָנענט, וועל איך ארויסזאָגען א געדאנק, וואָס וועט איהם, ס'קאָן זיין, שאָקירען. ס'קאָן זיין א צו חוצפה'דיגען פאר זיינע אויערען, אָבער אן אמת'ען פאר מיר. ער האָט זיך טועה געווען אין דער דעפיניציע פון גרויסען מת, ער האָט אונז צוגערעכענט די ווערים, וואָס ווימלען אויף איהם: דאָס ליעגט דער טויטער גאָט ביים פענסטער פון רעליגיע, די אידעע פון גאָטהייט דאַרף מען צוגעמען, כדי מ'זאָל קאָנען זעהען אין די פענסטער די ליכטיגע האָריזאָנטען פון פּראָ־ גרעס און די זון פון ריינעם אידעאל. מיר האָבען זיך כמעט צו־ נויפגעטראָפען אין דער דעפיניציע פון דער ווירקונג פון רעליגיע, ווי סיסטעמען פון געפיהלען, וואָס הויבען הויך אויף דעם מענשען איבער זיין וואָכעדיגער מדרגה, איבער אייגענוין, קליינע אויסגערע־ כענטקייט, איינזאמקייט, פייגהייט — ביז צו יענעם אָרט, וואו עס וועהט דער ווינד פון פרייהייט, וואו די הערצער קלאַפּען אין איינ־ קלאַנג און רייסען זיך פּאָראויס און אין דערהויך, און עס וואַקסען פליגלען פון שאַפענדען טרוים, און די הענד קרעפטיגען זיך, ווי

שטאָהל, כדי אויפצוטאָן גרויסעס. גאָר אין וועזענטליכען, אין צענ־טראַל־פונקט וועלען מיר זיך פאַנאַנדערגעהן און קיינמאָל זיך ניט אייניגען: איך וועל ניט אָנעמען קיין גאָט, ער איז ניט נויטיג, פאַר־קעהרט, די דאָזיגע אילוזיע איז שעדליך. די גאַנצע ראַיך פון רע־ליגיע בלייבט, אָבער די וועלט הערט אויף זיין אַ טיראַניי, פונקט אַזוי ווי זי הערט אויך אויף צו זיין אַן אויפגעקלעהרטע מאָנאַרכיע. פאַר וועלכער מען וויל עקשנות'דיג זי אָננעמען, ניט קוקענדיג אויף אַלע ליידען פון דער מענשהייט. די מענשהייט איז פריי איבער־געלאָזט צו זיך אַליין. איין מענש איז אַ גאָט פאַר'ן צווייטען מענשען. זאָלען ביי אונז קיין אַנדערע געטער ניט זיין, מיר וועלען זיי ניט פאַרעהרען און ניט דיענען".

נעמענדיג ווידער דאָס וואָרט, האָט דער אָפּאָנענט ערקלערט, אַז ער וויל ניט „מיט זיין שטעקעלע אונטערשפּאַרען דעם מאָנ־בלאַן", אַז „אַ סך האָט מען שוין גערעדט וועגען דעם טויט פון גאָט, און ער לעבט", אַז „מיר וועלען שוין לאַנג ניט זיין, און גאָט וועט נאָך זיין לעבעדיג".

דער פּאָפּ האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אונ־טערשפּאַרען מיט'ן שטעקעלע דעם מאָנבלאַן, מחמת דער שטעקעלע וואָלט זיך זיכער צובראָכען אונטער דער שווערקייט פון דעם אומ־פאַרמיידליך פאַלענדען מאָנבלאַן. און ער פאַלט. דאָס באַרופען זיך אויף די לעבענספעהיגקייט פון גאָט איבערצייגט ניט. קעגען פּריוואַט אייגענטום האָט מען אויך גערעדט, דאַכט זיך, אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס האָט עקזיסטירט, און דאָך ציהט עס נאָך איין די מענשהייט מיט זיינע שטאַרקע קניפּ. אָבער דער געעהרטער אָפּאָ־נענט, האַכט זיך, איז אויף קיין פאַל ניט געניינט דערפון צו מאַכען אַן אויספיהר וועגען דעם, אַז פּריוואַט אייגענטום וועט אייביג עקזיסטירען. מיר האָבען שוין גערעדט וועגען די אורזאַכען, וואָס צושטערען דאָס גלויבען אין אַ גאָטהייט. די געגענגעזעצטע אור־זאַכען קאָנסערווירען דעם גלויבען. דאָס זיינען: די טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דאָרף, דעם ערדאַרבייטער'ס שטאַרקע אָפּ־העֲנגיגקייט פון וועטער ביי דער שוואַכער ענטוויקלונג פון דער

מעטעאָראָלאָגיע. אָבער די ענטוויקלונג פון דער מאשין־אגריקול־טור, די ענטוויקלונג פון א שטרענג וויסענשאפטליכען אופן פעט צו מאכען דעם באָדען, די סיסטעמע פון באוואסערונג און, ס'קאָן זעהר זיין, די קונסט ארויסצורופען און אָפּצוהאלטען רעגען, שניי און האָגעל (מאנכע עקספּערימענטען זיינען שוין געמאכט געוואָרען מיט דער אָנווענדונג פון ארטילעריע) — וועט אויך דעם ערד־ארבייטער ארויסרייסען פון די נאטור־קאפּריזען, וועט איהם מאכען פאר דעם ווירקליכען ב ע ל ה ב י ת פון זיין פּראָדוקציאָן. די ברייטע כוואליע פון דער קולטור וועט שוין פארענדיגען דאָס איבריגע.

אָן אנדער שטיצע פון רעליגיע — איז די פרוי, וועלכע איז אַזוי לאנג געבליבען אָפּגעזונדערט און אומוויסענד און האָט גע־פונען פריידי און זעלען־דערהויבונג נאָר אין דער אומגעזונטער אטמאָספערע פון קירך און פון ווידוי־צימער. זי וועט נאָך לייכ־טער עראָבערט ווערען פון דער נייער קולטור. נאָר דער נידער־טרעכטיגער וואונש פון דער בורזשואזיע צו האלטען די פרוי אין אומוויסענהייט און פאָראורטיילען, כדי זי צו מאכען פאר א שקלא־פין, און די גלייכגילטיגקייט פון דער מערהייט פּראָלעטאריער צום ארט־דענקען פון זייערע פרויען, א גלייכגילטיגקייט, וואָס דארף פאר־אורטיילט ווערען — גיבען א מעגליכקייט די קירכלייט צו האלטען אין זייערע לאָפּעס די פרויען־זעעל, וואָס דורשט צו פּאָעזיע, וואָס איז אָבער גרייט פריידיג צו באגעגענען די נייע רעליגיע.

אָבער די וויכטיגסטע אורזאך פאר וואָס דער מיסטיציזם איז אַזוי פעסט, איז די ווירטשאפטליכע דעזאָרגאניזאציע פון דער גע־זעלשאפט. זי שלאָגט אי דעם פויער אי דעם קליינעם סוחר און דעם האנדווערקער, זי באשאפט אומבאשטענדיגקייטען פאר דעם מיטעלען, צווישען־רוימיגען קלאַס, זי הערשט אפילו איבער דער גרויס־בורזשואזיע, און דער פּראָלעטאריאט אליין באזיעגט זי קוים, זיך שטיצענדיג אויף דעם, וואָס ער פארשטעהט קלאָר די רעאלע אורזאכען פון יענעם טונקעלען „צופאל", אָנשיקענים, שיקזאל א. א. וו., וואָס טוט אויף די גרויסע און קליינע קאטאסטראָפען אין אָקעאַן פון סאָציאלען לעבען.

פּאָול לאַפאַרג האָט אויסגעצייכענט אויפגעקלערט די אורזאַך פאר וואָס רעליגיע איז פעסט. אָט וואָס ער זאָגט וועגען דעם:

„אין עקאָנאָמישען לעבען פון בורזשוא איז אַלץ פול מיט אומדערקלערליכע סודות, וואָס מיט זייער אומענטשידענקייט האָבען די עקאָנאָמיסטען זיך געאייניגט. דער קאַפּיטאַליסט, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבען, אַ דאַנק זיינע געלעהרטע, זיך צו באַנוצען מיט די קרעפטען פון דער נאַטור, בלייבט שטעהן אין שרעק פאַר די אומפאַרשטענדליכע ווירקונגען, אַקטען פון די עקאָנאָמישע קרעפטען, ער האַלט זיי פאַר ניט צוגענגליך פאַר דער אויספאָרשונג, פונקט אַזוי ווי זיין גאָט, און ער מיינט, אַז קליגער פון אַלץ איז, זיך צו פאַרהאַלטען מיט אונטערטעניגקייט, בעת אַן אומגליק ווערט אויף איהם אָנגעשיקט, און מיט דאַנקבאַרקייט, בעת עס טרעפט איהם אַ גליק. ער זאָגט, ווי איוב האָט געזאָגט: „ד' נתן, ד' לקח — גאָט האָט געגעבען, און גאָט האָט צוגענומען, זאָל זיין נאָמען געלויבט זיין". די עקאָנאָמישע קרעפטען אין זיין פאַנטאַזיע שטעלען זיך איהם פאָר פאַר גוטע און שלעכטע גייסטען. די שרעקליכע אומבאַוואוסטהייט אין דער סאָציאַלער וועלט, וואָס רינגעלט ארום דעם בורזשוא, ניט לאָזענדיג איהם ערקענען און פאַרשטעהען פאַר וואָס און ווי אַזוי אַלץ קומט פאָר, באַגעגענט איהם אין זיין אינדוסטריע, אין זיין מסחור, ווירטשאַפט, וואַהלזיין, אין זיין לעבען. זי שרעקט איהם אַזוי, ווי דעם ווילדען שרעקט דאָס אומפאַרשטענדליכע אין דער נאַטור, וואָס האָט דערוועקט און צוברענגט זיין העלע פאַנטאַזיע. די אמונה פון דעם פּרימיטיווען מענשען אין מכשפות, אין דער נשמה, אין גייסטער און אין גאָט, שרייבען צו די אַנטראָפּאָלאָגען צו דעם, וואָס ער ווייס ניט די נאַטור. די זעלביגע ערקלערונג קאָן מען אָנווענדען צום ציוויליזירטען מענשען, וואָס זיינע ספּיריטואַליסטישע אידעען און זיין אמונה אין גאָט העגגען אָפּ פון זיין ניט וויסען די סאָציאַלע וועלט".

„די אומזיכערקייט אין דעם, אַז זיין וואָהלשטאַנד וועט אַלע־מאָל אָנהאַלטען, צווינגט פאָראויס דעם בורזשוא, פונקט אַזוי ווי דעם ווילדען, צו אָנערקענען די עקזיסטענץ פון העכערע וועזענס,

וואס לייטען די ספּעציעלע ערשיינונגען לויט ווי איהם גלוסט זיך, צווינגענדיג זיי מיטצואווירקען אָדער צו זיין אומגינסטיג. און כדי זיי זאָלען זיין גנעדיג צו איהם, לאָזט ער זיך אריין אין דער גרעבסטער אבערגלויבעריי, ער צינדט אָן ליכט פאר די בילדער פון די הייליגע און ער בעט ביי דעם קריסטליכען דרייאייניגקייט'ס גאָט אָדער ביי דעם איין איינציגען גאָט פון די פילאָסאָפען".

א רייהע אורזאכען גרייטען צו אין פּראָלעטאריאט א נאטירליכען באָדען פאר דעם ניט-גלויבען, פאר א רעאליסטישע־ וועלט־ אָנשויאונג. ער זאָגט:

„די ארבייט אין ווערקשאַפּ ביי מאשינען שטעלט אוועק דעם ארבייטער פּנים אל פּנים מיט אזעלכע שרעקליכע נאטור־קרעפטען, וועגען וועלכע דער פויער האָט קיין באגריף ניט; אָבער ניט זיי הערשען איבער איהם, נאָר ער קאָנטראָלירט זיי. א ריעזיגער געגענשטאנד פון שטאָהל און אייזען, וואָס האלט די פאבריקען געפאנגען, וואס ברענגט זיי אין באוועגונג, ווי אַן אויטאָמאַט, דער דאָזיגער געגענשטאנד, וואס שלינגט אמאָל איין דעם ארבייטער, פארקריפּעלט איהם, דריקט איהם, רופט פונדעסטוועגען אין איהם ניט ארויס קיין געפיהל פון אבערגלויבישען שרעק, ווי א דונער רופט ארויס ביים פויער, ער ריהרט איהם ניט, ער שרעקט איהם ניט, מחמת ער וויים, אז איינצעלנע טיילען פון דעם דאָזיגען מעטאַלענעם מאָנסטער, זיינען געמאכט און צוזאמענגענומען געווארען פון זיינע חברים, אז ער דארף נאָר איבערלעגען דעם רימען, כדי איהם צו ברענגען אין באוועגונג אדער אפּצושטעלען. ניט קוקענדיג אויף איהר גאנצער קראפט און וואונדערליכער פּראָדוקטיווער פעהיגקייט, שליסט די מאשין פאר איהם ניט איין און זיך קיין געהיימניספולעס. דער ארבייטער אויף דער עלעקטרישער סטאנציע, וועלכער דארף נאָר א דרעה טאָן א הענטעל, כדי אויף א וויטען שטח צו ברענגען אין באוועגונג די טראמוויי־וואגאָנען אָדער צו באלייכטען די שטאָדט, קאָן זאָגען, ווי גאָט האָט געזאָגט: „יהי אור!" — „עס זאָל זיין ליכטיג!" און ס'וועט ווערען ליכטיג. ער האָט קיינמאָל ניט געטראכט פון פאנטאסטישער צויבעריי, ווייל די דאָ־

זינגע צויבעריי איז פאר איהם א גאנץ איינפאכע זאך. ער וואָלט געווען פארוואונדערט, ווען מ'וואָלט איהם געזאָגט, אז ווען גאָט וויל קאָן ער אָפּשטעלען די מאשינען אָדער אויסלעשען די לאָמפען. ער וואָלט דערויף געענטפערט, אז דער דאָזיגער אנארכיסטישער גאָט איז ניט קיין אנדער זאך, ווי א צובראָכענער טייל פון א מאשין אָדער צעריסענער עלעקטרישער דראָט. די פראקטישע אר־בייט אין א היינטיגען ווערקשאָפּ לערנט אויס דעם ארבייטער דעם וויסענשאפטליכען דעטערמיניזם, הגם ער האָט קיינמאָל טעאָרעטיש ניט שטודירט קיין פילאָסאָפיע".

מארקס אין ערשטען באנד „דאָס קאפיטאל", פארבייגעהענדיג און קורץ, נאָר מיט א געניאלער קלאָרקייט האָט אָנגעוואָרפען א בילד פון דער רעליגיעזער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. אָט וואָס מארקס שרייבט:

„די רעליגיעזע וועלט איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די אָפּ־שפּיגלונג פון דער ווירקליכער וועלט. פאר א געזעלשאפט פון סחורה־פּראָדוצירער, וואו זייער אלגעמיינע געזעלשאפטליכע פּראָ־דוקציאָן־פארהעלטניס באשטעהט אין פארהאלטען זיך צו זייערע פּראָדוקטען ווי צו סחורות, ד. ה. צו ווערטהען, און צו באטראכטען אין דער דאָזיגער פּשוט'ער פאָרמע די באציהונג פון זייערע פּריי־וואט־ארבייטען איינע צו די אנדערע, ווי א באציהונג פון גלייכער ארבייט — פאר אזא געזעלשאפט איז דאָס קריסטענטום מיט זיין קולט פון דעם אבסטראקטען מענשען, און באזונדערס אין זיין בור־זשואזער ענטוויקלונג, אין דעם פּראָטעסטאנטיזם, דעאיזם און אז. וו. די העכסט־פּאסיגע פאָרמע פון רעליגיע. אין די אלט־אזיאטישע און אנדערע אלטערטימליכע אופנים פון פּראָדוקציאָן שפּילט די פארוואנדלונג פון פּראָדוקטען אין סחורות, און פאָלגליך, די פאר־וואנדלונג פון מענשען אין סחורה־פּראָדוצירער, אן אונטערגעוואר־פענע ראָלע, וועלכע ווערט אָבער מעהר באדייטענד, וואָס מעהר די דאָזיגע געזעלשאפטען דערנעהנטערען זיך צו זייער אונטער־גאנג. אייגענטליכע, ווירקליכע האנדעלס־פעלקער עקזיסטירען נאָר אין די צווישען־שטח'ס (אינטערמאָנדיין) פון דער אלטער וועלט,

ווי עפיקור'ס געטער, אָדער ווי די אידען אין די שפּאַלטען פון דער פוילישער געזעלשאַפט. יענע אַלטע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט צום פאַרגלייכען איינפאַכער און קלערער פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט; אָבער זיי זיינען באַגרינדעט אָדער אויף דער אומענטוויקעלטקייט פון דעם אינ־דיווידועלען מענשען, וועלכער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעריסען פון דעם נאָפּעל־שנור פון נאַטירליכען גאַטונגס־צובונד צו אַנדערע מענ־שען, אָדער אויף די דירעקטע באַציהונגען פון הערשאַפט און קנעכט־שאַפט. זיי ענטשטעהען און עקזיסטירען נאָר דאָרט, וואו די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען פון דער אַרבייט געפינען זיך אין אַ נידעריגער ענטוויקלונגס־שטופע, און, פאָלגליך, די באַשרענקטע פארהעלטניסען פון מענשען אויפ'ן געביעט פון זייער מאַטעריעלען לעבען, ווי ממילא אויך איינע צו די אַנדערע אין דער נאַטור. אָט די ווירק־ליכע באַגרענעצטקייט שפּיגעלט זיך אָפּ אידעעל אין די אַלטע נאַטור־און פאָלקס־רעליגיאָנען. דער רעליגיעזער אָפּשיין פון דער ווירק־ליכער וועלט קאָן אויף אַלע אופנים פארשווינדען נאָר דאַן, ווען די באַציהונגען פון דעם פּראַקטישען טעגליכען לעבען וועלען פאַר־שטעלען פאַר'ן מענשען טאָג־טעגליך קלאָרע און פאַרנינפטיגע באַ־ציהונגען צו זיינע מיטמענשען און צו דער נאַטור. די געשטאַלט פון געזעלשאַפטליכען לעבענס־פּראָצעס, דאָס הייסט פון דעם מאַ־טעריעלען פּראָדוקציאָנס פּראָצעס, ציהט אַרונטער איהר מיסטישען נעבעל־שלייער נאָר דאַן, ווען זי שטעהט ווי אַ פּראָדוקט פון פרייע, געזעלשאַפטליך־פאַראייניגטע מענשען און אונטער זייער באַוואוסט־זיניגען, פּלאַנמעסיגען קאָנטראָל. דערצו אָבער פּאָדערט זיך אַ מאַ־טעריעלע גרונד־לאַגע פון דער געזעלשאַפט, אָדער אַ גאַנצע רייהע פון מאַטעריעלע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, וואָס זיינען אַליין ווידער אַ נאַטור־געוואַקסענער פּראָדוקט פון אַ לאַנגער און פּיינליכער ענט־וויקלונגס־געשיכטע".

די מענשליכע אַרבייט, וואָס איז אַזוי אויסגעוואַקסען — דאָס הרג'עט אַוועק גאָט, אָבער דאָס באַשאַפט אויך אַ נייע רעליגיע, וואָרום דער ציעל פון אַרבייט איז — צו זיעגען איבער דער נאַטור.

די באַזייטיגונג פון שלעכטס, דער טריאומף פון שכל איבער דער סטיכישקייט, די איביג וואַקסענדע מאַכט, די אומאויפהערליכע אויסבעסערונג פון מין, ס'הייסט צו ערפילען דעם מענשען'ס אור־אַלטע וואונשען און דאָס אַלץ דורך אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, וואָס פאַרכאַפּט אינדיווידוען, וואָס בינדט זיי צוזאַמען אין רוים און צייט, וואָס פאַרבּרידערט און מאַכט פאַר מיטהעלפער אַלע מענ־שען. און די נייע רעליגיע פאָדערט נאָך זעלבסט־פאַרלייקענונג, ס'הייסט אָפּצוזאָגען זיך פון אייגענע באַקוועמליכקייטען, אָבער זי צווינגט ניט, זי וויל מ'זאָל דאָס טאָן פרייוויליג. זי פאַרלאַנגט ניט קיין קרבן, זי וויל אַ טובה, זי וויל צערטליכע איבערגעבענקייט צום מענשליכען מין. ווער, אויב ניט דער פּראָלעטאַריער, וואָס קאָן האָפען אויף ערפאָלג נאָר שטיצענדיג זיך אויף די ברייטע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבאַנדען, זאָל ווערען דער טרעגער פון דער נייער רעליגיע?

דער אויסגלייך צווישען די געזעצען פון לעבען און די געזעצען פון דער נאַטור ווערט אַרויסקומען דורך דעם נצחון פון לעבען מיט דער הילף פון ערקענטניס און טעכניק. אַ ברייטע געזעלשאַפטליכקייט, אַן ענטוויקעלטעס געפיהל פון מין, די האָפנונג אויף אַן אומאויפהערליכען פּראָגרעס — אָט דאָס איז, וואָס גיט אַ רעליגיעזע טרייסט אין אונזער עפּאָכע. אויב דאָ איז דאָ אַ גאָט — איז דאָס דאָס לעבען און זיין העכסטער פאָרשטעהער — דער מענשליכער מין. דיענען דער וויסענשאַפט, ארבייט און, פאַר דער געגענ־ווערטיגער עפּאָכע, דער קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם, דער אַלזייטיגער קאַמף, וואָס צושטערט די אַלטע אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט און די אַלטע אָרדנונג פון דער נשמה און וואָס באַשאַפט אַ נייע געזעל־שאַפט און אַ נייע נשמה — דאָס איז די רעליגיעזע אויפגאַבע פון דעם נייעם מענשען.

דריטער קאפּיטעל.

מעטאפיזיק און היסטאָריזם אין רעליגיע.

אין אַלע גרויסע און רייפע רעליגיעזע סיסטעמען, דאָ אין א געמישטער פאָרמע, דאָ ארויסטרעטענדיג מעהר אָדער ווענינער ריין, באַגעגענען זיך צוויי פּרינציפּען אין דער אונטערשיידונג פון גוט און שלעכט, וואָס זיינען אין תוך גענומען געגענגעזעצט איינער צום צווייטען.

דאָס לעבען גופא ווערט אָפּגעשאַצט פארשידען — אין איינ־קלאַנג מיט ועלכער פון די צוויי פּרינציפּען עס טריאומפירט אין דער געגענווארטיגער רעליגיע. און אויך דער אידעאַל ערווערבט א גאַנץ פאַרשידענעם כאראקטער ניט נאָר לויט'ן תוך, נאָר אויך פאָרמעל.

דער ערשטער פּרינציפּ: ד י נ א נ צ ע וועלט פון ער־שיינונגען ווערט געהאלטען פאר שלעכט, גליק איז — ראטעווען זיך פון ד ע ר ו ו ע ל ט. דאָס לעבען אין זיין פולקייט (עמפּפינ־דונגען, געדאַנק, געפיהל, טאַט) ווערט אָפּגעשטויסען, ווי אַן אומצו־רייסבאַר פארבונדענעם מיט דער וועלט (מיט שלעכטס), עס ווערט נאָר אָנגענומען דאָס לעבען פון גייסט אין זיינע ריינסטע ענטפּלע־קונגען (דער ריינער געדאַנק.)

אזוי ווי עס עקזיסטירט בכלל נאָר צוויי ערטער פאר די מענשליכע האָפנונגען — ד אָ ס צ ו ק ו נ פ ט י ג ע, וואָס איז געבונדען מיט דער וועלט, און דאָס א י ב ע ר ו ו ע ל ט־ל י כ ע, פאָלשטענדיג גייסטיגע, וואָס איז אינגאנצען אָפּגעשיידט פון דער וועלט — ווערט דאָס צוקונפטיגע אָפּגעשטויסען און דאָס

איבער־וועלטליכע ווערט דערהויבען. דאָס פּראָקלאַמירען פון ריינעם גייסט און אין איינקלאַנג מיט דעם די איבער־זינליכע וועלט אַלס דאָס איינציגע, פּאָלשטענדיג אָפּגעשיידטע פון דער וועלט פון ערשיינונגען, מאכט עהנליכע רעליגיעזע סיסטעמען פאַר ווערענטליך מ ע ט אַ פּ י ז י ש ע.

צווייטער פּרינציפּ: אַלץ, וואָס פאַרשאַפט ליידען, וואָס צושטערט דאָס לעבען, וואָס טוט איהם שאַדען, ווערט געדעכענט אין דער וועלט פאַר שלעכט. פאַרקעהרט, אַלץ, וואָס איז אין איינ־קלאַנג מיט די אינטערעסען פון לעבען און מיט זיין ענטוויקלונג — ווערט גערעכענט פאַר גוט.

דאס גאַנצע לעבען אין זיין גאַנצער פולקייט (עמפּפינדונגען, געדאנק, געפיהל, ווילען) ווערט אנערקאַנט פאַר גליק. פאַר שלעכט ווערען אנערקאַנט נאָר יענע ליידענשאַפטען, וואָס שאַדען דעם אינדיווידועלען אָדער דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

ס'ווערט אנערקאנט, אַז די וועלט ווערט בעסער, דער מענש ווערט אנערקאנט פאַר פעהיג אַקטיוו צו פאַרגרעסערען די סומע פון גוטס, פאַרקלענערען די סומע פון שלעכטס, און אין דער אונ־טערשטער שורה איינגאַנצען אָפּצוריינינגען די וועלט פון שלעכטס און בריינגען דערצו, אַז טריאומפירען זאָל נאָר דאָס גוטע, וואָס מאָלט זיך אין דער געשטאַלט פון אַ געבענשט לעבען צווישען דער דורכגעלייטערטער נאַטור.

ווען דער פּראָצעס, וואָס פאַראַדעלט דעם מענשען און די נאַטור, ווערט פּראָקלאַמירט אַלס דער זין פון דעם קיום, פון דעם דא־זיין, מאכט דאָס די ענטשפּרעכענדע רעליגיעס פאַר ווענטליך ה י ס ט אָ ר י ש ע.

די מעטאַפּאַזישע רעליגיעס, וואָס לייקענען אָפּ די גאַנצע וועלט, פאַרלירען געוויס זייער אידעאַל (ריינע גייסטיגקייטען) און זיי בריינגען צו דער אידעע פון טויט, ס'הייסט זיי ווערען פאָל־שטענדיג פעסימיסטישע. ביים שיין פון דער וויסענשאַפט מוז דער מענש ענטוועדער אין שרעק אָפּטרעטען פון דעם צוגעטראַכטען

אידעאַל „פון ריינער גייסטיגקייט", אָדער הויך זאָגען: ד ע ר ט ו י ט א י ז ב ע ס ע ר פ ו ן ל ע ב ע ן".

דער היסטאָרישער פּרינציפּ פאַרקעהרט פאַרלירט גאַרנישט דורך דעם, וואָס ער רייניגט זיך אָפּ פון דער מיטהאָלאָגיע. ביים שיין פון וויסענשאַפטליכען באַוואוסטזיין פאַרקינדיגען, פּראָקלאַמירען די היסטאָרישע רעליגיעס דאָס לעבען און זיין דיענער — ארבייט, פאַר דאָס איינציג־נעטליכע אין דער גאַנצער וועלט.

אין משך פון דעם גאַנצען רעליגיעזען לעבען פון דער מענשהייט ביז אונזערע טעג (און געוויס וועט דאָס אויך אָנהאַלטען אין דער נאָהנטער צוקונפט) קומט פאָר א קאַמף צווישען דיביידע רעליגיעזע פּרינציפּען. דאָס קריסטענטום שטעלט מיט זיך פאָר א ניט־לאָגישען און ניט־גראַדען געמיש פון ביידע פּרינציפּען, וואָס ראַנגלען זיך צווישען זיך אין איהם. עס איז זעהר וויכטיג קלאָר זיך פאָרצושטעלען ביידע פאָרמען פון א רעליגיעזען ארט פיהלען די וועלט. דער בעסטער מיטעל פאַר דעם איז זיך צו באַקאָנען מיט צוויי רעליגיעס, וואָס האָבען אין א באַדייטענדער ריינקייט פאַרקערפּערט ביידע פּרינציפּען און וואָס האָבען מעכטיג געווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען זשעני. א עכט טיפּישע מ ע ט א פ א ז י ש ע רעליגיע איז ד י א י נ ד י ש ע ר ע ל י ג י ע ז י ט ע ט (דער בראַהמאַניזם און זיין נאַטירליכע פאָרטזעצונג — דער בודיזם). א עכט היסטאָרישע רעליגיע, די ערשטע פ י ל אָ ז אָ פ י ע פ ו ן ג ע ש י כ ט ע, איז ד ע ר מ אַ ז ד ע א י ז ם.

1) בראַכמאַניזם און בודיזם.

אין קיין אָרט אין דער וועלט האָט די פאָרשטעלונג וועגען דעם ריינעם גייסט אין אונטערשיידונג פון אַלץ, וואָס איז רעאַל, גשמיות'דיג, ניט דערגרייכט אַזאַ הויך, ווי אין אינדיען, און אין ערגעץ איז זי אַזוי שרעקליך ניט דורכגעפאַלען, ווי דאָרט.

א באַגאַבטע, אַקטיווע ראַסע, וואָס האָט באַשאַפען מעננעם געטער לויט איהר אייגענער געשטאַלט, א ראַסע פון קריגער און דיכטער, ברייטע נאַטורען, האָט אריינגעשטראָמט פון פאַרהעלט־ניסמעסיג קאַלטע לענדער אין דער הייסער און פראַכטפולער אינדיען.

בראַש פון א ווייסען פאָלק איז געגאַנגען זיין פירסט פון די געטער — אינדראַ. דאָס איז געווען א סאָלדאַט פון קאָפּ ביז די פיס. אין געשלעגען און הוליאַנקעס איז געלעגען זיין פרייד; א שיכור, א פרויענ־יעגער, א פרעסער, א בלוטדורשטיגער גזלן — דאָס איז געווען דער דאָזיגער לוסטיגער גאָט, די דאָזיגע ריק־זיכטסלאָזע נאַטור, דער גאָט פון יענע מענשען, וועלכע ניטשע האָט אָנגערופען — בלאָנדע בעסטיען.

זיי האָבען באַזיגט דאָס לאַנד, זיי האָבען צוטראָמפּעלט די ברוינהויטיגע באַפעלקערונג מיט איהרע ווילדע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. זיי זיינען געוואָרען די הערשער אין דעם לאַנד פון דזשאָנגלס, פון הערליכע שטילע טייכען און פון א גלוטיגער זון, וואָס שיקט אַראָפּ איהרע ברענענדיגע שטראַהלען פון דעם בלויהען הימעל.

אָבער ביסלעכווייז איז א מורא אָנגעפאַלען אויף די דאָזיגע מוטיגע קריגער. ניט פאַר די אויפשטאַנדען פון די רחמנות'דיגע

ברוינהויטיגע מענשען, וואָס זיי האָבען געטראָטען מיט די פיס, האָבען זיי מורא געהאַט. נאָר די הייסע לופט, וואָס מאַכט מיעד, די גלוטיגע זון, וואָס ברענט, ווי פייער און צינדט אָן אין בלוט א אומאויפהערליכען דורשט נאָך תענוגים, די אומבאַזיעגבאַרע פויל־קייט, וואָס שלעפערט כסדר און מאַכט ווייך די מוסקלען — האָט דערשראָקען די קריגער... עפּעס־וואָס שטאַרקעס, אייזערנעס האָט אין זיי גענומען שמעלצען און איז לאַנגזאַם צוגאַנגען אין דער הייסער, לאַסצענדער און באַרוישענדער אַטמאָספערע. און זיי האָבען זיך אָפּגעלאָזען. עפּעס א שלאָף, וואָס פּאַראַליזירט די קרעפטען, איז אויף זיי אָנגעפאַלען.

דער אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאַלטונג האָט גערופען צו א רויהען לעבען, צו א לעבען פון אַרבייט, ס'איז אָבער ניט געווען פאַר וואָס זיך אָנצוכאַפּען אין דעם דאָזיגען ים פון וואויל־לוסט. יעדעס בליהמעל, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט שטיל געלאַכט פון דעם אָרימען זיעגער־אַריער, האָט איהם גערופּט מיט גיפט. דער צפון־מענש האָט באַזיעגט דעם דרום, ער איז פון איהם שיכור געוואָרען, ער קאָן זיך אָבער ניט אויפהויבען. זיינע מוסקלען זיינען שוואַך געוואָרען, ער קאָן זיך ניט אויסגלייכען, דער קאָפּ פאַלט אויף דער ווייבער בעט, אין האַלב־דרעמעל ראַנגעלט ער זיך, ער רופט זיין הויפּט־גאָט — אינדראַ, ער שטרעקט אויס די האַנד צו זיינע געוועהר, וואָס ער האָט אַמאָל פון דער האַנד ניט אַרויסגעלאָזט, אָבער די וואויל־לוסט, די תאוה, דער הייסער קלימאַט לאָזען איהם ניט.

מיט א שרעקליכער ווילענס אָנשטרענגונג האָט זיך דער אַריער א ריס געטאָן. ער האָט פאַרשאָלטען דעם זיסען לעבענס־געטראַנק, אָבער א שרעקליכען פּרייז האָט ער באַצאָלט פאַר דער פרייהייט. ער האָט שוין ניט געקאָנט לעבען ווי א מאַנספּאַרשוין, ווי א קרינגער, ווי אַן אַרבייטער, ווי א פאַטער. ער האָט אַלץ פאַרוואָרפען, כדי ניט אומצוקומען. אום זיך ניט איבערצועסען, ניט צו זיין שיכור — האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין תעניתים. אין אַסקעטיזם האָט ער געפונען א רעטונג פון לעבען.

רענאַן האָט געמאַכט אַ טיפע באַמערקונג: וואויל־לוסט און זעלבסט־פאַרלייקענונג זיינען קרובים. דער אסקעט, וואָס ווערט פאַרפאָלגט פון לעבענס־שרעק, און צעהרט זיך, כדי זיך צו באַפרייען פון לעבען, געהערט צו דער זעלביגער ראַסע, וואָס זוכט תאוה׳דיגע זעלבסט־פאַרגעסונג אין תענוגים און אין אַלע פאַרפיהרונגען פון דער נאַטור.

יאָ, זינליכקייט, תאוה׳דיגקייט און אסקעטיזם זיינען צוויי אָפּגרונדען, וואו עס פאַלט די שוואַכקייט, וועלכע קאָן זיך ניט האַלטען אויפ׳ן זייל פון אַקטיוויטעט, קאַמף און אַרבייט.

מיט אַ נאָך שרעקליכערער ראַשיגקייט איז פאָרגעקומען דער אונטערגאַנג פון דער דאָזיגער שטאָלצער ראַסע מחמת דעם, וואָס די תאוה האָט געפיהרט צו פאַרמישונג מיט די ברוינהויטיגע אונ־טערטאַנען. די ראַסע איז אַליין טונקעלער געוואָרען אין הויט און אין דער נשמה. דערפאַר האָבען די געזעצען פון אינדישען מאַנו באַשטימט זעהר שטרענגע מחיצות צווישען די פאַרשידענע פאָלקס־קלאַסען (קאַסטען). עס הויבט זיך אָן אן עקשנות׳דיגער קאַמף פאַר זעלבסט־ערהאַלטונג. די גייסטיגע אַריסטאָקראַטיע, די קאַסטע פון די חכמים, די היטער פון די אָפּמאַכען מיט די געטער — זיי ווערען די היטער פון דער ראַסען־ריינקייט. דאָס איז די קאַסטע פון די בראַכמאַנער. דער חכם מיט דער גרויהער באָרד מיט זיינע פּריסטער און מיט׳ן קרבן־מעסער איז אוועקגעשטעלט געוואָרען פנים אל פנים מיט׳ן טייוועל, מיט׳ן גאָט, וואָס מאַכט צולאָזען די וועלט, וואָס שטעלט אויס אומעטום אַזוי פיעל גאָלדענע נעצען. אין דעם יראת הכבוד צום בראַכמאַן האָט זיך אויסגעדריקט דער דורשט פון דער ראַסע זיך צו רעטען. מען דאַרף געדענקען, אַז די רעטונג פון דער ראַסע האָט באַטייט די אָפּהיטונג פון איהר הערשענדער לאַגע. אַנגווערען דעם מיליטערישען פאָרצוג, אַלס רעזולטאַט פון דער קאַסטען־צומישונג, — וואָלט געמיינט דער סוף פון דער אַרישער אַריסטאָקראַטיע. זיי האָבען זיך צוזאַמענגענומען אַרום די פּריסטער, אַרום מאַנו׳ס געזעצען און זייערע אויסטייטשער — חכמים, ווי אַרום אַ הייליגקייט. דאָס האָט אַריינגעגעבען אַ שרעק־

ליבע קראפט אין די הענד פון די בראַכמאַנער. זיי וואקסען אויס אויסערגעוועהנליך אין זייער אייגענער מיינונג. דער רייכער כח הדמיון און דער שאַרפזין, וואָס דער אַרישער שטאַם פאַרמאָגט, ווערען אַזוי ווי אויפגעבלאָזען און הויבען אָן קאָכען אין דער הייסער לופט פון אינדיען, וועלכע איז פול מיט סודות און מיט ביל־דער, וואָס גיט אַ סך מאַטעריאַל פאַר מיטהאָלאָגישער שאַפונג.

דאָס אַלעס האָט יעדען געדאַנק און יעדעס געפיהל געמאַכט גוזמא'דיג, איבערטריבען. דער בראַכמאַן איז געווען שטאָלץ אויף זיין אויסשליסליכער לאַגע: אַ היטער פון דער ראַסע, אַ פריינד פון די געטער, אַן ארצט און אַן אינזשעניר — האָט ער געקוקט פון אויבען אַראָפּ אויף די קעניגע מיט זייער פּורפּור, פּערל און שאַרפע שווערדען. וואָס דאַרף ער אַזעלכע גליקען. ער איז דער קעניג פון קעניגע. אין זיבען וועט ער ווערען דער האַר פון די געטער גופא.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש די לעגענדע וועגען דעם קאַמף צווי־שען בראַסמאַן און דעם קעניג. אַ קעניג האָט געוואָלט אַוועקנעמען ביי אַ בראַכמאַן אַ קוה, אָבער דער בראַכמאַן האָט מיט זיין בליק אָפּבעשוואַכט די הענד ביי די קעניגליכע דיענער און האָט די קוה נישט געגעבען. האָט דער קעניג זיך באַליידיגט. אָבער פיהלענ־דיג, אַז אַ געוועהנליכע וואַפע האָט קיין שליטה ניט אויף דעם נעאַכטעטען זקן, מחמת ער איז אַרומגערינגעלט מיט אַ צויבער־קרייז, האָט ער באַשלאָסען פון איהם נקמה צו נעמען נאַכדעם ווי ער וועט דערגרייכען פונקט אַזאַ צויבער קראַפט, ווי דער זקן פאַרמאָגט. האָט דער קעניג געפּאַסט אַ גאַנצען יאָהר, האָט קיין שפּייז אין מויל ניט אַריינגענומען. און נאַכדעם, שטאָלץ אויף זיינע אַסקעטישע פאַרדינסטען, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ שפּייז אין זקן. אָבער דער שפּייז איז געפאַלען לעבען דעם אַלטענס פיס. אַ צוקאָכטער איז דער קעניג געוואָרען. האָט ער געפּאַסט צעהן יאָהר, האָט קיין עסען און קיין טרונק אין מויל ניט אַריינגענומען. פון אַלע מדינות קומען צונויף פּילגרימען און וואונדערן זיך אויפ'ן הייליגען, וואָס זיצט אומבאַוועגליך אונטער'ן בוים. נאָך די צעהן

יאָהר איז דער קעניג אויפגעשטאַנען און געוואָרפען א שפּיז אין דעם בראַכמאַן. פון מעכטיגען קלאַפּ האָבען בערג א ציטער גע־טאָן, נאָר דער שפּיז איז געהאָרכזאם געבליבען ליגען ביי די פיס פון דעם הייליגען זקן. האָט דער קעניג הונדערט יאָהר געפאַסט, האָט אין מויל ניט גענומען ניט קיין שפּייז און ניט קיין טרונק און האָט ניט געטעמט. דאן האָבען ערד און הימעל זיך א טריי־סעל געטאָן. האָט דער הויפּט גאָט אינדרא צוזאמענגערופען די געטער אויף א באראַטונג. „האָט איהר געהערט פון דעם פּרוש — האָט געפרעגט מאגאדעווא: ער איז איצט שטאַרקער פון אונז. די שטערען פאַלען, כדי צו באצירען זיינע שיך, די ערד ציטערט פון יראת הכבוד. פאַר איהם איז קיין אומ־מעגליכעס ניטאָ“. האָט דער קעניג זיך אויפגעשטעלט און איז אוועק צום בראַכמאַן, האָט ארומגענומען זיינע קני און, באהאַל־טענדיג דאָס פּנים אין זיינע קליידער, האָט ער שעהמעוודיג ארויס־געפּליסטערט: „פאטער מיינער, זיי מיר מוחל מיין לאנגען כעס, טו מיט מיר א גרויסען חסד: נעם מיר אריין אין דער הייליגער קאסטע, ווי דעם לעצטען פון די בראַכמאַנער“.

ס'איז איבעריג צו זאָגען, אז אין דער וועלט־ליטעראטור איז ניטאָ קיין לעגענדע, וואָס שפּיגעלט אָפּ נאָך פולער די אומגעצוימטע פּריסטערליכע שטאָלצקייט.

נאָר דער בראַכמאַן האָט געוואוסט ווי צו ברייגגען א קרבן פאַר די געטער. א קרבן, וואָס מען איז מקריב ווי געהעריג איז, ווי דער שטאָלצער פּריסטער האָט באהויפּטעט, איז שטענדיג מעכ־טיג. פאַר דעם קאפּריז פון די געטער בלייבט קיין אָרט ניט. די התינות, וואָס ווערען געשיקט אויף דעם לשון פון די פּריסטער, בעת מען איז מקריב א קרבן, מוזען די געטער פארנעמען און פאָלגען.

די דאָזיגע שטעלונג, דער דאָזיגער דאָגמאט שטויסט דעם געדאנק פון דעם בראַכמאַן. ער פיהלט זיך שוין פאַר'ן בעל הבית פון דער וועלט. די סטיכישע געטער זיינען זיינע משרתים. ער פארזיכערט אין דעם אנדערע און זיך אליין. ער האָט צו זיך

אונטערטעניג געמאכט די געטער פון הימעל און ערד מיט דער קראפט פון אנדערע געטער, די געטער וואָס זיינען די ממונים אויף קרבנות: אגני, סאָמא, בראהמאן. די דאָזיגע דריי זיינען פאָלג־ליך שטארקער פון אלע איבעריגע. די ריטועלע געטער זיינען העכער פון די קאָסמישע געטער. געהיימניספול און ריין איז דער גאָט אָגני (פייער), ער איז פארוואנדלט צום גייסט. נאָך מעהר פארוואנדלט איז איהם דער גאָט סאָמא (א געטראנק, וואָס פאר־שיכור'ט). איז דען אין מענשען זיך ניט משמח עפּעס א וועלכער עס איז מאָדנער און לוסטיגער גייסט, בעת ער טרינקט דעם דאָזיגען וואונדער־געטראנק? נאָר גייסטיגער פון אלע איז „בראהמאן“ — דאָס וואָרט, די קראפט פון באשווערען מיט א הייליגען נאמען. לאָגאָס (דאָס וואָרט) ווערט שוין ארויפגעפיהרט אויפ'ן טראָהן פון דער וועלט. דאָס וואָרט איז א שאפענדע קראפט. די פּראקטישע ארבייט, טעטיגקייט ליגט איצט ערגעץ־וואו וייט פון אונז. דאָס מעכטיגע מאגישע וואָרט גיט דעם שליסעל צו מאכט איבער דער גאנצער וועלט. דער טרעגער פון דעם אומפארגענגליכען, גייסטי־גען, פארגינפטיגען בראהמאן־לאָגאָס איז דער קערפּערליכער, דער גשמיות'דיגער בראהמאן־פּריסטער. אין איהם לעבט דער לאָגאָס (דאָס וואָרט). ווער איז ער? וואָס איז דאָס, וואָס לעבט אין ברוסט, אָדער אין קאָפּ פון דעם חכם, וואָס וויים פון באשווערונגען, פאר וועלכע אינדרא ציטערט? דאָס איז ניט דער רחמנות'דיגער גוף, וואָס שטארבט און ווערט פארוואנדעלט אין שטויב. דאָס איז א טייל פונ'ם געטליכען וואָרט (לאָגאָס) א קליין טיילכעלע פון דעם אלמעכטיגען, ניט־שטארבענדען גייסט. וואו געפינט זיך דער דאָ־זיגער טיילכעלע, אין וואָס געפינט ער זיך? דאָס איז דער אָטהעם, דער אומזיכטבארער פּרינציפּ פון לעבען, דער „איך“ פון מיין „איך“, דאָס, וואָס מ'קאָן ניט ערגרייפען, וואָס איז פאָלשטענ־דיג אָפּגעשיידט פון גשמיות'דיגקייט, דער ריינער געדאנק, וואָס איז אָפּגעשיידט פון יעדען פערזענליכען געדאנק, ווי א פלאַש פון דער פליסיגקייט, וואָס אין איהר איז דאָ: כדי דעם געדאנק משיג צו זיין, מוז מען אויסגיסען יעדע פליסיגקייט, איבערלאָזען די כלי

ליידיג: טרייב, טרייב דעם געדאנק, כדי דער געדאנק זאָל בלייבען. טראַכט וועגען קיין זאַך ניט, נאָר טראַכט. דאָס איז שוין אויסער'ן לעבען, דאָס איז שוין מעהר קיין לעבען ניט. דאָס איז העכער פון לעבען. דאָס איז א תוך אָהן אַטריבוטען, דאָס איז א פאָרמע אָהן אן אינהאַלט. א שפּעטערדיגער אינדישער פילאָסאָף פאָרמולירט אזוי די לאָגישע אָפּעראַציע, די חקירה, וואָס מיט איהר הילף האָפט דער מענש משיג צו זיין רעליגיע פון ריינעם גייסט, צו דערגרייכען יענעם צושטאַנד, וואָס זאָל איהם מאַכען פאַר'ן בעל הבית פון דער וועלט און פון איהרע פאַרפיהרונגען, אן אפּעראַציע, א חקירה, וואָס טראָגט אין אמת'ן אַוועק זעהר ראַשיג אין תהום פון ניהיליזם און טויט:

„דער חכם הויבט זיך אויף איבער דער אידעע פון דער פאָרמע, די אידעע פון אן אינדיווידועלען קיום, פון אינדיווידועלער עקזיסטענץ פאַרשווינדט פאַר איהם, ער באַגרייפט, אז קיינע אונטערשידען זיינען ניטאָ, ער קומט צום אויספּיהר, אז עס עקזיסטירט נאָר אומענדליכקייט אין רוים. און ער שטעלט זיך אָפּ."

„זיך אויפהויבענדיג איבער דער אידעע פון רוים, באַגרייפט ער איהם, ווי א פאָרשטעלונג פון פאַרנונפט: אַלץ איז די אומענדליכקייט פון שכל, זאָגט ער. און ער שטעלט זיך אָפּ."

„זיך אויפהויבענדיג איבער דער אידעע פון שכל'ס אומענדליכקייט, קומט ער צום אויספּיהר, אז קיין זאַך אבסאָלוט עקזיסטירט ניט: אַלץ איז גאָרנישט, זאָגט ער. און ער שטעלט זיך אָפּ."

„זיך אויפהויבענדיג איבער דער אידעע פון דעם אבסאָלוטען גאָרנישט, קומט ער צום אויספּיהר, אז ס'איז ניטאָ קיין עקזיסטענץ, ניט קיין ניט־עקזיסטענץ, און ער שטעלט זיך אָפּ."

„זיך אויפהויבענדיג איבער דעם ריכט־שנור פון דעם, וואָס איז ניטאָ ניט קיין עקזיסטענץ און ניט קיין ניט־עקזיסטענץ, קומט ער צו דעם סוף פון דער אידעע גופא און פון יעדער באַוועגונג פון גייסט. דאָ שטעלט ער זיך אָפּ."

נאָר די דאָזיגע שרעקליכע לאָגישע אפעראציע וואָלט ניט געהאט קיין פּראַקטישע רעזולטאַטען, ווען ניט די אומבאַזיעגבאַרע

מיעדקייט צו לעבען, צו קעמפען און צו דענקען, וואס האט ארומ־גענאפט די בראכמאנישע אריסטאקראטיע אין גאנץ אינדיען.

זייערע פילאסאפישע שליסע אין זייער גאנצע אומגעוועהנ־ליכע שטימונג האבען די בראכמאנען אפגעשפיגעלט אין דער וועלט און האבען זי ערשטוינענד אויסגעטייטשט. דער תוך פון דער וועלט — דער גאט בראמא — איז דאס יענער ריינער גייסט, יענער ריינער פון יעדען אינהאלט ניט דענקענדער געדאנק, וואס דער בראכמאן האט ערווארבען, אלס צענטר פון זיין נשמה און אלס ענטרינונגס־פלאץ פון די וועלטליכע פארפיהרונגען, פון דעם צו־רווישיגען אין העלען לעבענס מארק. וואס האט איהם מיעד געמאכט. דער געדאנק איז אבסאלוט געטליך, כל זמן ער דענקט ניט, דער גייסט איז ריין, רוהיג, כל זמן ער טרוימט ניט, שאפט ניט, וויל ניט.

רענאן דערצעהלט: „איך האב געזעהן אין א עגיפטישען דארף, אויף דער גרעניץ פון א וויסטענים, א הייליגען פון מזרח־לאנד, וועלכער איז צוואנציג יאהר דא אפגעוועזן, אויפ'ן זאמד, אין א זיצענדיגער פאזע, פארזונקען אין א פארגעבעלטען שלאף. ער האט מעהר ניט געזעהן און ניט געהערט. זיינע פיס זיינען געוועזן טרוקען, ווי די ביינער פון א סקעלעט. די זון, פארצעהרענדיג זיין שארבען, האט אויסגעטריקענט אין איהם יעדעס באוואוסטזיין; ער האט א סך וועניגער פארדינט דעם נאמען פון א לעבעדיגען וועזען, ווי א ראהר־קוסט אדער א פאלמע."

„וואס איז אזוינס דער גאט פון דעם בראכמאן?" — פרעגט אלדענבורג, — און ענטפערט: „דער גרויסער איינציגער, פאר וועלכען עס ווערט אנשוויגען יעדע מענשליכע שטרעבונג, וואו עס ווערען בלאס אלע פארבען און עס שטארבען אפ אלע קלאנגען. ס'איז ניטא ניט קיין לויבגעזאנג, ניט קיין תפילה, ניט קיין האפע־נונג, ניט קיין מורא, ניט קיין ליעבע. דער מענשליכער בליק איז אומפארענדערליך געווענדט אין זיך און שטרעבט אין דער טיפ־קייט פון זיין אייגענער עקזיסטענץ צו ענטדעקען זיין „איך", ווי עפעס־וואס אייביגעס, איינציגעס; אין א רעטזעלהאפטען ווארט,

וואָס איז פול מיט טיפען זין, ענטדעקט דער דענקער, וואָס פאַר איהם איז אויפגעהויבען געוואָרען דעם פאָרהאַנג, דעם סוד וועגען דעם ניט געזעהענעם זעהער און דעם ניט געהערטען הערער, וואָס כדי איהם צו ערקענען פאַרלאָזען די בראַכמאַנער זייער ווירט־שאַפט, ווייבער און קינדער און וואַנדערן הײמלאָז ווי אביונים, איבער דער ווייסער וועלט.“

ס'איז שווער צו זאָגען, אויף וויפיעל די דאָזיגע לעהרע האָט אריינגעדרונגען אין די מאַסען, און צי איז זי בכלל געווען ברייט פאַרשפּרייט אויסער דער קאַסטע פון די בראַכמאַנער. יעדענפאַלס, זיך רעכטען לויט דער דאָזיגער אמונה־לעהרע האָט נאָר געקאָנט דער בראַכמאַן. אַנדערע מענשען און חיות האָבען געמוזט מיט זייערע פאַרדיענסטען זיך דערשלאָגען דאָס רעכט — אויפס'ניי געבוירען צו ווערען אויף דער וועלט אין א העכערער פאָרמע און, צולעצט, א בראַכמאַן. צווישען פאָלק האָבען די בראַכמאַנער געשטיצט אלע אבערגלויבעריי, אָנווייזענדיג, אז א קרבן, וואָס ווערט געבראַכט מיט א ברייטער האַנד, איז דער העכסטער פאַרדיענסט אין די אויגען פון די געטער. פאַרמעגליכע מענשען האָבען זיך געקאָנט רעטען מיט קרבנות, די בראַכמאַנער — מיט'ן וויסען פון די רעליגיעזע געזעצען און מיט'ן דענקען. פאַר די איבעריגע איז דער רעטונג'ס וועג אין אמת'ן געווען פאַרמאַכט: מיט זיי האָט מען זיך ניט אינ־טערעסירט. עס איז געווען ברייט פאַרשפּרייט, אזוי צו זאָגען, א ניט קאָנאָניזירטע איבערצייגונג, אז אפילו ערד ארבייטער, וואָס פאַרמאָגען אליין ניט קיין ערד, (די קאַסטע פון די סודרעס) קאָנען אויך דערהויבען ווערען, אָבער נאָר מיט'ן פּרייז פון אומגעהערטע זעלבסט־פּייניגונגען.

די איבערקעהרעניס, וואָס בודא האָט געמאַכט, איז געווען פאַרבונדען מיט דער אויפשטייגונג פון דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין פון די מיטעלע און נידריגע שטאַנדען.

די בודיסטען, זייענדיג פילאָסאָפיש פאָלשטענדיג אָנגעגרע־ניצט צום בראַכמאַניזם, האָבען פריהער פון אלץ וואולגאַריזירט די דאָזיגע לעהרע, זיי האָבען זי גענוג פאַראיינפאַכט און געמאַכט פאַר־

שטענדליך פאר איטליכען. דער וועג פון ערקענטנים האט אויפגע־הערט זיין א פריווילעגיע פון די פריסטער. צווייטענס, האבען זיי אפגעלייקענט יעדע באדייטונג פון קרבנות, אויף אזא׳ן אופן האט דער וועג זיך צו רעטען אויפגעהערט זיין א פריווילעגיע פון די רייכע. דריטענס, האבען זיי אפגעלייקענט יעדע באדייטונג פון אסקעטיזם, פון פייניגען דעם גוף. אויף אזא׳ן אופן האט דער וועג זיך צו רעטען אויפגעהע־ט זיין א פיינליכע פריווילעגיע פון אויס־שליסליכע נאטורען. זיי האבען אפגעווארפען אבערגלויבעריי. ווייט פון דעם, כדי צו זיין, ווי ניטשע באהויפטעט, א פאלשטענדיג פא־זיטיווע רעליגיע, האט דער בודיזם ־אך געשטרעבט צוזאמענצוגי־סען זיין מעטאפיזי׳שע לעהרע מיט דער פסיכאלאגישער ערפאה־רונג פון איטליכען.

אלס וועג זיך צו רעטען, וואס פיהרט אויפס׳ניי געבוירען צו ווערען אין העכערע פארמען און צולעצט צו באפרייאונג, צו ניר־וואנא, איז רעקאמענדירט געווארען אן ארימער ארט לעבען און בכלל דער קאמף מיט׳ן אייגענעם עגאאיזם. אט וואס רענאן שרייבט וועגען בודיזם:

דער ערפאלג פון בודיזם ערקלערט זיך באזונדערס מיט זיין רייץ פאר די ארימע. די ארימע האבען נעזעהן אין דער נייער רע־ליגיע א מיטעל צום לעבען.*)

דער מאנאך האט געטראגען ארימע מלבושים און דאס האט פארעהרט די ארימקייט פון די ארימע. אין א קאמעדיע טרייסט זיך דער אנגעווארענער שפיעלער מיט דער מעגליכקייט צו ווערען א בודיסט, זאגענדיג: „דאן וועל איך געהן איבער די וועגען, הויך האלטענדיג דעם קאפ. ווערענדיג א בודיסט, האט דער קנעכט בא־קומען פרייהייט. א גאנצע מאסע לעגענדען זוכט צו באווייזען, אז רעטען די נשמה א׳ז גרינגער פאר דעם ארימען, ווי פאר דעם רייי־כען. אפילו גאט באווינט זיין הויכע אפשטאמונג: „פאר מענ׳שען

*) דאס זעלביגע האט זיך אויך באמערקט ביי דער פארשפרייטונג פון קריסטענטום.

פון א הויכער אָפּשטאַמונג איז שווער זיך צו רעטען און צו לעבען רעליגיעז, בעת פאַר מענשען פון א נידעריגער אָפּשטאַמונג איז דאָס גרינג." **)

אין אמת'ן איז דער געדאַנק פון די בודיסטישע פילאָסאָפען נעגאַנגען איבער דעם זעלביגען וועג, וואָס דער געדאַנק פון די בראַכ־מאַנער. דער פעסימיסטישער ניהיליזם פון די לעצטע איז קוים ניט געוועזען איבערטראָפען.

„דער פרוש, — ווערט געזאָגט אין א בודיסטישען פילאָ־סאָפישען בוך, — ווי א פויגעל, געבאָרען אין אַן איי, צוברעכט דעם שאָלעכץ. איך האָב דערגרייכט א טיעפע, רוהיגע, ליכטיגע, אויסער געדאַנקליכע אומשטערבליכקייט. א שווייגענדער וועל איך פאַרבלייבען אין שאַטען פון די וועלדער אין דער טיפקייט פון מיין אייגענער נאַטור. ס'איז ניטאָ קיין סובסטאַנץ. ווער עס ווייס די קייט פון אורזאַכען און פאָלגען, ווייס אויך, אַז ס'איז ניטאָ ניט קיין „זיין" און ניט קיין „ניט־זיין".

„ליעבע, אָפּפער, זעלבסטבאַשטעטיגונג האָבען קיין ווערט ניט; ניט די וועלט עקזיסטירט, ניט יענע וועלט. קיין געטער זיינען ניטאָ. דער מענש איז באַשאַפען פון פיער עלעמענטען; אָפּלעבענ־דיג זיין צייט, גיט ער צוריק אַוועק דער ערד דעם חלק ערד, דעם וואַסער דעם חלק וואַסער, דעם פייער דעם חלק פייער און דעם ווינד דעם חלק ווינד, זיין געפיהל הויבט זיך אויף אין עטהער און ווערט צושוואומען. פיער מענשען טראָגען דעם ארון, צוזאַמען זיי־נען זיי פינף, און זיי פאַרברענען דעם מענשען לויט די מנהגים. פון די ביינער ווערט ווייסע זאַלץ, און דער גוף ווערט פאַרברענט אין פלאַם פון דעם שייטערהויפען. דער אומוויסענדער אָדער דער חכם, וואָס באַהויפּטעט, אַז עפּעס וואָס עקזיסטירט, — נאָכ'ן טויט ווערען צושטערט און פאַרניכטעט."

„דער צושטאַנד פון פרייהייט איז עהנליך צו א שלאָף אָהן חלומות".

**) רענאַן „היסטאָרישע עטיודען".

אזעלכע לעהרען קאָנען קוים האָבען אנ'אנדער נאָמען, ווי פעסימיסטישער ניהיליזם. פונדעסטוועגען האלט ניטשע, אז דער בודיזם אין אפטימיסטיש. דאָס מאָל, איבעריגענס, ערקלערט זיך ניטשע'ס מיינונג ניט מיט זיין עקסטרימער סוביעקטיוויטעט, מחמת דאָס זעלביגע זוכט צו באווייזען אויך אָלדענבורג אין זיין אינטערעסאנטען ווערק וועגען בודא.

די זאַך איז, דאָס דער בודיזם, נאָכדעם ווי ער האָט זיך ברייט פארשפרייט, האָט פארלוירען זיין ריינקייט. ד אָ ס צי ע ל — נירוואנא האָט אָפּגעטראָטען אויפ'ן הינטערשטען פּלאַן, ד ע ר ו ו ע ג פון איינגעהאלטענקייט און אלטרואיזם, וואָס גיט רו־היגקייט פון גייסט און א פארהעלטניסמעסיג גליק, איז געווארן אליז. ער האָט פארלוירען זיין הייליגקייט, זיין שארפען טעם און זיין שטורמדיגקייט, ער האָט גענומען אויפגעהען געלאסען, אויף א פריינדליכען אופן. זיינע היגיענישע עלעמענטען האָבען באזיעגט אָדער אביסעל אָפּגערוקט זיין מעטאפיזיק. אין זיין לעהרע וועגען דעם, אז איינגעהאלטענקייט און אונטערדריקונג פון אלע איבער־מאָסיגע עמאָציעס, און אויך די פאראכטונג צו רייכקייט און צו אנדערע לעבענס־זאכען — גיבען א גליקליכען געמיט — האָט דער בודיזם זיך געשטיצט אויף דער פסיכאָלאָגישער ערפאהרונג. די דאָזיגע זייט פונ'ם בודיזם האָט עס אויף א צייט באזיעגט כמעט גאנץ אינדיען, זי הערשט נאָך ביז היינט אין ציילאָן און אין אינדאָ־כינא. אָבער אין אינדיען האָט די פשוט'ע און גראדע לעהרע פון בודא ווידער אָפּגעטראָטען אונטער'ן דרוק פון די העכערע קאַס־טען פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט צוליעב דעם גייסט פון אבערגלויבען און ליידענשאפטען פאר פארפלאָנטערטע און העלפארבינע לעגענדען. די ציוויליזאציע פון דעם מיטעל־קלאס, די דעמאָקראטיש־אויפגעקלערטע מאָנארכיע פון אסאָקא איז גע־פאלען. צוזאמען מיט איהר איז אינגאנצען פארשוואונדען יעדע האָפנונג אויף אינדיען'ס סאָציאלע און פאָליטישע גדולה. איבערי־גענס, אויך די מאָראלישע הערשאפט פון אסאָקא איז געווען צו וויינעג קריגעריש און ווייניג זעלבסטבאוואוסט פאר יענער צייט.

ווי עס ווייזען זיינע עדיקטען. ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָט זי אומגע־בראַכט.

דער בודיזם איז אין אַ סך פּרטים פאַרדאָרבען געוואָרען נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען די מאָנגאָלען, נאָר דערויף װעלען מיר איצט זיך ניט אָפּשטעלען.

אַ גוטע כאַראַקטעריסטיק פון אַ מעסיגען בודיזם, וואָס איז מעהר אָדער ווייניגער צוגעפּאַסט צום לעבען, געפינען מיר אין רענאַן'ס בוך, וואָס מיר האָבען שוין פריהער ציטירט.

„אַסאָקאַ'ס אידעאַל איז — אַ שטאַט־רעליגיע, וואָס אין איהר דיענסט זאָלען זיין אַ סך בעאַמטע, וואָס זאָלען לערנען דאָס פאָלק און זאָרגען וועגען זיין גליק. אכטונג צו יעדען לעבען בכלל, און לא תרצח — דאָס איז דער באַזיס פון אַסאָקאַ'ס מאָראַל. די אַבסאָלוטע מאַכט פון דער שטאַט־רעליגיע האָט אויך געפּאָ־דערט צו פאַרפלאַנצען נוצליכע בוימער, מעדיציניסשע גראָז, צו פלאַנצען סעדער, כדי מענשען און בהמות זאָלען האָבען וואו זיך צו באַהאַלטען פון היץ און אויסצוגראָבען ברונעמס און טייכלעך ביי די וועגען. דער צוועק פון שטאַט איז — דאָס גליק פון מענשען און בהמות. אין איינעם פון אַסאָקאַ'ס באַפעהלען ווערט געזאָגט: „אָט וואָס עס זאָגט דער קעניג טיאַדאַזי, וואָס איז געליעבט פון די געטער: רעליגיע איז די העכסטע זאַך. נאָר וואָס איז אַזוינס רעליגיע? די פאַרקלענערונג פון שלעכטס, די פאַרגרעסערונג פון גוטס, גאָטספאָרכטיגקייט, צדקה, אמת און אַ ריין לעבען."

דאָס ערדישע גליק ווערט ניט פאַראַכט, הגם די אייביגע רעטונג פון דער נשמה האָט מעהר פאָרצוג. אַלענפאַלס ווערט צווישען זיי ניט אַנערקענט קיין צעריסענקייט: דאָס, וואָס גיט אויף דער ערד אַ רוהיג און גליקליך לעבען — דיענט אויך צו דער רעטונג פון דער נשמה. אין דעם איז די קראַפט פון דעם מעסיגען בודיזם, אַזוי אויך ווי פון דעם מעסיגען קריסטענטום. נאָר ביידע רעליגיעס אין זייער מעסיגען אויסדרוק זיינען דאָך געוויבט פון אַ שאַפענדער ענערגיע, פון יעדען קאַמפּס־גייסט.

דאָס זײַנען רעליגיעס פון דער מענשליכער פארטיידיגונג, און ניט פון ארויסטרעטען. דעם גורט פון ארבייט פארנעמט די מאָראַל, און ניט די מאָראַל פון אויסברייטען דאָס לעבען, נאָר פון מעסיג־קייט און געגענזייטיגען מיטלייד. ניטשע'ס שטרעבען צו געבען דעם בודיזם א פּאָרצוג קעגען קריסטענטום האָט איהם ניט גע־קאָנט ברענגען צום אמת. דאָס קריסטענטום איז געוואָרען אפילו מעהר אַקטיוו, איידער דער בודיזם, זיך צופּאסענדיג צו די באַ־דערפעניסען פון די מעהר אַקטיווע ראסען.

דער אינדישער פילאָזאָפיש־רעליגיעזער געדאנק האָט באשאַ־פען און דערפיהרט צו דער העכסטער ריינקייט אַן אייגענאַרטיגע מאַניער צו קעמפען קעגען שלעכטס דורך פארקלענערען די פאָ־דערונגען פון דעם מענשען. שפּעטער האָבען די ציניקער און די עפּיקורעער געקאָנט רעקאָמענדירען אַן ענליכע לעהרע אלס א מאָראַל־היגיענישע סיסטעמע אָהן א שום שייכות צו רעליגיע. נאָר דער אינדישער ציניזם איז דערמיט העכער און נאָבעלער פון דעם אייראָפּעאישען ציניזם, איז דערמיט אַנציהענדער פאַר'ן מענ־שען, ווייל ער איז א רעליגיע.

2) מאַזדעאיזם.

„אונזער הילף איז אין דער האָפענונג", זאָגט דער אַפּאָסטעל פּאָול. צוויי פעלקער האָבען מיט גרויס קראפט ארויסגעזאָגט דעם דאָזיגען אמת — דאָס אידישע און דאָס פּערזישע. אָט די ביידע פעלקער האָבען זיך פאַרגעשטעלט די פארווירקליכונג פון דער דאָזיגער האָפענונג אין דער פאָרטפּלאַנצונג פון די ווייטערדיגע דורות, אין דעם, וואָס זיי לאָזען איבער אויף דער וועלט יורשים — א המשך פון זייער עקזיסטענץ. ביז היינט איז נאָך דאָ א חלוקי דעות וועגען דעם, ווער פון די דאָזיגע צוויי גרויסע פעלקער, וואָס האָבען אַזוי ענג געבונדען מיט דער ליעבע פון אורעלטערען און נאָכקומענדע, איז דער אמת'ער באשעפער פון מעסיאַניזם, און מיט איהם אויך פון דער פילאָזאָפיע פון געשיכטע. דערביי ווע־

לען מיר דערמאָנען וועגען די אונטערשיידונגס־שטריכען אין דעם היסטאָריש־רעליגיעזען באגריף פון די און יענע. די אידען האָבען זיכער געהאט א שטארקערען חוש פאר'ן מענשליכען מין. דאָס ווערט באוויזען מיט'ן פאקט, וואָס ס'איז ניט געווען קיין אנדער פאָלק, וואָס זאָל זיין גלייכגילטיגער צו א לעבען נאָכ'ן טויט, ווי דאָס אידישע פאָלק איז געווען. אין אלע ליידען האָט דער איד געקוקט פאָראויס און האָט זיך געטרייסט מיט'ן העל־שטראַהלענדען שיקזאל פון זיין אייניקעל. שטארבען איז איהם ניט געווען שרעקליך. „געשטאָרבען א זקן" — דאָס איז דער שטענדיגער סוף פון אידעאלע אידען. די ביבעל איז די בעסטע אילוסטראציע צו די נייע אידעען פון געעהרטען פראָפעסאָר מעטש־ניקאָוו. אָבער שטארבען אָהן קינדער איז פאר דעם אידען געווען שרעקליך. פון קיין שרעקליכערער שטראָף האָט ער ניט געוואוסט. דער פערזיאנער איז קענטיג געווען פיעל מעהר אינדיווידואליזירט, רעליגיעז־עגאָאיסטיש. ער איז ניט פארבייגעגאנגען די באקוועמע געלעגענהייט איבערצוטראָגען די ענטשיידונג פון די פייגליכע לע־בענס־פראגען — אין אן אנדער וועלט.

אָבער די פראָקלאמירונג פון דער אילוזיע וועגען א לעבען נאָכ'ן טויט אלס „אומצווייפעלהאפטער פאקט", — דאָס גופא נעמט אָן ביי מעטאפיזישע פעלקער און ביי פראקטישע פעלקער אַ פארשיידענעם כאראקטער.

דער אינדיער, ענטמוטיגט פון דעם דרוק פון דער נאטור אין זיין לאנד — איז אוועק אין זיך. אן אנדער וועלט, אן אנדער לעבען האָט ער פראָקלאמירט פאר דאָס איינציג ווירקליכעס, און דאָס ווירקליכע לעבען — פאר אַ פארבלענדעניש. דער פערזיא־נער האָט די ווירקליכקייט נעהאלטען פאר'ן צענ־טער פון דער וועלט. באזיעגען די נאטור, פארוואנדלען דאָס געבענשט לאנד אין א גן עדן, האָט דעם פערזיאנער זיך ניט אויס־געוויזען פאר אוממעגליך. ער האָט ליעב געהאט ארבייט. ער האָט געשעצט דעם ברודער־מענשען און זיין נאָכקומענדען, ווי אַן ארבייטס־קראפט, ווי מיטארבייטער אין דעם אויפבויען פון לע־

בען, פון גליק, — דערפאר האָט ער דעם גלויבען אין אַ לעבען נאָכ'ן טויט אויסגענוצט נאָר אַלס אַ מיטעל פאַר מאָראַל און דיסציפּלין: דער וואָס אַרבייט, וואָס ליעבט, וואָס איז וואָהר־האַפטיג, וועט זיין גליקליך נאָכ'ן טויט; דער ליגנער, דער פוילער און דער באַדריקער וועלען זיין באַשטראָפט. זעהר שעהן שיל־דערט זיין אידעאַל און צוזאַמען מיט דעם אויך זיין אמונה און שכר אויף יענער וועלט דער פּראָפעסאָר פון 12טען יאהרהונדערט, יאַשטי: „צום ענד פון דער דריטער נאַכט (נאָכ'ן טויט), בעת ס'הויבט אָן צו טאָגען, דאַכט זיך אויס דער נשמה פון דעם גלוי־ביגען, עפּעס אַזוי ווי זיין אייגען געוויסען געהט איהם אַנטקעגען אין דער געשטאַלט פון אַ ליכטיגער יונגפרוי, אָנגעטאָן אין ווייסען, אַ שטאַרקע, אַ שלאַנקע, אַ נאָבעלע, איהר שטעל איז אַ שטאָלצער און זי איז אַזוי הערליך, ווי מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. און בעת די נשמה פון דעם גלויביגען ווענדט זיך צו איהר מיט אַ פראַגע: „ווער ביזטו, יונגפרוי, די שעהנסטע פון אַלע, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן?" ענטפערט זי איהם: „אָ, דו, יונגער־מאַן, וואָס דו האָסט נאָר געטראַכט פון גוטעס, וואָס דו האָסט גע־רעדט און געטאָן נאָר גוטעס און פרומעס, איך בין — דיין אייגען געוויסען. אַלע האָבען דיר ליעב געהאַט פאַר דיין הער־ליכקייט, גוטסקייט, צערטליכקייט, איך באַוויז זיך פאַר דיר אַלס אַ זיעגרייכע, מאַכטיגע און באַפרייטע פון טרויער. בעת דו האָסט געזעהן אַ מענשען וואָס שפּאָט (פון הייליגקייט) און דיענט אָפּ־געטער אָדער ער שטויסט אָפּ אָן אָרימען און פאַרמאַכט די טיהר פאַר איהם, האָסטו זיך דאַמאָלסט אַוועקגעזעצט, האָסט געזונגען תפילות און שבחים צו גאָט'ס זוהן און מיט אַ נדבה האָסטו דער־פרעהט דעם נאָהענטסטען און ווייטסטען. מ'האָט מיר געליעבט, דו האָסט מיר נאָך ליעבער געמאַכט, איך בין געווען שעהן, דו האָסט מיר נאָך שעהנער געמאַכט מיט דיינע גוטע געדאַנקען, גוטע ווערטער און גוטע מעשים. און פון איצט אָן ווער איך פאַרעהרט פון מענשען".

אָבער די אייגענאַרט פון פערזיאַנער איז געווען די האַרמאָ־

נישע צונויפגיסונג פון דער רעליגיע פון פּראָגרעס מיט דער רע־ליגיע פון אומשטערבליכקייט. דער פּראָגרעס פון ארבייט און קאַמף מוז זיך פאַרענדיגען מיט א פאָלשטענדיגען נצחון. אזוי פּעסט האָט דער פּערזיאַנער געגלויבט אין דער בליהענדער צייט פון זיין ציוויליזאַציע. דאַן וועלען הימעל און ערד און אלע גע־זעצען פון דער וועלט אין וואָרצעל אומגעענדערט ווערען. דער טויט וועט בטל ווערען. אַלע געשטאָרבענע וועלען לעבעדיג ווע־רען. זיי וועלען לעבעדיג ווערען ניט מיט'ן גייסט, נאָר רעאַל מיט'ן קערפּער, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט פארלענדט ווערען. דער פּערזיאַנער האָט ניט געקוקט אויף די גשמיות'דינגע, אויף דאָס פליישליכע, ווי אויף עפּעס וואָס נידריגעס. אויב ער האָט געדאָרשט צו א נייע לעבען, איז דאָס געווען צו א ווירקליך לעבען, און ניט צו אַן איינגעבילדעט לעבען, און ער האָט באשאפען א שעהנע אידעע פון תחית המתים מיט'ן גוף. אידען און קריסטען האָבען זיכער גענומען די דאָזיגע אידעע ביי די פּערזיאַנער.

די אַלגעמיינע אומשטערבליכקייט איז געוואָרען א באלוינונג פאַר ארבייט. באַטייליג זיך מיט מסירת נפש אין דעם אַלגע־מיינעם בויען, און מיט'ן גוף וועסטו אויפשטעהן תחית המתים, כדי צו געניסען די פרוכט פון דער ארבייט, וואָס דיינע הענד האָ־בען געטאָן. דו ביסט פאַר זיך. און באַמערקט — ניט אויף די הימלען, נאָר אויף דער ערד.

אַליז, וואָס האָט געהאָלפען בויען: פאַראיינען, ארבייטס־מאַניערען, געצייג, נוצליכע חיות, די ערד, די זון, רעגען און ד. ג., און אויך אַלע וואָלטעטיגע מיטארבייטערשאַפטען: דיסציפּלין, אר־בייטזאַמקייט, ווארהאפטיגקייט, גערעכטיגקייט, וויסען און ד. ג. האָבען זיי ערקלערט נאַטירליך פאַר גוטס, אַליז אין סדר פון דער נאַטור און זיטליכקייט, וואָס האָט געשטערט צו ארבייטען און בויען, איז ערקלערט געוואָרען פאַר שלעכטס. דאָס און יענעס האָבען די פּערזיאַנער פאַרפעסטיגט מיט מעגגען גייסטער, וואָס האָבען ארומגערינגעלט דעם ליכטיגען אַטרא־מאַזרא און דעם פינסטערען אַטרא־מייניא. די געטליכע הילף איז געווען געווי־

כערט פאר דעם, וואָס האָט געאַרבייט. נאָר פיהלענדיג טיעף די הויפט־ראָלע פון דעם מענשען אין דעם דאָזיגען קאַמף, האָבען די פערזיאַנער געמאַכט פאר דעם אמת'ען קאָמאַנדיר פון גוטעס, פון די נויטיגע קרעפטען פון הימעל און ערד אין די טעג פון אַן ענט־שיידענדער שלאַכט — דעם מענשען — דעם רעטער די פערזאָני־פיצירונג פון די קרעפטען און פעהיגקייטען פון די צוקינפטיגע דורות.

באלד נאָך'ן נצחון — שטעהען אַלע אויף תחית המתים; אַלעמען איז מען מוחל. שלעכטס ווערט פאַרניכט, דערטרונקען, פארשווינדט אין אָקעאַן פון ליכט. ניט נאָר מענשען איז מען מוחל, נאָר אויך בייזע גייסטער. זיי ווערען ניט אומגעבראַכט, דאָס וואָלט געווען א האַלבער זיעג; זיי ווערען ניט געטראָטען אונטער די צדיקים'ס פיס אין גן עדן, זיי ווערען ניט געפייניגט אין העל. די בייזע גייסטער ווערען אוסגענוצט פאַר'ן ציעל פון גוטעס. נאָר אַטראַ־מייניאַ שטאַרבט. ווארום ער איז דאָ אַן אבסאָלוטער מינוס, אַן אבסאָלוטער גאָרנישט, ער איז טויט, זיין לעבען איז געווען אילוזאָריש, כל זמן ער האָט געקעמפט פאַרניכטען, נאָר איצט טריאומפירט אומעטום „דאָס זיין“, דאָס לעבען, ס'איז ניטאָ קיין ווינקעלע פאר פינסטערקייט. די נירוואַנאַ, וואָס איז טייער דעם אינדיער, ווערט ערקלערט פאר אילוזאָריש, פאר אַן איינגעבילדעט־קייט און ווערט אינגאַנצען ארויסגעטריבען פון דער גאַנצער וועלט. אומעטום טריאומפירט די כּאַיאַ, די לעבעדיגע, די ראָזעווע, די שמייכעלדיגע.

די לעהרע וועגען שכר און עונש נאָך'ן טויט, וואָס די פער־זיאַנער האָבען איבערפיהרליך ענטוויקעלט, איז קענטיג נויטיג געווען, אָדער לכל הפחות נוצליך געווען פאר א ברייטער סאָציאַלער מיט־ארבייטערשאַפט. די דאָזיגע לעהרע האַלט אונטער די דיסציפלין, ווירקענדיג אויף דעם כח הדמיון פון די אם מעהרסטען שטאַרקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אויף אונזער היינטיגען בליק איז אָט די לעהרע, וואָס בילדעט אַ וויכטיגען טייל אויך פון דער קריסט־ליכער רעליגיע, איינער פון די סאַמע נידעריגע פּרטים פון אַ רע־

ליגיעזען וועלטפּיהלען בכלל. מיר זעהען אין דער דאָזיגער לעהרע ניט דעם פאַנטאַזיע־שוואונג פון דעם ליידענדען, ניט פון דעם מענשען, וואָס דאָרשט נאָך גליק, נאָר אַן אויסגערעכענטע זאַך, וואָס מוז דורך פיזישע שרעק און הבטחות צו באלוינען, אָפּהאַלטען פון זינד און באַראַיינס פּאַראַליזירען די אינדיווידועלע פרייהייט. מאַכען צו גאָרנישט די פאָרשטעלונג וועגען גיהנם און גן עדן — באַצייכענט אַ גרויסען שריט פאָראויס אין דעם מענשען'ס אינער־ליכער פרייהייט. די שטאַרק געוואָרענע געפיהלען פון פרייער וועגען דעם, אַז דאָס גוטע איז באַשאַפען געוואָרען דורך די אָנשטרענגונגען פון דעם מענשען אינגאַנצען אָדער טיילווייז, און די געפיהלען פון טרויער וועגען דעם, וואָס דאָס לעבען און די ענטוויקלונג ווערט געשטערט פון שלעכטס — זיינען פאַר'ן מענשען גענוג קרעפטיג; דער מענש פיהלט זיך טיעף באַליידיגט בעת ער הערט, אַז מען וויל איהם באַלוינען פאַר גוטס און באַרבאַריש גרויזאַם באַשטראָפען פאַר שלעכטס. אַ גאָט־ריכטער, אַ גאָט־פּאָליציאַנט, אַ גאָט־תליון ווערט אוננויטיג און צוזאַמען מיט דעם עקעלהאַפט.

דער פערזישער געדאַנק האָט אַליין באַזיעגט די לעהרע וועגען שכר און עונש מיט זיין העכערער אידעע פון תחית המתים מיט'ן גוף פאַר אַן אייביג לעבען און פון מחילה פאַר די זינדיגע.

מאַזדעאיזם אין דעם דאָזיגען פאַל איז פּאָזיטיוו העכער פון קריסטענטום. דער מאַזדעאיזם זעצט פאָראויס אַ גהינם, עפּעס ווי אַ מין באָד כמעט פון פרייוויליגע ליידען אויף אָפּצורייניגען פון דעם זינדיגען די שמוץ פון זיינע זינד, כדי ער זאָל קאָנען אָהן חרפה געהן אין רייה מיט די ריינע ברידער־צדיקים, אָבער די אידעע פון אייביג זיין פאַרשפּאַרט אין גהינם פאַרוואַרפט דער מאַזדעאיזם אינגאַנצען. קריסטוס'עס ליעבררייכע לעפּצען, אויב מ'זאָל גלויבען די עוואַנגעליסטען, האָבען אויסגעשפּראָכען מיט־ליידסלאָז־גרויזאַמע, חיה'שע ווערטער וועגען „דעם פייער, וואָס ווערט ניט פאַרלאָשען, וועגען דעם וואָרים, וואָס שטאַרבט ניט", וועגען אייביגע „צייהן קריצעריי". און דאָס אַלץ וועט געטאָן ווערען לויט דעם רצון פון אייביגען פאָטער, וועמען מיר מוזען

נאַכטאָן. איהם נאָכטועגדיג אויף וויפיעל אונזערע קרעפטען טראָ־
גען, האָבען מיר, שוואַכע שטערבליכע, נאָר געקאָנט בראָטען
אפּיקורסים לעבעדיגערהייד און קאָכען זופּ פון מכשפות. דער
ליעברייכער פאָטער איז לאָגיש פאַרוואַנדעלט געוואָרען ביי די
קאַלוויניסטען אין א קאַפּריזנעם און אומערביטליכען פּייניגער.
אָרמוזד (דער גרעסטער פּערזישער גאָט) פּייניגט קיינעם ניט.
ער פיהרט אלעמען צום גוטען, צו גליק, צו ליכט. אויב אויפ׳ן
וועג זיינען דאָ ליידען — איז דאָס דערפאַר, וואָס מען דאַרף גובר
זיין די קראַפט פון שלעכטס אויסער זיך און אין זיך. ליידען —
לייטערט די וועלט. אָרמוזד אליין ליידט פאַר זיינע קינדער און
ראַנגעלט זיך אליין — ער איז אָבער באמת גיטיג.

אָבער אויך די אידעע פון א פּערזענליכען לעבען נאָכ׳ן טויט
לאָזט זיך ניט איינפּאַסען אין די רעהמלעך פון דער היינטיגער
וויסענשאַפטליכער וועלטאַנשויאונג. קיין געבילדעטער מענש,
שטרענג רעדענדיג, גלויבט ניט אין פּערזענליכער תחית המתים,
ווען אפילו ער באמיהט זיך צו פאַרזיכערען זיך און אַנדערע, אז
ער גלויבט כלומרשט. אויב ער וועט אויפבויען דעם בנין פון זיין
רעליגיע אויף דעם דאָזיגען זאַמד, וועט ער זיך ארומזעהן, נאָכ־
דעם ווי ער וועט אויפריכטיג נאָכדענקען, אז זיין בנין וואַקעלט
זיך און סקריפּעט אונטער׳ן דרוק פון דעם קאַלטען שכל, און ער
וועט איבערלעבען יסורים, ערגערע, ווי די יסורים פון טויט, יסורים
פון שיידען זיך מיט׳ן שאָטען פון אן אייביג לעבען און ניט מיט
א קורץ לעבען. די דאָזיגע יסורים פון גיפטיגע ספקות וועלען
מיר ניט ווינשען אפילו די ביינזסטע שונאים פון אמת.

נאָר ווען דאָס גלויבען אין א פּערזענליך לעבען נאָכ׳ן טויט
איז שוין אומעגליך פאַר דעם היינטיגען סקעפּטישען מענשען —
איז עס פון דער צווייטער זייט אויך ניט נויטיג. דער זשעני פון
מאַזדעאיזם האָט זיך גערעכענט מיט׳ן דאָרשט פון אָרגאַניזם צו
פאַרלענגערען אומבאשטימט דעם אייגענעם קיום און צו האָבען
א פאָרגעשמאַק פון די זיסע פרוכטען, וואָס וועלען אמאָל צייטיג
ווערען דורך דער אַרבייט פון זיינע הענד, אלס תענוגים, וואָס

ערוואַרטען איהם פּערזענליך. נאָר די אידען ביז זייער באַקאַנטשאַפט מיט דער פּערזישער רעליגיעזיטעט האָבען גע'חלומ'ט נאָר וועגען גליק פאַר זייערע נאָכקומענדע. דער ראַסען־עגאָאיזם הויבט היינט אָן פאַרשווינדען, די אינטערנאַציאָנאַלע אידעע פון ברידערליכקייט צווישען אַלע מענשען איז פּראָקלאַמירט סיי פון קריסטענטום, סיי פון דער וויסענשאַפט און אויך פון דעם אויס־געוואַקסענעם סימפּאַטיע־געפיהל. די צוקינפטיגע מענשהייט וועט מיט זיך פאַרבייטען דאָס צוקינפטיגע אידענטום. די הויפּט־זאַך איז — דער שטופּענווייזער וואוקס פון דעם חוש פאַר אַ פאַר־בינדונג פון דעם גאַנצען מענשליכען מין. דער דאָזיגער חוש נעהט פאַראַלעל מיט'ן חוש פאַר אַ קאָלעקטיווער בויאונג. ס'איז דאָ אַן ענגלישער שפּרוך: „האָב אַ קינד, אָדער שרייב אָן אַ בוך, אָדער פלאַנץ איין אַ בוים". אָט דאָס איז די נייע אונשטערב־ליכקייט. אין אַלע שטאַרקע געזעלשאַפטען (ביי די גריכען, באַ־זונדערס ביי די רוימער) האָט דער יחיד פריידיג און אָהן אָנ־שטרענגונגען מיט זיך געאָפּפערט לטובה פון דער נאַציאָנאַלער אויפבויאונג, לטובה פון דעם כלל, פון דער שטאָדט, פון דער אימ־פּעריע. דער „איך" איז אנערקענט געוואָרען פאַר אַ טייל פון אַ גאַנצען, די צוקונפט — פאַר אַן אייגענע זאַך. פּלאַטאָן, ניט קוקענדיג אויף זיין לעהרע וועגען השארת הנפש, האָט געזאָגט, אַז אַ נאָבעלער מענש מוז נאָך זיך איבערלאָזען אַ שפּור אָדער אין זכרון פון פריינד אָדער אין אַ בוך. לעבען פאַר דער וויסענ־שאַפט, קונסט, טעכנישען פּראָגרעס און אַז. וו. הייסט געפינען די אייגענע אומשטערבליכקייט אין דער בויאונג פון לעבען. בויענ־דיג דעם וואונדערליכען פּאַלאַץ פון קולטור, וועל איך דערמיט אינטים זיך באַהעפטען מיט דעם פאַרגאַנגענעם און צוקינפטיגען דור. מיטאַרבייטענדיג מיט זיי, בלייב איך מיט זיי, כל זמן זייער אַרבייט ווערט פאָרטגעזעצט. און אין דעם דאָזיגען לעבען פיהל איך שוין מיין אומשטערבליכקייט. אָט דערפאַר מיט'ן וואוקס פון קאָלעקטיוויזם און דעם קאָלעקטיוו־שאַפענדען יסוד, וועט דער קולט פון דעם צוקינפטיגען לעבען זיך אָפּריינינגען פון דער עגאָ־

איסטישער ביימישונג, פון דער מעשה וועגען א פערזענליך לעבען נאָכ'ן טויט. די נייע רעליגיע פון דער מענשהייט מוז זיין פריי פון פאנטאסטישע פאָסטולאטען; די רעאלע פערספעקטיוועז פון דער וויסענשאפט און פון דעם שאפענדען גייסט, ווען מ'זאָל אין זיי ארייגדרינגען, זיינען פראכטפולער פון יעדער פאנטאזיע. לאָמיר זיך צונויפגיסען מיט'ן מענשליכען מין, לאָמיר קעמפען פאר זיין פאָלקאָמענהייט און אומשטערבליכקייט. ער, דער מענשליכער מין, — דאָס בינסט דו!

אויך אזוי נוצליך, ווי די אידעע פון גיהנם און גן עדן און פון א פערזענליך לעבען נאָכ'ן טויט, איז געווען פאר דער שוואכער מענשהייט די אידעע וועגען הילף פון געטער. דער קלאָרער און פראקטישער שכל פון פערזיאנער איז אין דעם זעלביגען גראד ווייט געווען פון קאָסמיזם, וואָס שלינגט איין דעם מענשען, וואָס מאכט איהם אונטערטעניג צו דער נאטור און פון דעם גרויזאמען ספירי־טואליזם, וואָס צערייסט די גאנצע וועלט אויף גייסט און מאטעריע. דער פערזיאנער מאזדעאיסט האָט ליעב די נאטור, אכטעט זי, ער געפינט אין איהר זיינע ברידער, באשיצער און פארבינדעטע, אָבער ער געפינט אויך אין איהר שלעכטס, פיינדליכע קרעפטען. אויף אויפ'ן געביעט פון גייסט אנערקענט ער טוגענדען און זינד פאר עפעס־וואָס, וואָס שטאמט פון די וועלט יסודות. געוויס, דער פעטישיזם, וואָס האָט פארהערליכט די אָדער יענע נאטור־ערשיינונג ביז צו א מדרגה פון גאָטהייט, האָט פארדאָרבען די ערפאהרונג און די מאניערען פון ארבייט, צוגעבענדיג זיי לעגענדען און מאגישע מעטאָדען אין אן איבערפליסיגער מאָס. דאָס אלץ האָט איינגאנצען אָפּגעלעבט זיין צייט. פון דער אנדערער זייט האָט דאָס גלויבען אין מעכטיגע און ליכטיגע גייסטער־פארבינדעטע בראש מיט'ן געהיימניספולען ליעבענדען און הייליגען הויפט־גאָט אָרמוזד פארשטארקט דעם צוטרוי צו די איגענע קרעפטען אין קאמף מיט די נאטור־קרעפטען און מיט די וואנדערענדע פאס־טוכער־שבטים פון לאנד.

מאזדעאיזם איז געווען א רעליגיע פון ארבייט אין אן אָנפאנגס

פאָרמע, די דאָזיגע רעליגיע האָט ניט געקאָנט ניט געבוירען ווערען אין ריס פון מיסטיביזם.

שפּעטער ווען דער מענש זיך איבערציינט, אַז אויב צווי־שען די נאַטור־ערשיינונגען זיינען דאָ פאַר׳ן מענשען נוצליכע און שעדליכע, שעהנע און מיאוס׳ע, זיינען אָבער ניטאָ קיין גוטע און בייזע, מחמת זיי שאַדען און העלפען אָהן אַ שום געפיהל און אויס־רעכענונג. דערפאַר דאַרף מען פאַר זיי ניט האָבען קיין עהר־פורכט, מען דאַרף זיי ניט דאַנקען און ד. ג. די וויסענשאַפט האָט אַרויסגעזאָגט דעם פעטישיזם פון דער מענשליכער וועלט־אַנשויאונג. אָבער כל זמן די הילף פון געטער איז נויטיג געווען, איז געווען שווער און טרויעריג אַרויסצוטרייבען פון דער וועלט דעם פעטישיזם — די פאַרגעטערונג פון דער זון, שטערען, ווינד, ים. דאָס איז געווען אַ גייסטיגקייט, מיט וועלכער ס׳איז שווער געווען זיך צו שיידען. נאָר בעת דער מענש האָט גענומען קריגען צוטרוי צו זיינע אייגענע קרעפטען, האָבען נאָר אין די פאָרטגעשריטענע רייהען פון דער מענשהייט פון דער היינטיגער צייט די געטער אינגאַנצען אויפגעהערט צו זיין נויטיג.

דאָס קריסטענטום איז אָהן ספק נידעריגער פון דעם מאַזדע־איזם אין קולטורעלען זינען. ניט אומזיסט פלעגט דער אימפּע־ראַטאָר כאָזראָי זיך באַציהען צו די קריסטען מיט האַס. פאַר איהם זיינען דאָס געווען מענשען, וואָס האָבען פיינד געהאַט צו אַרבייטען, ליעבהאָבער פון אַרומגעהן לעדיג, אומציכטיגע, וואָס פלעגען אָפּשוואַכען דעם גוף דורך אָפּהאַלטען זיך פון נאַטירליכע באַדערפעניסען און פאַרוואַנדלען זייער לעבען אין אַן אומבאַדריי־טענדער מלחמה מיט׳ן שטן, וואָס פלעגט זיי ברענגען צו נסיונות. אָפּלייקענען אין ריינעם קריסטענטום די פאַראורטיילונג פון אַר־בייט, וואָהלשטאַנד, ערדישען פראַגרעס — קאָנען נאָר די היפּאָ־קריטישע רעטער פון רעליגיע.

קיין רעליגיע איז ניט צוגעגאַנגען אַזוי נאָהענט צו דער אויס־וואַקסענדער רעליגיע פון אַרבייט, ווי דער מאַזדעאיזם. זאַראַטוס־טראַ איז איינער פון די גרעסטע נביאים פון דער מענשהייט. כדי

צו געפינען דעם פאַדים, וואָס איז פארלוירען געוואָרען מיט דעם פאַלען פון דער פערזישער קולטור — דארף מען פארבייגעהן גריכענ־לאַנד, רוים, דעם פינסטערען מיטעלאַלטער און דעם אומרוהיגען רענעסאַנס און נאָר אין דער „אטלאַנטידע" פון פּרענסים בייקאָן, איינער פון די גרינדער פון דער עמפּירישער וויסענשאַפט, וועלען מיר געפינען אַן אָפּשיין פון דעם גלויבען אין אַרבייט און פּראָגרעס. ווייטער — קאָנדאָרסע, דער גרויסער סען־סימאָן און מארקס. מיט'ן וואוקס פון טעכניק וואַקסט אויך דאָס גלויבען אין אַרבייט. די פּראַגע וועגען רייכקייט און גערעכטיגקייט ווערט אוועקגע־שטעלט אויף א נייעם אופן.

דער וועג פון פּראָגרעס איז ניט קיין גלייכער. וועט אונז דען נאָך א מאָל אויסקומען ביים שוועל פון דעם פארשפּראָכענעם לאַנד, וועלכען אונזערע משה'ס זעהען שוין פון בארג, זיך אומקעהרען אין דעם מדבר, כדי דאָרט צו וואָגלען אויף אייביג?

לאָמיר קוקען מיט אָפענע אויגען, לאָמיר זיין דרייסט, לאָמיר זיין טעטיג. מיר זיינען געבוירען געוואָרען פאר'ן לעבען אין א קריטישער צייט. אין דעם איז אונזער פלוך, אין דעם איז אונזער גליק.

פערטער קאַפּיטעל.

אַנטראָפּאָלאָגיזם און קאָסמיזם אין רעליגיע.

לודוויג פייערבאַך, אין זיין ווערק „דער תוך פון קריסטענטום", פיהרט דורך אַן אינטערעסאַנטען פּאַראַלעל צווישען דעם רעליגיעזען כאַראַקטער פון די העלענער (די פּאַרצייטיגע גריכען) און די אידען.

געוועהנליך ווערט אָנגענומען, אַז דער אידישער מאָנאָטעאיזם איז דער העכסטער אויסדרוק פון מיסטישען ספּיריטואַליזם, דאָס איז אַ גאָט־גייסט, וואָס איז לויט אַלע אַבסאָלוטע אייגענשאַפטען אונענדליך אָפּגעשיידט פון דער באַגרענצטער מענשהייט. דער אידישער אל אחד, לכל הפּחות, ווי ער ווערט שפּעטער פאַרשטאַנען ביי די נביאים, איז אַ גאָט, וואָס איז אַמווענינגסטען אַנטראָפּאָ־מאָרפיש, ס'הייסט, וואָס האָט אַמווענינגסטען אַ מענשליכע גע־שטאַלט. פּאַרקעהרט, קיינער האָט אויף אַזוי פיעל ניט פאַר־עהנליכט די געטער צו מענשען, ווי דער גריך. און דאָך איז דער אמת'ער פאָרשטעהער פון דעם אַנטראָפּאָלאָגישען טיפּ אין רעליגיע, דער באַשאַפער פון אַ ריין־מענשליכער רעליגיע גיכער געווען דאָס אידישע פאָלק, און הינטער די אַנטראָפּאָמאָרפישע גאָטהייטען פון גריכענלאַנד, ווי אויך הינטער איהר שפּעטערדיגען פּלאַטאָנישען און דעם נאָך־פּלאַטאָנישען גאָט־גייסט האָט זיך אין אמת'ען באַ־האַלטען אַליין דער זעלביגער קאָסמאָס. די אידען האָבען פאַר־עהרט אין זייער אַלאומפאַסענדען, אומדערגרייכבאַרען גאָט־צבאות די מענשליכע נאַטור; די גריכען האָבען פאַרעהרט אין זייערע מענש־געטער די געזעצען פון אַ ניט־מענשליכער נאַטור. די גרי־כישע רעליגיע לויט דער פאָרמע איז כמעט אַ רעליגיע

פון מענשענפאַרעהרונג, נ אָ ר ל ו י ט ' ן ת ו ך איז זי ווייטער פון מענשענפאַרעהרונג, ווי דער יודאַאיזם. דער יודאַאיזם לויט דער פאָרמע — איז אַ רעליגיע פון דעם קנעכט־מענשען, אַ מענשענ־דערניידעריגענדע רעליגיע, נאָר לויט'ן תוך איז דאָס די ערשטע פאָרמע פון אַ ריין־מענשליכער רעליגיע.

ביי פייערבאַך'ן געפינען מיר אַזאַ געדאַנק: „נאַטור־פאָרשונג איז די פאַרגעטערונג פון דער נאַטור, — געצענדיענסט איז'ם זין פון דעם אידישען און קריסטליכען גאָט. און געצענדיענסט באַטייט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דעם מענשען'ס ערשטע אָנשויאונג, באַטראַכטונג פון דער נאַטור. די אידען האָבען זיך אויפגעהויבען איבער געצענדיענסט ביז צום קולט פון אַ גאָט, זיי האָבען זיך אויפגעהויבען איבער'ן באַשאַף ביז צו דער אַנשויאונג, צו דער נאָכדענקליכקייט פון דעם באַשעפער, ס'הייסט זיי האָבען זיך אויפגעהויבען איבער ד ע ר ט ע אָ ר ע ט י ש ע ר אָנשויאונג, פון דער נאַטור, וועלכע האָט באַצויבערט דעם געצענדיענער, ביז צו אַ ריין־פּ ר אַ ק ט י ש ע ר אָנשויאונג, וואָס מאַכט אונטערטעניג די נאַטור צו די ציעלען פון עגאָאיזם. אין חומש שטעהט: „און טאָמער וועסטו אויפהויבען דיינע אויגען צום הימעל און וועסט זעהן די זון, און די לבנה, און די שטערן, און די גאַנצע הימעל־מענגע, זאָלסטו זיך ניט אָפּקערען פון גאָט און זאָלסט ניט דיענען זיי, מיט וועלכע גאָט האָט בעשאָנקען אַלע פעלקער אונטער'ן הימעל".1) נאָר אין דער אומדערגרייכבאַרער טיפקייט און מאַכטיגקייט פון דעם אידישען עגאָאיזם האָט געקאָנט ענטשטעהן אויך די אידעע וועגען דעם, אַז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען פון גאָרנישט, די אידעע פון דער באַשאַפונג, פון דעם וועלט־געשעהן, אַלס פּשוט'ער אַקט פון אַ באַפעהל; די דאָזיגע אידעע ענטהאַלט און דריקט אויס מיט זיך ניט קיין אַנדער זאַך,

1) ופן תשא עיניך השמימה וראית את השמש ואת הירח ואת הכוכבים כל צבא השמים ונדחת והשתחוית להם ועבדתם אשר חלק יהוה אלהיך אתם לכל העמים תחת השמים. (דברים ואתחנן ד. יט.).

ווי אַ באַפעהל צו פאַרוואַנדלען די נאַטור ניט אין אַ געגענשטאַנד אויף צום באַטראַכטען, אָנצושויען, נאָר אין אַן אָביעקט אויף צו באַנוצען זיך און הנאה צו האָבען.

לאָמיר דערווייליג באַזייטיגען די פאָרמע פון דער און יענער רעליגיע, לאָמיר נאָר ציהען די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אומ־פאַרמיידליכען אויספיהר פון דער און יענער רעליגיע. דער יודאַאיזם איז אַן אויסדרוק פון פּראַקטישער באַדערפעניס, אין איהם דריקט דער מענש אויס אַזאַ פּאָסטולאַט: אַ פרנינפּטיגער גייסט מוז רעגירען איבער דער נאַטור, מעכטיג ענדערענדיג זי לויט זיין רצון, האָבענדיג הנאה פון איהר. דער העלעניזם, דער אַלט גריכענטום, איז אַן אויסדרוק פון ענציקונג דורך באַטראַכטען, דורך אָנשויען, און זיין פּראַקטישער אויספיהר קלינגט אַרויס אומפאַרמיידליך: די נאַטור איז שעהן און מאַכטיג, זי איז אַ ציעל אין זיך, איהרע געזעצען זיינען הייליג און אומפאַרענדערליך, דער מענש מוז מיט יראת הכבוד זיך בויגען פאַר זיי, זיין גליק באַשטעהט אין דעם, אַז ער זאָל פ ר י י ו ו י ל י ג זיך אונטערוואַרפען אונטער זיי: „פאַטאַ וואָלענטעם דוקונט, נאָלענטעם טראַהונט" (דער שיקזאַל פיהרט דעם, וואָס שטימט איין מיט איהם, דעם איינגעשפּאַרטען שלעפּט ער).

וואַרפט אַרויס די פאָרמע, די גאָטהייט, די טעאָלאָגיע, און וואָס וועט בלייבען? אַ ריינער עקאָנאָמיזם מיט אַ פאָרמולע: מאַכען די נאַטור אונטערטעניג צום מענשען — פאַר דעם יודאַ־איזם, אַ וויסענשאַפטליכער פאַטאַליזם מיט אַ פאָרמולע: מאַכען דעם מענשען אונטערטעניג צו די געזעצען פון דעם „זיין", פון דעם קיום — פאַר דעם העלעניזם. דאָס רעוואָלוציאָנערע גלויבען, אַז אַלץ, וואָס ס'איז פאַרנינפטיג וועט ווערען אַ ווירקליכקייט — פאַר דעם יודאַאיזם; דער קאָנסערוואַטיווער זאַץ, אַז אַלץ, וואָס ס'איז ווירקליך איז פאַרנינפטיג — פאַר דעם העלעניזם. הויכמוטיגע פּרעטענזיעס אויף הערשאַפט און גאָטהייט — פאַר דעם יודאַאיזם, הכנעה'דיג זיך אַנערקענען אַלס אַן אָפּהענגיגער טייל — פאַר'ן העלעניזם.

פייערבאך האָט עס פארשטאנען. נאָר מיטגעריסען מיט זיין ליעבע צום גריכענטום מיט זיינע גרויסע קולטורעלע פאָרטיילען, און ס'קאָן זיין אויך פון זיין האס צו דער הערשענדער רעליגיע, צו דער טאָכטער פון דער אידישער רעליגיע, — האָט ער אויף א העכסט אומגערעכטען אופן דערנידעריגט דעם יודאאיזם אנטקעגען דעם העלעניזם. אָט איז א טאלענטפולע בלאט, וואו עס ווערט צווישען זיי דורכגעפיהרט א באלעהרענדער פאראלעל, וואָס לאָזט טיף אריינבליקען אין הארצען פון ביידע רעליגיעס: „דער פארפאסער פון'ם ספר „חכמת שלמה" (קאפיטעל 13) זאָגט ריכטיג, אז די געצענדיענער, צוליב זייער פארוואונדערונג פאר דער שעהנקייט פון דער וועלט, האָבען זיך ניט אויפגעהויבען ביז דעם באגריף וועגען איהר באשעפער. פאר ווען די נאטור איז א שעהן וועזען, יענעם שטעלט זי זיך פאָר אלס ציעל אין זיך, יענער געפינט די אורזאך פון איהר „זיין" אין איהר גופא, ביי יענעם שטעלט זיך ניט די פראגע: פאר וואָס עקזיסטירט זי? די באגריפען פון דער נאטור און גאָטהייט אידענטיפיצירען זיך, ווערען איינס און דאָס זעלביגע אין זיין באוואוסטזיין, אין זיין וועלטאנשויאונג. די נאטור, וועלכע ער באטראכט, איז פאר איהם געשעהן, האָט זיך באשאפען, אָבער איז ניט באשאפען געוואָרען אין אייגענטליכען זין, אין זין פון רעליגיע: זי איז פאר איהם ניט א פראָדוקט פון אן אייגענווילען, א געמאכטע זאך. די שאפענדע קראפט איז פאר איהם די ערשטע קראפט, פאר דעם יסוד פון דער נאטור רעכענט ער די קראפט פון דער נאטור גופא; די עקזיסטירענדע קראפט, וואָס ווירקט אָנשויליך פאר זיינע אויגען, האלט ער פאר די סיבה פון אלע זאכען. אזוי דענקט דער מענש, וואָס פארהאלט זיך צו דער נאטור עסטעטיש און טעאָרעטיש (מחמת די טעאָרעטישע נאָכדענקליכקייט, אָנשויליכקייט איז אורשפרינגליך אן עסטעטישע אָנשויליכקייט, עסטעטיק איז „פרימא פילאָזאָפיא"), וואָס אידענטיפיצירט דעם באגריף פון דער וועלט מיט'ן באגריף פון דעם קאָסמאָס, פון דער געטליכקייט. נאר דאָרט, וואו אזא אָנשויאונג האָט באזעעלט דעם מענשען, האָט

געקאָנט ענטשטעהן און ארויסגעזאָגט ווערען אזא געדאנק, ווי אנאקסאגאָראס'עס געדאנק וועגען דעם, אז דער מענש איז געבוירען געוואָרען אָנצושויען, צו באטראכטען די וועלט. דער אויסגאנגס־פונקט פון אזא טעאָריע איז א הארמאָנישע איינ־גונג מיט דער וועלט. נאָר דאָרט, וואו דער מענש שטעהט אויף א פראקטישען שטאנד־פונקט, און פון איהם קוקט ער אויף דער וועלט, דאָרט געהט ער זיך פאנאנדער מיט דער נאטור און ער מאכט זי פאר אן אונטערטעניגע דיענערין פון זיינע פערזענליכע אינטערעסען, פון זיין פראק־טישען עגאאיזם. דער טעאָרעטישער אויסדרוק פון דער דאָזיגער עגאאיסטישער פראקטישער אנשויאונג, וואָס אנערקענט די נאטור אין זיך פאר גאָרנישט, איז: די נאטור אָדער די גאנצע וועלט איז באשאפען געוואָרען, זי איז א פראָדוקט פון א באפעהל: ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור — און גאָט האָט געזאָגט ס'זאָל זיין ליכטיג און ס'איז געוואָרען ליכטיג, — ס'הייסט גאָט האָט געהייסען, אז די וועלט זאָל באשאפען ווערען, און די וועלט איז באלד באשאפען געוואָרען אויף זיין באפעהל".

„אוטיליטיזם, נוצליכקייט איז דער הויפט־פרינציפ פון יודא־איזם".

אויב ס'איז זיכטבאר, אז צווישען דעם אידישען כח הרצון און דער אמונה אין רצון, און דער אלט־גריכישער אמונה אין גע־זעץ, ווי אן אומבויגזאם־באפעהלענדע קראפט, — מוז געפונען ווערען דער סינטהעז (וועלכער ווערט טאקי אויסגעארבייט פון וויסענשאפטליכען סאָציאליזם), איז פון דעסטוועגען קלאָר אויך דאָס, אז דער עצם רעליגיע פון דעם אויסגעוואקסענעם מענשען, די רעליגיע פון דעם רעוואָלוציאָנער און ארבייטס־מאַן — פון דעם פראָלעטאריער, וועט זיין בעהנטער צום אנטראָפּאָלאָגיזם, ווי צום קאָסמיזם. מ'קאָן אפילו מיט זיכערקייט זאָגען, אז די קאָנסערוואַ־טיווע קלאסען מוזען פריהער אָדער שפעטער זיך אָנכאפען פאר'ן

קאסמיזם, **כדי** אוועקצושטעלען אנטקעגען דעם רעוואָלוציאָנערען ווילען פון דעם ארבייטס־מענשען — די בארופונג אויף די אומ־פארענדערליכע געזעצען, אנטקעגען דער שעהנקייט פון דעם אידעאַל וועגען מאכט, סאָלידאריטעט, גערעכטיגקייט — די שעהנקייט פון דער אייביגער אָרדענונג, אנטקעגען דעם אונערמידליך־טעטיגען גייסט — **די פּאָעזיע** פון ענציקונג און זעלבסט־פארלייקענונג.

די טענדענצען פון יודאאיזם.

די אורזאך פון דעם אידישען מאָנאָטעאיזם זעהט פייערבאך אין דעם אידישען שבט־עגאָאיזם: „גאָט, נאָך פילאָנ׳ען, האָט געשאָנקען משה׳ן די מאכט איבער דער גאנצער נאטור, אליין איז אונטערטעניג געוואָרען צו איהם, ווי צו א הערשער. די נויטען פון פאָלק ישראל שטעלען פאָר אַן אַלמאכטיג וועלט־געזעץ, — זיי באשטימען דעם שיקזאַל פון דער גאנצער וועלט. יעהאָווא — דאָס איז ישראל׳ס אנערקענונג פון דער הייליגקייט און גויטוועגדיגקייט פון זיין עקזיסטענץ, א נויטווענדיגקייט, פאר וועלכער די עקזיס־טענץ פון דער נאטור און פון אנדערע פעלקער, איז גאָרנישט. יעהאָווא — איז דאָס גליק פון פאָלק (סאלוס פאָפולי), די ישועה פון פאָלק ישראל, פאר וועלכען מען מוז אליין מקריב זיין; ער — איז אַן אויסשליסליך מאָנארכישע זעלבסטגעפיהל, אַן אלפארניכ־טענדער פייער פון צאָרן אין די פלאמענדיגע אויגען פון דעם פארטיליגונגס־זיכטיגען פאָלק ישראל. מיט איין וואָרט, יעהאָווא — איז דער „איך" פון פאָלק ישראל, וואָס האָט זיך אנערקענט פאר׳ן ענד־ציעל און פאר׳ן האר פון דער נאטור. בכן, ריהמענדיג די נאטור, ריהמט דאָס פאָלק ישראל די מאכטיגקייט פון יעהאָווא און די מאכטיגקייט פון אייגענעם זעלבסטבאוואוסטזיין. „לויבט גאָט. ער — איז גאָט אונזער העלפער. גאָט — אונזער רעטער. יעהאָווא, גאָט — מיין כח".

ס׳איז קיין צווייפעל ניט, אז אין א באדייטענדער מאָס איז דאָס טאקי אזוי. דאָס גרויסע זעלבסטבאוואוסטזיין, כמעט דער

איבערנאַטירליכער לעבענס־כח פון די אידען, וואָס האָט זיי געמאַכט פּאַר אַן אייביג פּאָלק. ניט קוקענדיג אויף׳ן שיקזאַל׳ס רדיפות, דער דאָזינער לעבענס־אינסטינקט, וואָס דער לעבהאַפטיגער שבט האָט אויסגעאַרבייט צווישען די ענדלאָזע מדבריות און האָט פּאַ־נאַנדערגעוויקעלט אין די הייליגע מלחמות צוליב אַ פּרוכטבאַרען באָדען מיט די שכנות׳דיגע כאַלדייער, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרען אונטער די שרעקליכע קלעפּ פון די באַזיעגער, — דער דאָזיגער שטאַרקער לעבהאַפטיגער אינסטינקט פון דעם גרויסען קליינעם פּאָלק האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אומגעהייערער פאָרמע פון יעהאָוואַ. וואָס נידעריגער דאָס פּאָלק איז געפאַלען רעאַל, אַלץ העכער האָט עס זיך אויפגעהויבען אידעאַל, אין זיין גאָט.

אָבער ניט נאָר אין עגאָאיזם אַליין איז די זאַך. דער נאָמאַד סעמיט, דער מדבר־מענש — האָט באַשאַפען זיינע געטער צווישען אַן איינאַרטיגער נאַטור, אַ נאַטור ניט קיין פיעלפאַרביגע און ניט קיין פּולזאַפטיגע. דער ברייטער הימעלסגעוועלב, פול מיט פייער־ליך באַוועגליכע פּלאַנעטען, וואָס נעמט אַרום אַן איינאַרטיגע עבענע — אָט דאָס איז דאָס וואונדערליכע, וואָס ער זעהט. און די שטערן זיינען נאָר די ליכטיגע חילות פון גאָט, וואָרום אָט געהט ער אויף, און זיין פלאַמענדיגע געשטאַלט הערשט העררליך, אַליין. דער טיפער קענער פון די מזרח־רעליגיעס דזשיימס דאַרמשטעטער זאָגט: די אַרישע און סעמיטישע רעליגיעס בילדען צוויי פאַר־שידענע גרופּען. אין דער ערשטער געפינען מיר אומעטום אונטער פאַרשידענע נעמען דעם גאָט פון הימעל און די געטין פון וואַסער, אומעטום איז דאָ אַ רייכער פּאָליטעאיזם, די פאַרגעטערונג פון אַלע נאַטור־קרעפטען, אַ דואַליזם, אַ קאַמף צווישען געטער און בייזע רוחות. פון דער צווייטער זייט די פעלקער פון דער סעמיטישער שפּראַך שטרעבען צו אַ שטרענגער איינהייט. די געטער בעל, מולך אָדער יעהאָוואַ דריקען צו אומעטום די איבעריגע נאַטור מיט זייער פלאַמענדיגען גלאַנץ.

ס׳רוב פון די סעמיטען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף דער

פאַרעהרונג פון דער זון. אָבער דער שבט, וואָס האָט געלעבט ביים צופוסען פון דעם בארג סיני (די קעניטען), האָט פאַרשטעלט אין זיין רעליגיעזער פאַנטאַזיע די שרעקליכע, נאָר רוהיגע גאָט־הייט מיט אַן אַנדער גאָטהייט, וואָס איז ניט ווייניגער הערליך נאָר מעהר לעבעדיג. צווישען די רוחות איז פאַר זיי אַרויסגע־טרעטען יענער, וואָס דונערט און שטורעמט מיט „קולות וברקים".

דער גאָט פון בארג סיני, דער דונערשליידערער „יאהו", דער עקזיסטירענדער — איז גערופען געוואָרען פאַר אַן עדות ביים אָפּמאַך צווישען די צוועלף אידישע שבטים. זינט דאַמאָלסט איז ער געוואָרען דער גאָט פון אַ נאַציאָנאַלער איינהייט. ער האָט גע'ירש'נט די הערליכקייט פון אַן איינציגען גאָט, ער האָט ער־וואָרבען נאָך מעהר פאַרכטזאַמע און לעבהאַפטיגע שטריכען און איז געוואָרען אַ גאָט פון אַ פאָלק אין אונטערשיידונג פון די געטער פון פרעמדע לענדער און פון די משפחה־געטער. יעהאָוואַ'ס קאַמף פאַר אויבערהערשאַפט וועט זיין דער קאַמף פון דעם איינהייטס־פּרינציפּ און פון דער אונאָפּהענגיגקייט פון דעם ניי־געגרינדעטען בונד, דער קאַמף פון אַ פאָלק קעגען פרעמדע און סעפּעראַטיווע געטער. אין קומענדיגען קאַפּיטעל וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדען וועגען יעהאָוואַ. דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרען, איז דערווייילע גענוג אויף צו דערקלערען די ערשטע אורזאַכען פון דעם מאָנאָטעאיזם, פון יענע שטיצען, וואָס האָבען געהאָלפען דעם פאָלק ישראל זיך אויפצוהויבען ביז צו אַזאַ באַגריף: דער גייסט, וואָס איז צו אונז נאָהענט, וואָס איז צו אונז עהנליך, וואָס האָט אונז ליעב, אונזער פאַרבינדעטער — איז העכער פון אַלע נאַטור־קרעפטען, ער קאָן אַלץ. אַזוי האָט מען באַדאַרפט ריהמען דעם גייסט פון איינהייט, דאָס האָט געפאָדערט די פּאָליטישע נויט־ווענדיגקייט, דאָס לעבען גופא פון פאָלק. יעדער נצחון און יעדער ערפאָלג האָבען די יעהאָוויסטען צוגעשריבען צו זייער גאָט, נאָר ביי מיסערפאָלגען האָבען זיי באַשולדיגט דאָס פאָלק. די גאַנצע געשיכטע איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לעגענדע אויף צו רעטען יעהאָוואַ'ס מאַכט. **אַזוי האָט אויסגעאַרבייט**

ד אָ ס פ אָ ל ק י ש ר א ל אַן איבערראַשענדע לויט איהר לייד
דענשאַפטליכקייט אמונה, אַז דער גייסט, לויט דעם פורעם און
דער עהנליכקייט פון אונזער גייסט, איז שטאַרקער פון די נאַטור־
קרעפטען, וואָס זיינען אונז פרעמד און אומפאַרשטענדליך, אַז ער
איז דער באַשעפער און באַפעהלער פון דער נאַטור. און די דאָזיגע
טרייסטענדע און שטאָלצע לאַגע האָבען די פעלקער פון דער וועלט
אָנגענומען במתנה פון אידישען פאָלק.

אמת פאַר דער דאָזיגער זיכערקייט אינ׳ם נצחון פון דעם שכל,
אין דעם אבסאָלוטען כח פון גייסט, פון רצון, האָט מען באַצאָהלט
מיט דעם, וואָס מ׳האָט דעם נצחון אָפּגעפרעמדט פון דעם מענ־
שען. האָט דער דאַמאָלסדיגער מענש געקאָנט רעדען וועגען ז י י ן
שכל, וועגען ז י י ן רצון, ווי וועגען געטליכע און באַפעהלענדע
איבער־נאַטור קרעפטען? קענטיג, אַז נים. מ׳האָט באַדאַרפט
באַשאַפען אַ לעגענדע, אַ מיטוס וועגען אַן איבער־ווילען, וועגען אַן
איבער־שכל און אַן איבער־מענשען. אָבער דאָס איז נאָר געווען
אַ גרויסער שאָטען פון דעם מענשען, אַ שאָטען, וואָס איז אָפּגע־
וואָרפען געוואָרען אויפ׳ן הימעל. און דערצו נאָך אין דער גאַנצער
ריינקייט פון זיין גייסטיגקייט, פון דעם, וואָס איז אין איהם אם
מעהרסטען מענשליך, פון זיין ו ו י ל ע ן צ ו מ אַ כ ט. ישראל
איז געווים גיט געווען גאָט׳ס אויסערוועהלטער, זאָגט דאַרמשטעטער,
ער אליין האָט זיך באַשאַפען גאָט מיט׳ן שוויים פון זיין פנים.
ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, האָט דער רצון צו מאַכט באַקומען
אַ דאַנק דעם היסטאָרישען שיקזאַל פון אידישען פאָלק אַ צוגאָב
אין דער פאָרמע פון „דאָרשט צו גערעכטיגקייט". און דאָ איז
פאָרגעקומען דער זעלבער פּראָצעס, און דאַרמשטעטער באַמערקט
ריכטיג: „די נביאים האָבען גערעדט אין נאָמען פון יעהאָוואַ, די
נייע וועלט רעדט אין נאָמען פון דעם מענשליכען געדאַנק, אָבער
יעהאָוואַ איז געווען נאָר די פאַרגעטערונג פון דעם מענשען׳ס נשמה,
דאָס מענשליכע געוויסען, וואָס איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען אויף
די הימלען".

פון דעם וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרען קאָן מען זעהן,

אז יענע דערנידערונג פון דעם יודאאיזם אין פארגלייך מיט׳ן העלעניזם, וואס האט זיך בולט ארויסגעוויזען ביי פייערבאך׳ן, קאן ניט אנערקענט ווערען פאר ריכטיג.

מען דארף נאך באצייכענען, אז דער לעבענס־כח פון דעם אידישען שבט האט זיך ארויסגעוויזען ניט נאר אין דער לעבענס־פעהיגקייט און אין דעם רצון צו מאכט, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין יעהאווא, נאר אויך אין דעם טיפען רעאליזם. נאר דאס שפעטערדיגע, דעקאדענטישע, אזוי צו זאגען, אידענטום איז טיילווייז דורכגעדרונגען געווארען מיט׳ן מיסטיציזם פון אנדערע מזרח־רעליגיעס. אין קריסטענטום האט דער מיסטיציזם זיך אריינגעגאסען מיט א ברייטער כוואליע גראדע פון דער לעבענסלוסטיגער גריכענלאנד. „די לעבענסלוסטיגע״ גריכענלאנד האט גענומען צופאלען נאך באדייטענד פריהער פון די פאטאלע מלחמות פון אטהען און ספארטא, זי האט באשאפען טיילווייז געמענדיג פון די מזרח לענדער א קולט פון א לעבען נאכ׳ן טויט, זאגאר א קולט פון טויט, ווי באפרייאונגס־מיטלען. דאס אידענטום, זייענדיג אזוי אונערמידליך לאגיש אין דער ענטוויקלונג פון זיין פאנטאסטישער פארשטעלונג וועגען דעם אלמעכטיגען, איז געווען טיף רעאליסטיש אין זיין באגריף פון לעבען. דער אונטערשייד צווישען דער נשמה און דעם גוף איז געווען זעהר אומקלאר פאר די אידען, און דאס לעבען פון דער נשמה אויסער׳ן קערפער האט זיי אינגאנצען ניט אינטערעסירט. און דאך איז דאס געווען דאס רעליגיעזסטע פאלק פון דער וועלט און פון דער מענשליכער געשיכטע. רענאן איז גערעכט, בעת ער זאגט וועגען אידענטום: „א מעכטיגע טראדיציע פון אידעאליזם און פון עפעס א פאראדאקסאלער קראפט פון בטחון, א רעליגיע, וואס די מאמינים אין איהר זיינען געווען גרייט אויף אלע מעגליכע קרבנות, בעת זי האט זיי קיין זאך ניט צוגעזאגט הינטער די גרעניצען פון דעם ערדישען לעבען״.

און די אידישע רעליגיע האט אייגענארטיג באזיעגט די וועלט. באצייכענענדיג די אידישע אפשטאמונג פון קרסטענטום, זאגט דארמשטעטער:

„מאַהאָמעד, וואָס איז ארויסגעקומען פון דער אידישער און אידיש־קריסטליכער שוהל, גרינדעט דעם איסלאַם, וועמעס דאָגמע עס פאַלט צוזאַמען מיט דער אידישער דאָגמע, נאָר זי ווערט נידעריגער לויט'ן מאָסשטאַב פון אַ קלענערען פאַרשטאַנד, אין וועלכען זי האָט זיך אָפגעשפּיגעלט. די מיטהאָלאָגיע פון דעם איסלאַם איז אויך א תלמוד'ישע, א ראַבינישע און אַ אידיש־קריסטליכע. אויף אַזאַ'ן אופן, אָנהויבענדיג פון 17טען יאָהרהונ־דערט נאָך קריסטוס'ן, באַפעלקערען צוויי אידישע קאָלאָניעס דעם געביט פון מענשליכען געדאַנק, קאָלאָניעס, וואָס קעמפען מיט דער מעטראָפּאָליע, וואָס פארשילטען און לייקענען זי אָפּ. ניט נאָר פאַרפאָלגען זיי די נאָכפאָלגער פון דער מוטער־רעליגיע, נאָר, וואָס איז נאָך פיעל ערגער, יערע אויף איהר שטייגער פארדארבט איהרע פּרינציפּען: דער קריסטליכער מערב האָט אויפגעהאַלטען זיין מיטהישען, לעגענדארען גייסט, אריינטראָגענדיג אין איהם דאָגמען און דערמיט צווינגענדיג די וויסענשאַפט צו שווייגען אָדער צו לעסטערן הייליגקייטען; דער אראבישער מזרח האָט פּארוואַנ־דעלט גאָט פון אַ געזעץ פון שכל אין אַ קעניגליכער מוטוויליגקייט, וואָס האָט אינגיכען געבראַכט צו פּאַסיוויטעט און אומוויסענהייט".

דאַרמשטעטער איז לגמרי ניט איינשטימיג מיט דעם, אז דאָס אידענטום האָט זיך כלומרשט איבערגעלעבט, אַז זיין היסטאָרישע מיסיע האָט זיך כלומרשט געענדיגט מיט'ן געבורט פון קריסטענטום. ער באַצייכענט די גרויסע פאַרדינסטען פון אידענטום אין מיטעל־אַלטער. נאָר זיי האָבען פאַר אונז אָפּגעהיט, אין פּאָלשטענדיגער טאָלעראַנץ צווישען דער מורינישער קולטור, דאָס בעסטע פאַר־מעגען פון דעם אַלטערטימליכען געדאַנק. זייער לעבעדיגער גע־דאַנק איז ווידערגעשטאַנען דער דאָגמע. דאַרמשטעטער שילדערט קלאָר דעם שיקזאַל פון אידענטום נאָכדעם ווי עס איז צוזייהט און צושפּרייט געוואָרען און ער רעדט וועגען דער לאַגע פון דעם אידען, ווי פון דעם טרעגער פון דער רעליגיע־מוטער צווישען די קריסטען.

דעם האס פון די פעלקער צו אידען האָט די קירך אין א באדייטענדען גראַד אויפגעבראַכט, נאָר די קירך פּרובירט אויך

באשיצען די אידען פון איהרע ארויסגערופענע שטורעמס. און דאס איז דערפאר, ווייל זי האט מורא פאר'ן אידען און נויטיגט זיך אין איהם: ווארים דאס קריסטענטום איז דאך געגרינדעט אויף דעם אידישען ספר, איז דען ניט שרעקליך, וואס דער איד ווייס דעם סוד פון אט דעם ספר, וואס ער קאן זיין דער ריכטער וועגען דער אמונה פון זיינע ריכטער. אמאל מיט א שמייכעל, מיט א אומגערן ווארט, גיט ער צו פארשטעהן, אז ער פאר־אורטיילט זי, און האלט זיך ביכולת אנצואווייזען אויף איהרע חסרונות און טעות'ן. דאס איז דער דעמאן, וואס האט דעם שליסעל פון דעם הייליגטום. דערפון שטאמט דער גרויסער טרוים פון א גייסטליכען: „ניט פארברענען דעם אידען, נאר באקעהרען איהם צום קריסטענטום“.

דער היסטאריקער פראסיר דערצעהלט נאאיוו וועגען דעם הייליגען לואיס: „א גרויסע נארישקייט האט ער געטאן (דער הייליגער לואיס) דערמיט, וואס ער האט איינגעפיהרט דיס־פוטען; ווארים נאך איידער די דיספוטען פלעגען זיך ענדיגען, פלעגען א סך קריסטען אויפגעטרייסעלט ווערען אין זייער אמונה, ניט קאנענדיג זיך פארנאנדערקלייבען אין די איינוועג־דונגען פון די אידען. דעמאלט האט דער קעניג געזאגט, אז אויסער די געלעהרטע גלחים דארף קיינער ניט דיספוטירען מיט א אידען. א וועלטליכער מענש, בעת ער וועט דערהערען, אז א איד טאדעלט די אמונה, דארף ער זי, ניט באשיצען מיט באוויי־זען, נאר מיט דער שפאגע, ארייגשטעכענדיג זי אין דעם אידענ'ס בויך, אויף וויפיעל זי וועט נאר קאנען אריין.“

א לעבעדיגע רעליגיע וואלט זיך אזוי ניט באנומען צו א טויטער רעליגיע.

אבער דאס אידענטום, וואס האט פון זיך אבגעטיילט צוויי־נען פון קריסטענטום און מאכמעדאניזם, צוויי סינטעזען מיט אורשפרינגליך פרעמדע גייסטיגע שטרעמונגען, האט זיך ניט אפגעשטעלט אין זיין רעליגיעזען שאפען, וואס האט פארוואונ־

דערט די וועלט. שפינאָזא איז געווען דער באַשעפער פון אַ נייער גרויסער רעליגיע.

ווי האָט עס געקאָנט פּאַרקומען, אַז דער גרינדער פון דער העכסטער פאָרמע פון פאַנטעאיזם, דער ערשטער אמת'ער מאָניסט איז געווען אַ איד? מיר דוכט זיך, אַז אויך דאָ האָט רזשעמס דאַרמעשטעטער טיף אַריינגעדרונגען אין דער פאַרבינדענים פון אידעען: ער מערקט אָן די נייגונג פון אידען צום פאַנטעאיזם. יעדע אידישע פילאָסאָפיע, זיך באַפרייענדיג, אַריבערוואַקסענדיג דאָס גלויבען אין אַ פערזענליכען גאָט, קומט צום פאַנטעאיזם: די קבלה, שפינאָזא, מיימאָניד (דער רמב"ם). „דער מאָנאָטעאיזם ווערט נאַטירליך פאַרוואַנדעלט אין נאַטוראַליסטישען מאָניזם און גאָט פאַלט אָפּ.

שפינאָזא האָט געמאַכט אַ גרויסען שריט אין צוויי ריכטונגען: אין אָפּרייניגען דעם הימעל פון דעם גייסט, וואָס די מענשליכע פאַנטאַזיע האָט באַשאַפען און אין אייניגען זיך מיט דער נאַטור.

שפינאָזא'ס פילאָסאָפישע אַנשויאונג איז, „אַז גאָט שאַפט די וועלט, ניט מחמת ער וויל פאַרווירקליכען עפּעס, נאָר ווייל דאָס איז לאָגיש נויטווענדיג באַגרינדעט אין זיין אייגענעם וועזען. פון דעסטוועגען איז גאָט פריי, ווייל אין אמת'ן איז „פריי נאָר יענע זאַך", זאָגט שפינאָזא, וואָס ווירקט לויט דער נויטווענדיגקייט פון איהר אייגענער נאַטור. אָבער נאָר גאָט איז פריי: אַליז, וואָס שטאַמט פון גאָט, מוז האָבען אַנ'אורזאַך, אָדער אַ לאָגישען גרונד פאַר וואָס עס עקזיסטירט און פאַר וואָס עס איז אַזוי ווי עס איז. נאָר גאָט אַליין איז „די אורזאַך פון זיך גופא" („קאַוזאַ סואי").

„אונטער „קאַוזאַ סואי" — זאָגט שפינאָזא — פאַרשטעה איך דאָס, וועמעס וועזען עס שליסט אין זיך איין די עקזיסטענץ אָדער דאָס, וואָס קאָן ניט געטראַכט ווערען אַנדערש, סיידען עקזיסטירענד. אַליז, וואָס מיר זעהען אין דער וועלט, האָט צו פאַרדאַנקען זיין עקזיסטענץ אַ וועלכער עס איז פריהערדיגער

אורזאַך. אָהן דער פאָרשטעלונג פון יענער אורזאַך קאָנען מיר בשום אופן ניט איינזעהן, פאַר וואָס די אָדער יענע איינצעל־זאַך, אָדער פּאַסירונג מוז פאָרקומען אזוי ווי זי קומט פאַר, אָדער פאַר וואָס זי מוז איבערהויפּט עקזיסטירען. דער שכל מוז דאָך אבער אָנעהמען, אז וויבאַלד עפּעס־וואָס קומט פאָר אין דער וועלט, מוז דאָך סוף כל סוף זיין אַנ'אבסאָלוט נויטווענדיגע זאַך, וואָס זאָל עקזיסטירען ניט ווייל אַנ'אנדער זאַך ברענגט זי ארויס און ניט ווייל ס'האָט זיך דורך א צופאַל געטראָפען, אז זי עקזיסטירט. זי מוז עקזיסטירען דערפאַר ווייל אין איהר וועזען גופא ליגט שוין ממילא איינגעשלאָסען די אומבאַדינגטע נויטווענדיגקייט פון עק־זיסטענץ. זי איז דער לאָגישער טעם, די אורזאַך פון זיך אליין."

נאָר די געטליכע שאפענדע נאַטור איז פריי און איז „א קאוזא סואי". די געשאַפענע נאַטור, וואָס שטאַמט דורך לאָגיש נויטווענדיגע געזעצען פון איהר אָפּ, קאָן ניט זיין פריי. אלץ אין דער נאַטור איז דורך די אייביגע געטליכע געזעצען באַדינגט, פאָראויסבאַשטימט. באַוועגונגען שטאַמען פון פריהערדיגע באַ־וועגונגען. געדאַנקען געהען ארויס פון פריהערדיגע געדאַנקען. וואונדער, מאַגיזם, מיפען און תפלות זיינען ממילא אינגאַנצען אויסגעשלאָסען געוואָרען. עס איז נאָר געבליבען דאָס געזעץ, וואָס מען קאָן ערקענען, און די ארבייט פון דעם מענשען, וואָס דאַרשט אויסצומיידען שלעכטס און שטרעבט צו גוטס, וואָס איז לויט שפינאָזא'ן דאָס אייגענע לעבען אין זיין אויסגעשפּרייטקייט.

די נאַטור איז געוואָרען א טייל פון גאָט, ניט זיין געמאַכטע זאַך, ניט זיין קלייד, נאָר זיין גוף, זיין אטריבוט, זיין נויטווענ־דיגע איינענשאפט. נאָר שפינאָזא אנערקענט נאָך אויך א סוב־סטאַנץ, אַן „עפּעס" פון א מאָראַלישען כאַראַקטער, וואָס איז גוטיג, גנעדיג, צו דעם דאָזיגען סובסטאַנץ דאַרף מען זיך פאַר־האַלטען מיט יראת הכבוד.

מארקס'ס לעהרע איז געווען נאָך א העכערער סינטעז. דאָס איז געווען די פּינפּטע גרויסע רעליגיע, וואָס דאָס אידענטום האָט פאָרמולירט. אין דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם האָט

ווידער אמאָל און מיט אַ גרויסער קראַפט זיך אפּגעשפּיגעלט דער אידישער רעאַליזם. אין איהם איז ניטאָ און ס'קאָנען ניט ענטשטעהן קיינע פאָרשטעלונגען, וואָס שטייגען אריבער אונזער וויסען. דאָס איז די רעליגיע פון דער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען מין, שטרעבונגען צו מאַכט דורך אָרגאַניזאַציע, ווי־סענשאַפט און טעכניק. אָבער ניט אין דעם איבערהפּלוס און אין די נוצען פון דעם ענגלישען געלעהרטען יערעמיא בענטאַם מיט זיין בוכהאַלטעריע פון פאָרצוגען און פארלוסטען, וועגען וועלכער מארקס האָט אַזוי פאַראַכטליך זיך אבגערופען, ניט אין גליקזע־ליגקייט ווערט באַטראַכט דער צוועק פון לעבען, נאָר אין אַ באַ־וואוסטזיניגער מיטווירקונג צו דער ענטוויקלונג פון דער מענש־הייט. פאר דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז קיין העכע־רעם ניטאָ, ווי דער מענשליכער מין.

יענע פראַקטישקייט, וואָס פייערבאך האָט דערזעהן אינ'ם אידענטום און האָט פאַראורטיילט, בילדעט דעם תוך פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. „מאַכען די נאַטור פאַר אַ דיענסט“ — אָט דאָס איז טאַקי די פּראָגראַם פון דעם סאָ־ציאַליזם! דער קאַמף פון שכל מיט די נאַטור־קרעפטען, ס'הייסט פּלאַנמעסיגע אַרבייט — דאָס איז דער תוך פון דער געשיכטע נאָך מאַרקס'ן. די מענשהייט וועט צולעצט אנערקענען די רע־טענדע באַדייטונג פון אַרבייט און וועט אָנפיהרען באַוואוסטזיניג און אויף אַנ'אָרגאַניזירטען אופן יענעם קאַמף, וועלכען זי האָט געפיהרט האַלב־סטיכיש, יעדער פאַר זיך, זיך קריגענדיג צווי־שען זיך.

מיר וועלען נאָך שפּעטער זעהן, אַז מאַרקס איז אין אַ גע־וויסען זינען געוועזען דער פאָרטזעצער פון דער זאַך פון די נביאים, דער אָנזאָגער פון גערעכטיגקייט.

אָבער מאַרקס איז געוועזען ווייט ניט קיין ריינער איד אין זיינע באַגריפען און ער האָט עס ניט געקאָנט זיין. קוקען אויפ'ן לעבען פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַרבייט — דאָס ערלויבט נאָך ניט זיך צו פאַרהאַלטען מיט

פאראכטונג צו דער נאטור. די נאטורוויסענשאפט הערט טאקי אויף צו זיין א טעאָרעטישע זאך וועלכע דארף נאָר באטראכט ווערען מיט יראת הכבוד, אָבער זי פארלירט אויף א האָר ניט אין איהר טעאָרעטישער טיפקייט, אין דער שענקייט פון איהרע ערָאבערונגען און דרייסטע קאָנסטרוקציעס דערפון, וואָס זי אנער־קאָנט זיך פאר דער טאָכטער און שטעלפארטרעטערין פון ארבייט און גיט אוועק דעם פארצוג דעם פראקטישען מענשען, ניט דעם טעאָרעטישען. נאָר פראקטישע נאטורוויסענשאפט, וואס ווערט פארשטאַנען, ווי א באדערפניס זיך צו אָריענטירען אין ערשיי־נונגען, כדי צו הערשען איבער זיי (ווי ערנסט מאך לערנט), קומט צום אמת׳ן רעאליזם, דערוויייטערענדיג פון דער וויסענשאפט אלע סוביעקטיוועביימישונגען, קומענדיג צו א וועלטאנשויאונג, וואָס איז באגרינדעט אויף דער ריינער עדפאהרונג (אווענאריוס).

אין פראָצעס פון ארבייט, אין אונטערשיידונג פון מאגיזם, שפילט די נאטור א גרויסע ראלע. ניט נאָר דארף מען זי פאר־שטעהן, כדי צו קאָנען קעמפען מיט איהר און זי באזיגען, נאָר מען דארף זי אויך ליעב האָבען. וואָרים ליעב האָבען די נאטור מיינט פארשטעהן ווי אזוי ארויסצוקריגען פון איהר דעם מאק־סימום פון גענוסען, ניט נאָר די נויטיגע, נאָר אויך די נידעריגע, ניט נאָר ריין פיזיאָלאָגישע, נאָר אויך ריין עסטעטישע. דער מענש־ווירט וויל ניט נאָר א עקאָנאָמיש־גוט איינגעאָרדענטע וועלט, נאָר אויך א שעהנע וועלט. „דער מענש איז געבוירען געוואָרען אנצושויען די וועלט", זאָגט ציצעראָן אין זיין ווערק „דע נאטורא". דאָס איז אָבער שקלאַפישע ליעבע, וואָס פרובירט אפילו ניט זיך צו דערשלאָגען געגענזייטיגקייט פון דער געליעב־טער. אָבער מארקס לערנט: „ניט אויסטייטשען די וועלט, נאָר איבערמאכען זי". די נאטור מוז מען מאכען אונטערטעניג, כדי דער מענש זאָל אין איהר געפינען זיין גליק, כדי פון איהר ארויס־צוקריגען וואָס מעהר גוטעס פאר דעם מענשליכען מין, דאָס מיינט א געגענזייטיגע ליעבע.

אָבער דער וויכטיגסטער סינטעז, וואָס איז נויטיג געווען

צו מאַכען, איז ארויסגעוואקסען פון דעם ברייט אָפּענעם ווידער־שפּרוך צווישען דער אידישער באהויפּטונג וועגען דער פרייהייט פון גייסט און זייגע מאיעסטעטישע רעכטען און דער גריכישער באהויפּטונג וועגען דער באשרענקטקייט פון גייסט און וועגען דעם, אז דאָס באוואוסטזיין איז אפּהענגיג פון דעם „זיין“, פון דעם קיום. דאָ שלאָגט דאָס הארץ פון דעם וויסענשאפטליכען סאָציאליזם. „ניט דאָס באוואוסטזיין באשטימט „דעם זיין“, די עקזיסטענץ, נאָר „דאָס זיין“ באשטימט דאָס באוואוסטזיין. די פריהערדיגע פילאָזאָפישע סיסטעמען האָבען געשטרעבט אויס־צוטייטשען די וועלט, די נייע פילאָסאָפישע סיסטעמען שטרע־בען איבערצומאכען זי. ווער עס האָט אויסגעפונען, ווי אין דעם וויסענשאפטליכען סאָציאליזם ווערען הארמאָניש פאראייניגט אָט די ביידע שטעלונגען, דער האָט ארייננעדרונגען אין דעם תוך פון מארקס'ס פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, אין מארקס'ס ר ע ל י ג י ע נאָך מיין טערמינאָלאָגיע. אָבער די דאָזיגע פראגע איז אזא ברייטע און זי איז אזוי וויכטיג אין א ריין פראקטישער הינזיכט, אז זי נויטיגט זיך אין א באזונדערער אפּהאנדלונג. די געגענזאצען — אינדיווידו און געזעלשאפט, פראגרעס און גע־רעכטיגקייט, פרייהייט און דעטערמיניזם האָבען זיך געאייניגט דורך מארקס'ס מאכטיגען געדאנק. אָבער זייענדיג פארנומען מיט דער קאָכעדיגער פּובליציסטישער טעטיגקייט און מיט דער גרויסער אויפגאבע טיף צו אנאליזירען די הערשענדע ערשיינונ־גען און טענדענצען פון דער עפּאָכע, וואָס מיר לעבען איבער, האָט מארקס נאָר געוואָרפען א ליכט־שטראהל אויף דעם גאנצען געביעט פון דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע, ער האָט זיך איננאנצען קאָנצענטרירט אויף דער ריעזיגער ארבייט פון זיין געניאלען ווערק — „דאס קאפיטאל“. די דאָזיגע ארבייט ניט א פעלזען־פעסטען יסוד צום וויסענשאפטליכען סאָציאליזם. דער פּלאַן פון דעם בנין גופא איז אָנגעוואָרפען געוואָרען מיט דער האנד פון א גרויסען לעהרער. די תלמידים מוזען פלייסיג און פאר־שענד בעארבייטען אלע טיילען פון דעם הארמאָנישען גאנצען,

וואָס בויט זיך נאָך. און זאָל די אמת'ע ליעבע צו מארקס'ן, די באגייסטערטע פארוואונדערונג פאר זיין זשעני ניט שטערען דעם וואוקס פון זיין זאך. עס קאָן ניט פארגליווערט ווערען אין א דאָגמע די לעצטע גרויסע רעליגיע, וואָס א איד־א ריעז האָט גע־שאַנקען דעם פראָלעטאריאט און דער מענשהייט.

פינפטער קאפיטעל.

וועגען דער ענטוויקלונג פון דער אידישער רעלי־גיעזיטעט.

עס ווערט אלגעמיין אנערקאנט, אז אין זין פון רעליגיע זיינען אידען געוועזען דאס באגאבטסטע פאלק. פאר אונז באדייט עס: א פאלק מיט דעם שטארקסטען לעבענס אינסטינקט. די שווערע באדינגונגען אין וועלכע דאס אידישע פאלק איז אוועק־געשטעלט געווארען, האבען עס געצוואונגען, כדי צו ערהאלטען זיין עקזיסטענץ און זעלבסטבאוואוסטזיין, זיך אריינצולאזען אין אייגענארטיגע ספעקולאציעס, אבצוטיילען זיין לעבען פון זיך, אוועקצושיקען עס אויף די הימלען און דארט דערהויבען עס אין מאסשטאב פון זיין דערנידערונג אויף דער ערד, איטליכעס מאל נעמענדיג די שולד אויף זיך און ניט באשולדיגענדיג זיין גאט, אט דאס געזעץ פון די צוקינפטיגע, בעסערע טעג.

אזוי ווי דאס אידישע פאליטישע און אויסערליך־קולטורעלע לעבען איז געוועזען צודריקט צוליעב די שכנות פון די גרוים־מעכטע ערֹאבערער, איז דערפאר די אינטעלעקטועלע, מאראלישע פיה־רונג אריבערגעגאנגען צו די רעוואלוציאנערע אדער האלב־רע־וואלוציאנערע פארשטעהער, און די דאזיגע פיהרונג האט גע־קעמפט מיט דער קולטור פון א קליין בירגערליכען המון. דער חטא, וואס האט אומגעבראכט דאס אידישע פאלק איז אומשטריי־טיג אנערקאנט געווארן אין די פארזוכען פון דער אריסטאקראטיע צו געהן אויפ'ן וועג פון דער וועלטליכער קולטור, וואס איז פאר יענער צייט געוועזען אומצורייסבאר פארבונדען מיט זאמלען עשירות אויף א רויבערשען אופן און מיט עקספלואטאציע. אויב

גאָט ווען עס איז מוחל זיין זיין פאָלק, איז דאָס סיידען פאר די פארדינסטען פון דעם אָרימאן, דעם געדולדיגען און טרייען קנעכט.

דאָס אידענטום האָט ניט נאָר באשאפען פון זיין לעבענס־אינסטינקט א גאָטהייט, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט געהערט געוואָרען לויט איהר מאכטיגקייט, ניט נאָר האָט דאָס אידענטום זיין לעבענס אינסטינקט פארוואנדעלט אין א גאָט, וואָס שטראָפט פאר זינד און קאָן אָבער אויך מוחל זיין און טרייסטען דעם אָרימאן, די שולדיגע מענשהייט, — נאָר עס האָט איהם אויך צוגעגעבען שטריכען פון אַנ׳אנהענגער פון דעמאָקראטיע, פון אָרימקייט. דאָס אלעס האָט געמאכט פון יעהאָווא א אידעאלען גאָט פון דעם ליידענדען „המון" פון דער גאנצער וועלט. און אזוי איז ער אויך געוואָרען נאָך דער קריסטליכער היידעניזירונג, נאָך דער קריסטיליכער צופאסונג פון דעם אידענטום צו די באגריפען און געפיהלען פון דער גריכיש־רומישער וועלט. און דער המון האָט זיך ארויסגעוויזען געגנוג שטארק, כדי ארויפצו־צווינגען זיין רעליגיע אויף די הארען. און די הארען, אַ וועה, זיך אָנשטויסענדיג אויף די פריסטער פון דער נייער רעליגיע, האָבען זיך ארויסגעוויזען געגנוג שטארק, כדי פון איהר אויסצו־פלעכטען א נייע שטריק פאר דעם אָרימאן. וואלטהאָט ווערט א פלאָג. אָט די גאנצע געשיכטע שטעלט פאר דעם טיפסטען היס־טאָרישען און רעליגיעזען אינטערעס.

שוין דאָס, וואָס איינע טרעטען ארויס מיט לויב און אנ־דערע מיט זידלעריי קעגען דעם באשאף פון די גרויסע נביאים, באווייזט זיין קולטורעלע וויכטיגקייט.

דארמשטעטער, כאראקטעריזירענדיג דעם יודאיזם, זאָגט:

„זיי (די נביאים) האָבען פראקלאמירט ר ע כ ט פאר מאכט, זיי האָבען געמאכט די אידעע פאר א פאקט קעגען וועל־כען עס טרעטען אפ אלע אנדערע פאקטען. זיי האָבען פאר אלע־מען געפונען רחמנות צו אלע אונטערדריקטע, נקמה קעגען אלע אונטערדריקער, פרידען פאר אלע פעלקער. מיט׳ן כח פון זייער

אמונה אין גערעכטיגקייט האָבען זיי זיך פאַרפלאַנצט אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.״

אין אַנ׳אַנדער שטעל דריקט ער זיך אויס נאָך מיט מעהר באגייסטערונג:

„זיי (די נביאים) האָבען געלערנט צו לעבען ניט אפּעלי־רענדיג צו די האָפנונגען אויפ׳ן גן עדן. זיי האָבען געלערנט, אז אָהן א אידעאל הענגט דאָס צוקינפטיגע פאַר׳ן פאָלק, ווי א א שמאַטע, און אז דער דאָזיגער אידעאל איז ניט עראָבערונג, ניט מאַכטיגקייט, נאָר די דערהויבענקייט פון דער נשמה און דער ביישפּיעל פון די בעסטע זיטען און געזעצען. צווישען שטורעמס און שרעקען פון דער גענאַנטוואַרט האָבען זיי אויסגעמאָלט אויפ׳ן הימעל א רעגענבויגען פון א ריעזיגער האָפנונג, א שטראַהלענדע זעהונג פון א בעסערער מענשהייט, וואָס איז פריי פון שלעכטס און פון א פריהצייטיגען טויט, וואָס ווייס ניט פון מלחמות און אונטערדריקונגען: דעמאָלט וועט די געטליכע וויסענשאַפט פול מאַכען די וועלט, ווי וואַסערען, וואָס מאַכען פול דעם ים. דאָס איז א חלום, וואָס איז איצט געוואָרען דער חלום פון א סך גע־לעהרטע.״

פון דער צווייטער זייט שטורעמט ניטשע קעגען אידען: „כדי צו זאָגען „ניין״ אויף אלץ וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אויף דער ערד די אויפגעהענדע באַוועגונג פון לעבען, ערפאָלג, מאַכט, שעהנקייט, זעלבסטבאַהויפּטונג, האָט דאָ דער זשעני גע־וואָרענער אינסטינקט פון טיף באַליידיגטען געפיהל פאַר אומ־רעכט זיך געמוזט אויסטראַכטען אַ נ ד ע ר וועלט, פון וואַנען די דאָזיגע לעבענס באַהויפּטונג זאָל זיך פאַר אונז באַ־ווייזען פאַר שלעכטס, פאַר ניט פאַרטיילהאַפט אליין פאַר זיך. נאָכ׳ן פּסיכאָלאָגישען סך הכל זיינען אידען א פאָלק, וואָס באַ־זיצט די העכסטע לעבענס קראַפט, וואָס, זייענדיג אוועקגעשטעלט אין אומעגליכע באַדינגונגען, שטעלט זיך פרייוויליג, אויס דער טיפסטער איינזיכט פון זעלבסטערהאַלטונג, אויף דער זייט פון אלע אינסטינקטען פון ירידה, פון פאַלען, — ניט אלס א פאָלק,

וואָס איז אונטערגעווארפען אונטער די דאָזיגע אינסטינקטען, נאָר דערפאר וואָס אין זיי האָט עס זיך פארגעשטעלט מאכט, מיט דער הילף פון וועלכער מ'קאָן זיך באַשיצען קעגען דער "וועלט".

ביידע כאראקטעריסטיקען זיינען טיילווייז ריכטיג, טייל־ווייז ניט. די אידישע נביאים האָבען ווירקליך מיט א אומפאר־גלייכליכער קראפט אַרויסגעשטעלט דעם אידעאַל פון גערעכטיגקייט, אָבער דער אידעאל פון גערעכטיגקייט איז אין אמת'ן קיינמאָל ניט געווען „א פאקט, וואָס פאר איהם טרעטען אפּ אלע אנדערע פאקטען", ניט בכלל א קראפט: ער איז געווען נאָר א פאָהן, א אידעאָלאָגיע פון א באשטימטער קראפט, נאָר פון אונטער־דריטקע, אָדער פון די וואָס האָבען זיך געפיהלט אלס אונטער־דריקטע קלאסען. און דערביי נאָר פון די קליינבאַזיצער, מחמת די נביאים האָבען אויסגעדריקט דערהויפּט זייערע אינטערעסען; צום קאָמוניזם, וואָס צו איהם נויגען זיך נאַטירליך די אומפאר־מעגליכע, — זיינען זיי ניט דערגאנגען. די נביאים האָבען צו־געשטעלט לאָזונגען און א גלויבען אין שטיצען א גאָט פאר די קליין־בורזשואזע רעוואָלוציאָנערען. גערעכטיגקייט איז געווען א קראפט, אויף וויפיעל די קליינבאַזיצער זיינען מיט איהר גע־וואָרען. זי האָט זיי געוויס געהאָלפען, ווי עס העלפט יעדע פאר־טיגע, שעהן אויסגעאַרבייטע, און דערצו נאָך פון דורות פארהיי־ליגטע אידעאלאָגיע.

די אידעאָלאָגיע פון די נביאים איז באַשטאַנען אין דער באַ־הויפּטונג, אז עס עקזיסטירט א גאָט־גערעכטיגקייט, ער איז אויך א גאָט־אלמאַכטיגקייט, וואָס שענקט אומבאדינגט מענשען א פאָלשטענדיג ערדיש גליק, ווען זיי וועלען לעבען נאָכ'ן אמת, ס'הייסט אויף די יסודות פון פאָליטישער גלייכהייט און פון גלייכהייט אין באזיץ פון אייגענטום. אָבער גערעכט איז אויך ניטשע, באַצייכענענדיג דעם אנטי־פראָגרעסיווען כאראקטער פון נביאות זאָגען. פ ר אָ ג ר ע ס י ו ו פון א דעמאָקראטישען שטאנדפונקט, איז עס געווען ר ע א ק צ י אָ נ ע ר פון א עקאָ־נאָמישען שטאַנדפונקט, פאָלגליך אויך פון א קולטורעלען. אָבער

אַזוי איז שוין די לאַגע פון קליינבאַזיצער, און פאַר אַ מאַרקסיסט איז אין דעם דאָזיגען פאַקט קיין אומערוואַרטעס ניטאָ.

די פעריאָדע פאַר די נביאים.

די ענטשטעהונג פון יעהאָוויזם.

די אָרטאָדאָקסאַלע ביבעל־ערקלערער האָבען אָנגענומען פאַר אַ ריכטיגע מטבע די פרומע פאַלשונגען פון די שפּעטערדיגע דעמאָקראַטען און כהנים. און דאָס איז זיי צונוץ געקומען. די רעליגיע פון די אידען איז נאָך זייער מיינונג אַרויסגעקומען אַ פאַרטיגע פון גאָט'ס הענד און דורך משה'ס פאַרמיטלונג איז זי אין אַ פאַרענדיגטער פאָרמע געגעבען געוואָרען צום פאָלק ישראל. נאָך מעהר, זי איז נאָר געוועזען אַ באַנייאונג פון דעם שטופּענגאַנג פון מאָנאָטעאיזם, וואָס ציהט זיך פון אדם הראשון אָן.

דאָס איז אָבער דורכאויס ניט אמת. דאָס, וואָס רופט זיך „חמשה חומשי תורה" (דאָס פינפבוך פון משה'ן), איז באַשאַפען געוואָרען פון די נביאים און זייערע אָנהענגער און איז באַפעסטיגט געוואָרען (ניט אָהן ענדערונגען) פון די כהנים פון נחמיה'ס צייטען און פון די שפּעטערדיגע עפּאָכען. דער ערשטער ספר פון דער תורה איז געוועזען יענער ספר, וואָס טראָגט היינט דעם נאָמען משנה תורה (ספר דברים), אַ נאָמען וואָס ווידערשפּרעכט דעם אמת; דער גרונד געזעצגעבענדער טייל אין איהם איז געוועזען די אמת'ע משנה תורה אויף אַ גרויסע העלפט.

די אידישע רעליגיעזיטעט האָט זיך ענטוויקעלט טריט נאָך טריט, און די געשיכטע פון איהר ענטוויקלונג איז זעהר אינטערעסאַנט.

מיר האָבען שוין געדערט אין פאָריגען קאַפּיטעל וועגען דער ענטשטעהונג פון יעהאָוואַ, זי איז אַביסעל טונקעל. אומצווייפעלהאַפט איז נאָר דאָס, אַז די אידען זיינען פון אָנהויב געוועזען פּאַנדעמאָניסטען, אַז זיי האָבען געגלויבט אין אַ געהיימניספולער וועלט

פון גייסטער, וואָס האָבען אמאָל זיך צונויפגעגאָסען אין איין ים, און אמאָל זיינען זיי צושלאָגען געוואָרען אויף פאראיבערגעהענדע און ניט קלאָר אָפּגעצייכענטע כוואַליעס פון אינדיווידואַליטעטען. אזוי ווי יעדער אָרט, וואָס איז מיט עפּעס־וואָס געווען מערקווירדיג, האָט געהאט זיין גאָט (אל), האט דער טריבער און הערליכער בארג סיני מיט זיין שפּיץ איינגעהילט אין וואָלקענס, וואָס האָט אמאָל געדונערט און געבליצט, — נאַטירליך זיך גערעכענט פאר דעם אָרט, וואו עס האלט זיך אויף דער גרויסער אל (גאָט) אָדער אלהים (דער מעהרצאָהל פון אל), וועלכען דער קליינער אָבער ענערגישער שבט, וואָס האָט באוואָהנט יענעם אָרט — די קעניטען — האָט אָנגערופען „יאהו" אָדער „יאווע". דער דאָזיגער נאָמען איז געווען אזוי אומבאשטימט, ווי די געשטאַלט פון אלהים (פון דער גייסטיגער סטיכיע, פון דער גאָטהייט).

אָט דעם דאָזיגען רונערענדען „יאווע" האָט מען געמאכט פאר אן עדות און פאר א היטער פון זיין אָפּמאַך מיט די צוועלף פאר־וואנדטע שבטים, וואָס האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין א פאָלק. ס'איז פאַרגעקומען פונקט דאָס זעלביגע, וואָס מיר זעהען אין רוים, וואו די צונויפגיסונג פון דעם שבט מאַרס מיט'ן שבט קווירין איז פאַראָנגרעקט געוואָרען אין דער דערהויבונג פון דעם גאָט פון באַ־שוורונגען, דעם גאָט וואָס זיצט אין־רער־הויך, אויף די בערג, וואָס זעהט פון דאָרט אלעס, און פון יופּיטער'ן וואָס דערשלאָגט פאר־ברעכער מיט א בליץ.

ס'איז גאנץ מעגליך, אז דאָס באוואוסטזיין פון זיין איינ־הייט און צוזאמען מיט דעם די אָנערקענונג פון „יאווע" פאר דעם גאָט פון דער אויסגעפורעמטער קליינער נאַציאָנאַליטעט, איז צוזאמענגעפאלען מיט'ן קאמף פון די שבטים פאר דער באפריי־אונג פון דער עגיפּטישער אפּהענגיגקייט. ס'איז מעגליך, אז דער געניאלער פיהרער — משה און זיין שבט — די לוים — האָבען באזונדערס פיעל געארבייט פאר אָט דער פאראייניגונג און זיי זיי־נען געווען באזונדערע אָנהענגער פון דעם נייעם גאָט, פון דעם גאָט פון איינהייט.

נאָר די אַלטע גאָטהייטען פון די משפחות און שבטים — די קאַלב, דער שלאַנג און אַנדערע, האָבען לאַנג קאָנקורירט מיט יעהאָוואַ'ן. די כהנים־טרעפער מיט זייער אינסטרומענט אויף צו טרעפען — דער אורים ותומים, און די קליינע געטשען — עפאָדען, — דאָס אַליז האָט געטיילט די פערעהרונג פון פאָלק מיט יעהאָוואַ'ן. די זיעגען פון יעהאָוואַ זיינען געווען די זיעגען פון דעם איינהייט'ס געפיהל איבער'ן סעפּאַראַטיזם. נאָר דאָס דאָזיגע געפיהל זיעגט אין געפאַהרען, אין צייט פון אַ קריעג'ס שטורעם. אָט פאַר וואָס די ריכטער, די מיליטערישע פיהרער, וואָס האָבען צונויפגענומען די מיליטערישע קרעפטען פון דעם גאַנצען שבט, כדי אָפּצושלאָגען דעם שטאַרקען שונא, די דאָזיגע אידישע דיקטאַטאָרען— זיינען אַלע מאָל געווען אַנהענגער פון יעהאָוואַ.

אין דער צייט פון די לאַנגע מלחמות, וואָס זיינען אַרויסגעקומען צוליב דעם באַגעהר פון דעם ביז איצט נאָמאַדען־פאָלק צו באַהערשען די ערד און די שטעדט פון די כנענים, האָט דער פּרעסטיזש פון יעהאָוואַ שטאַרק זיך אויפגעהויבען. זיינע הייליגע מלחמות זיינען געווען זיעגרייך. ער האָט זיך באמת אַרויסגעוויזען פאַר אַ גאָט־צבאות, פאַר אַ גאָט פון קריעג. ער איז געווען ניט נאָר דער יופּיטער, נאָר אויך דער אַרעס פון די אידען.

די עראָבערונג פון לאַנד האָט פונדעסטוועגען ניט געמאַכט קיין סוף צו בלוט־פאַרגיסונגען. די פאַרנאַנדערגעשיידטע שבטים, וואָס האָבען זיך פאַרזאַמעלט נאָר אַרום די דיקטאַטאָרען, האָבען דערפיהלט די נויטיגקייט אין אַ שטאַרקערער איינהייט, זיי האָט זיך פאַרוואַלט אַ אינסטיטוט פון קעניגע, ווי זייערע איינגעזעסענע שכנים האָבען געהאַט.

דאָ הויבען זיך אָן ווידערשפּרוכען. שמואל, אַ איבערצייגטער און געניאַלער יעהאָוויסט, ס'הייסט אַ נאַציאָנאַליסט, גיט אַליין דעם פאָלק דעם יונגענמאַן שאול'ן אַלס קעניג. אין דער איינענער צייט, ער אַליין, ווי עס ווערט שפּעטער איבערגעגעבען, שטורעמט די קעניגליכע מאַכט און מאַלט פאַר'ן פאָלק אַלע אומגליקען, וואָס אַזאַ מאַכט ברענגט מיט זיך.

האָט שוין דעמאָלט די יעהאָוויסטישע פּארטיי זיך אנער־קאנט ניט נאָר פאר א נאציאָנאלע, נאָר אויך פאר א דעמאָקרא־טישע? אָדער שמואל'ס סאטירע אויפ'ן קעניג, ווי א קוואל פון אומגערעכטיגקייטען און געוואלטטעטיגקייט, איז ענטשטאנען פיעל שפּעטער? אלענפאלס איז דער ברוך צווישען דעם יעהאָ־וויסטישען נאציאָנאליזם און דעם קעניגליכען נאציאָנאליזם גיך אונטערגעקומען.

אנדערש האָט ניט געקאָנט זיין. די קעניגע האָבען געמוזט זאָרגען וועגען שטענדיגע חילות, פאָלגליך נעמען שטייערען. זיי האָבען זיך ארומגערינגעלט מיט אן אריסטאָקראטיע, צוליב זייער זשעדנעקייט און דער פּראכט פון זייערע מקורבים האָבען די באַ־רויבט דאָס פאָלק. די קולטורעלקייט פון זייער אומגעבונג, די גוויטיגע פּאָליטישע פארבינדונגען און די פּאָליטישע הייראטען האבען געפיהרט דערצו, אז עס זיינען אריינגעדרונגען אויסלענ־דישע, נאטוראליסטישע גאטהייטען.

די יעהאָוויסטען פּראטעסטירען קעגען דער אריינדרינגונג פון נייע זיטען, וואָס זיינען צושטערענד פאר דער אלטער אינ־דיווידואליסטישער דעמאָקראטיע. דער אויסלענדישער קולט און די רויבעריי פון די שטארקע האָט זיך גרינג און נאטירליך צו־נויפגעגאסען אין זייער פארשטעלונג. דאָס און יענעם זיינען גע־ווען עלעמענטען פון האנדעל־און געווערב־קולטור און פון דער מי־ליטעריש־מלוכה קולטור.

אין דער צייט פון דוד המלך האָבען פארשיידענע מיליטע־רישע ערפאָלגען און דאָס באצווינגען פון ירושלים פון איין זייט, און דער יראת הכבוד פאר יעהאָוואַ מצד אַט דעם אין איין צייט סענטימענטאלען און גרויזאמען, באגייסטערטען און בלוטדורש־טיגען קעניג'ל — פון דער צווייטער זייט, דאָך צוגעדעקט דעם אפגרונד פון קלאסענקאמף.

דער וועלטליכער און געצענדינערשער כאראקטער פון דער מלוכה איז אינגאנצען ארויסגעטראָטען פאר שלמה המלך. זיינע הונדערטער ווייבער, פאלאצען און גערטנער, חילות, רייטוועגען,

שיפען, האנדעל און קאָלאָניעס, פּראכט און אפילו התחלות פון זינליכער פּאָעזיע, נאטורוויסענשאפט און וועלטליכער מאראלי־שער פילאָסאָפיע, פון דער צווייטער זייט אן אפענער קולט צו דער אסטארטא — דער געטין פון ליעבע — האָבען ארויסגערופען ענטריסטונג ביי די קאָנסערוואטיווע נאציאָנאל־דעמאָקראטען יע־האָוויסטען. זיי זיינען אָבער געווען געצוואונגען צו שווייגען כל זמן ער האָט געקיניגט.

נאָך זיין טויט האָט זיך דער קלאסענקאמף צופלאקערט.

דער קלאסענקאמף.

רענאַן מאָלט די קולטור פון שלמה המלך׳ס צייט מיט אזעל־כע פארבען: „זיינע פארביגדונגען און זיין רעליגיעזע טאָלע־ראנץ, זיין פּראכטפולער פּאלאַץ מיט זיעבען הונדערט קעניגינען און דריי הונדערט קעבסווייבער, די ארדענונג און די שעהנקייט פון זיין הויף, די ערפאלגען פון האנדעל און געווערב אין זיין צייט, האָבען געוועקט אין די נשמות א געשמאק צו וואָלשטאנד און לעבען׳ס פרייד, צו וועלכע דאָס אידיש פאָלק האָט זיך גערן איבערגעגעבען איטליכס מאָל, בעת עס האָט ניט געפיהלט די שפּאָרען פון ליידען. שיר השירים איז — א באצויבערענדיגע אפשפיגלונג פון א לוסטיג, גליקליך, זינליך לעבען פון אידישען פּאָלק אין די מאָמענטען פון זיין רעליגיעזער זעלבסטפארגע־סענהייט.” אין קאמף פון די קעניגע און די נביאים שטעלט זיך רענאן אין פיעלעס אויף דער זייט פון די ערשטע. „פון איין זייט, זאָגט ער, די ברייטקייט פון שכל, וואָס שטרעבט צו באַ־גרייפען די וועלט, נאָכצוטאָן אנדערע פעלקער, ארויסצוגעהן פון די שמאָלע רעהמלאך; פון דער צווייטער זייט — דער קאָנסער־וואטיווער געדאנק, נאָר מיט וועלכען עס איז געווען פארבונדען דאָס גליק פון דער מענשהייט, ניט קוקענדיג אויף זיין ענגקייט.” יאָ, וואָלט „די ברייטע קולטור” געזיעגט — און דאָס אידישע פאָקל וואָלט געווען איינס פון פיעלע סעמיטישע קולטורעלע פעל־

קערלאך. אָבער די קולטור איז צודריקט געווארען. דאָס האָט געגעבען א זיעג די רעוואָלוציאָנער רעאקציאָנערע עלעמענטען פון פאָלק.

מיט האס טריפט די באשרייבונג פון דער קולטור ביי דעם נביא עמוס: „איהר, וועלכע האלטען דעם טאָג פון אומגליק פאר וויט און דערנעהענטערען דעם טריאומף פון גוואלטהאט, איהר, וועלכע ליעגען אויף געלעגער פון העלפאנד ביין און צערטלען זיך אויף די בעטען, וואָס עסען די בעסטע שאָף און רינדער, וואָס שפילען אויף דער הארף, מיינענדיג, אז איהר באזיצט דעם מוזיקאלישען אינסטרומענט, ווי דוד, וואָס טרינקען וויין פון בעכערס, שמירען זיך מיט די בעסטע אוילען און קרענקען ניט וועגען יוסף'ס בראָך" *)

די נביאים זיינען געווען ר ע וו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ן, ווייל זיי האָבען געקעמפט פאר'ן אונטערדריקטען פאָלק און האָבען געשטרעבט צו א סאָציאלער איבערקעהרעניש אין גייסט פון גלייכהייט. זיי זיינען געווען ר ע וו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ן, ווייל זיי האָבען געזעהן דעם אידעאל הינטער זיך, אין דער איינפאכקייט פון די זיטען און פאטריארכאלער גלייכהייט פון דער עפּאָכע, בעת דאָס פאָלק איז באשטאנען פון פאסטוכער; און זיי האָבען געקעמפט מיט'ן עקאָנאָמישען פראגרעס, וואָס איז געגאנגען דורך דער קאָנצענטראציע פון ערד און קאפיטאל.

די אזוי גערופענע רעכאביטען, וואָס האָבען גארניט געוואָלט נאָכגעבען, האָבען אפילו ניט געוואָלט זיך באזעצען אין הייזער און האָבען געפּיהלט אן עקעל צו וויינטרויבען און וויין, זיי האָבען נאָך אלץ געלעבט אין ביידלעך, פלעגען מעלקען און

*) המנדים ליום רעה ותגשון שבת חמס: השכבים על מטות שן וסרחים על ערשתם ואכלים כרים מצאן ועגלים מתוך מרבק: הפרטים על פי הנבל כדוד חשבו להם כלי שיר: השתים במזרק, יין וראשית שמנים ימשחו ולא נחלו על שבר יוסף. (עמוס ו'.)

שערען די בהמות. די דאָזיגע אומגעהויבעלטע פּאַסטוכער זיינען געוועזן די שטיצע פון די נביאים.

שלמה'ס הערשאַפט איז געפאַלען. די איבער־הערשאַפט פון שבט יהודה איז געשטירצט געוואָרען. די שבטים האָבען זיך פאַראייניגט אַרום שבט אפרים און האָבען געבילדעט אַ נייע מלוכה — ישראל, אין אונטערשיידונג פון יהודה. נאָך די דינאַס־טיע פון דעם אַרבייטער, פון דעם מויערער ירבעם, איז געגאַנגען אין שלמה'ס גלענצענדען וועג. דער קאַמף האָט גענומען קאָכען אין ביידע העלפטען.

אין דער צייט פון דעם טאַלאַנטפולען קעניג אחאב, וואָס איז געווען אונטער אַ שטאַרקען איינפלוס פון די פיניצער, באַ־וויזט זיך דער ערשטער גרויסער נביא, אליהו. פון דער וויס־טענים, וואו ער לעבט אַ האַלב־נאַקעטער, אַ גרויסער און מורא'דיגער נעהט דער דאָזיגער פּאָעט און פּאָלקס רעדנער אין דער הויפּט שטאָדט פון די קעניגע. ער מאַכט חוזק פון דעם קעניג'ס פּריסטער, ער זידעלט זיין ווייב, ער שרעקט איהם אַליין. אָנפאַלענדיג מיט גאָר דער קראַפט פון זיין מעכטיגען רעדנער־טאַלענט אויף אַלץ וואָס איז אויסלענדיש, באַצייכענט ער קלאָר דעם סאָציאַלען כאַראַקטער פון זיין מוסר זאָגען. דערביישפּיעל מיט נבות וויינגאָרטען איז טיפּיש פאַר זיין קאַמף געגען דעם, אַז די זאָלען רייך ווערען און יענע זאָלען רואינירט ווערען, קעגען קאָנצענטראַציע פון רייכקייט, באַזונדערס פון ערד.

דער קעניג אחאב שרעקט זיך פאַר דעם מורא'דיגען זקן. אין די מינוטען פון כעס בעט ער איהם נאָר, ער זאָל אוועקגעהן פון זיינע אויגען, כדי עס זאָל ניט פּאַרקומען עפּעס־וואָס שלעכטעס.

נאָך אליהו'ס תלמיד אלישע, ניט זייענדיג אַזוי גרויס ווי זיין רבי אַלס רעדנער, איז געווען האַרטער און פּראַקטישער פון איהם.

ניט אומזיסט האָט ער געגעבען אַ בערין אויפעסען אפילו קינדער, וואָס האָבען נאַאיוו אָפּגעלאַכט פון זיין פּליך. צוזאַ־מען מיט די רעכאַביטען, מיט די איבערצייגטע יעהאָוויסטען

יהוא און יהונדב, האָט ער געמאַכט אַ בלוטיגע איבערקערעניס, אַ באַוועפּענטען אויפשטאַנד פון די אייפעריגע באַשיצער פון די אַלטע טראַדיציעס און פון די רעכטען פון דעם פאַרגליווערטען אָבער פרייהייט ליעבענדען בויערנשטאַנד. עמרי'ס דינאַסטיע איז געווען פאַרניכטעט. די שעהנע און שטאָלצע איזבל איז אומגעקומען און איהר קערפּער האָט מען ארויסגעוואָרפען פאַר הינד.

אָבער אַלע שרעקען פון דער אָריענטאַלישער רעוואָלוציע האָבען צו קיין זאַך ניט געבראַכט. צולאָזענקייט, געצענדיענסט און קאָנצענטראַציע פון עשירות אויפ'ן חשבון פון די רואינירטע אָרימעלייט זיינען אנגעגאַנגען אויפ'ן אַלטען שטייגער. קעמפען מיט'ן שווערד מיט דעם פּאַטאַלען קולטור־פּראָצעס איז געווען קענטיג איבער'ן כח. די אידישע מלוכה האָט ארומגעבלאָנקעט און געקאָכט מיט ליידענשאַפטען, מיט ליידען און אידעען. די מאַכט האָט ניט געקאָנט זיך איינשטעלען פעסט. אין לאַנד בכלל האָט געהערשט אַנאַרכיע. פון דרויסען האָט דער שרעקליכער אשור שוין געדראָהעט מיט זיין קורצען קרומען שווערד. צולאָזענקייט אין די אויבערשטע פון דער געזעלשאַפט, נויט צווישען די נידעריגע פאָלקס־שיכטען, אומעטום די הערשאַפט פון נאַרישער אבערגלויבעריי, פון אפיציעלען קולט צו אויסלענדישע געטער, וואָס האָט אַנגעוויזען אויפ'ן טריאומף פון דער פיניצישער קולטור אונטער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע טענדענצען, — אָט דאָס איז די אומגעבונג, ביי וועלכער ס'האָט אנגעהויבען פּריידיגען דער ערשטער אמת'ער נביא, — דער ערשטער און מעכטיגער פּאָליטישער שריפטשטעלער פון אידישען פאָלק — עמוס.

ער איז געווען אַ טעאָקישער פּאַסטוך, ס'הייסט איינער פון די איבערצייגטע לויט זיין אַרט לעבען עקאָנאָמישע רעאַקציאָנערען. רייכקייט און מאַכט — זיינען זיינע שונאים. ער קוקט אויף זיי מיט גיפטיגער פאַראַכטונג, ער ברענט זיי מיט האַס. אינ'ם קולט פון יעהאָווא זעהט ער די איינציגע ישועה פאַר זיין

ליידענשאפטליך געליעבט פאָלק. יעהאָוואַ — איז דער גאָט פון די אָרימע, דער גאָט פון גערעכטיגקייט, דערין איז זיין גאנצער תוך.

„הערט דאָס אויס, איהר, וועלכע דאָרשטען איינצושלינגען דעם אָרימאַן און אומצוברענגען די אָרימע, — איהר, וואָס זאָגען: ווען וועט שוין אוועק דער חודש, כדי מיר זאָלען פארקויפען תבואה, און דער שבת, כדי צו עפענען די שפייכלערס, צו פארקלענערען די מאָס, צו הויבען דעם פרייז און אבצונאַרען מיט פאַלשע געוויכט, צו קויפען די ארימע לייט פאר זילבער און דעם אביון פאר א פאָר שיך, און די אבפאָל פון די תבואה צו פארקויפען. גאָט האָט געשוואָרען מיט יעקב׳ס כבוד — ער וועט אויף אייביג ניט פארגעסען זייערע טאטען *).

פאַר די אלע זינד וועט דער גאָט פון גערעכטיגקייט שטראָפען די אידישע אריסטאָקראטיע מיט דעם, וואָס ער וועט צושטערען איהר קולטור און איהר הערשאפט. דערמיט שרעקט עמוס אויך די מעכטיגע שטאָלצע און רויבערשע שכנים. איבער דער גאַנצער וועלט פון דעם אריסטאָקראטישען מיליטאריזם שטורעמט די באַליידיגטע גערעכטיגקייט. „און זיי וועלען צוהאַקען איינער דעם צווייטען מיט שווערדען".

„איהר שונאים פון דעם גערעכטען", שרייט עמוס צו די ריכטער, „לאָזט זיך אונטערקויפען און פארקרימט אין די געריכט הייזער די משפטים פון די ארימע. זוכט גוטס, און ניט שלעכטס, כדי איהר זאָלט לעבען, און דעמאָלט וועט גאָט־צבאות זיין מיט אייך, ווי איהר האָט געזאגט. האָט פיינד שלעכטס און האָט ליעב גוטס און פיהרט איין ביים טויער א גערעכטען משפט אפשר וועט גאָט־צבאות באגנאדיגען די איבערגעבליבענע פון יוסף׳ן."

*) שמעו זאת השאפים אביון ולשבית ענוי ארץ: לאמר מתי יעבור החדש ונשבירה שבר והשבת ונפתחה בר להקטין איפה ולהגדיל שקל ולעות מאזני מרמה: לקנות בכסף דלים ואביון בעבור נעלים ומפל בר נשביר: נשבע יהוה בגאון יעקב אם אשכח לנצח כל מעשיהם. (עמוס ח׳.)

און צולעצט אין הערליכע ווערטער צייכענט ער אָן זיין דע־מאָקראטישע רעליגיע, ער דריקט אוים די נשמה גופא פון זיין יעהאָווא, אויסשרייענדיג: „אויב איהר וועט מיר ברענגען קרבנות און מתנות וועל איך זיי ניט אנעהמען און וועל ניט א קוק טאָן אויף זיי. הערווייטער פון מיר דעם גערויש פון דיינע געזאנגען, דען איך וועל ניט הערען די קלאנגען פון דיינע הארפען, זאָל ווי וואסער פלייצען דער משפט, און די גערעכטיגקייט, ווי א שטארקער שטראָם.“

נאָר דער דאָזיגער גרויסער פּאָעט, וואָס „ברומט ווי א לייב“, האָט שוין ניט גערופען די רעכטפּארטיגע צו אקטיוויטעט, נאָר צו האָבען געדולד. די זינדיגע וועלען מיט גאָט׳ס ווילען אויסגעראמט ווערען פון שווערד, דאָס פאָלק וועט זיך אברייני־גען, פארלירענדיג זיינע שטאָלצע און אומגערעכטע הערשער, און דעמאָלסט וועלען אָנקומען בעסערע צייטען.

דער נביא הושע, וואָס האָט געלעבט כמעט אין איין צייט מיט עמוס׳ן, מאָלט מיט העלע פארבען די פּראכט פון א שטאר־קען בונד מיט גאָט: „אין יענעם טאָג וועל איך פאר זיי שליסען א בונד מיט די חיות פון פעלד און מיט די פויגלען פון הימעל און די קריכענדיגע אויף דער ערד. בויגען, שווערד און מלחמה וועל איך אויסברענגען פון דער וועלט און זיי וועלען לעבען זיכער. און איך וועל דיר פאר׳קנס׳ן אויף אייביג, איך וועל דיר פאר׳קנס׳ן אין גערעכטיגקייט, אין משפט, אין גנאד און בארעמ־הארציגקייט. און איך וועל דיר פאר׳קנס׳ן אין טרייהייט און דו וועסט ערקאָנען גאָט. און אין יענעם טאָג, וועל איך ענטפערען זאָגט גאָט, איך וועל ענטפערען דעם הימעל און דער הימעל וועט ענטפערען די ערד, און די ערד וועט ענטפערען די תבואה און דעם וויין און די אוילבערטען און זיי וועלען ענטפערען ישראל׳ן.“

און אזעלכע צייטען זיינען שוין געוועזן. דאָס פאָלק האָט ליעב געהאט יעהאָווא׳ן, און ער האָט דאָס פאָלק ארויסגעפיהרט פון מצרים און איהם געגעבען דאָס לאנד כנען. ניטאָ קיין רע־

טונג אויסער יעהאָווא — דער גאָט פון די רעכפּאַרטיגע, ס'הייסט פון די אָנהענגער פון גלייכהייט בנוגע צו קיין אייגענטום. איצט איז ניט דאָס. „גאָט איז אין קריעג מיט די איינוואהנער פון דער דאָזיגער ערד, דען עס איז ניטאָ קיין אמת, קיין חסד און קיין גאָט־ערקענטנים אויף דער ערד. שבועות און פאַלשקייט, רציחה, גנבה און זנות האָבען זיך פאַרשפּרייט און בלוטפאַרגיסונג נאָך בלוט־פאַרגיסונג".

הושע'ן געהערען אויף די ווערטער — „חסד וויל איך, און ניט קרבנות." עמוס און הושע האָבען שוין באַשאַפען א הויכע פאָרשטעלונג וועגען א גאָט פון א גערעכטען משפּט, וואָס האַסט רייכע און אונטערדריקער פאַר וועמען גערעכטיגקייט און ריינ־קייט פון זיטען איז אומענדליך טייערער פון קרבנות און קטרת. אנדערע נביאים וועלען וואַריאירען און ענטוויקלען די דאָזיגע טעמען, וואָס זיינען אריבער געגאַנגען צו עמוס'ן און הושע'ן פון זייערע פאָרגעהער. די נבואה, וואָס בלייבט זיך אַלעמאָל טריי, וועט פינדעסטוועגען ערגאַנצט ווערען מיט וויכטיגע שטריכען, א דאַנק דעם היסטאָרישען שיקזאַל פון ביידע פעלקער. די וויכ־טיגע ענדערונגען וועלען דאָך ניט פאַרדאַרבען די גרונד־לייזונג פון דער רעליגיעזער פראַגע: גליק קאָן דערגרייכט ווערען דורך אָפּהיטען גערעכטיגקייט, יסורים קומען אַרויס פון זיטענלאָזיג־קייט, וואָס רופט אַרויס דעם צאָרן פון דעם אַלמעכטיגען אמת, זיטליכקייט קאָן ניט זיין ניט באַלוינט.

ישעיה.

דער ערשטער גרויסער נביא פון מלכות יהודה איז געוועזען ישעיה. אין אונטערשיידונג פון אנדערע אידישע נביאים איז ער ניט געוועזען ביז'ן סוף א געגנער פון דער רעגירונג. איהם האָט זיך איינגעגעבען צו ווירקען אויף דעם גוטען און פרומען קעניג חזקיהו. דערפון שטאַמט ישעיה'ס גרויסער פּאָליטישער איינפלוס. וואַרום האָט ער נאָכגעשפּירט די שכנות'דיגע פעל־

קער, פיעלע פון זיינע נביאות זיינען אייגענארטיגע דיפלאָמאַ־
טישע אבהאנדלונגען.

אויך אין דער אינוויינינגסטער פּאָליטיק נעמט ער א געהע־
ריגען אַנטייל. פּאָליטיק, מאָראַל, רעליגיע פלעכטען זיך צונויף
אומצוריישבאר ביי אָט דעם מענשען, וואָס איז באגאבט מיט א
פּראקטישען שכל און מיט א הויכען אידעאליזם, און אויך מיט א
מערקווירדיגען ליטעראריש־אָראַטאָרישען טאַלענט.

ישעיה'ס טעטיגקייט האָט דורכגעשטראָמט אין א שטורעמ־
דיגער עפּאָכע. ניט קוקענדיג אויף זיין יחוס'דיגע אָפּשטאמונג,
איז ער אין די יונגע יאָהרען נאָך (ארום 740 יאָהר פאר קריס־
טוס'ן) ארויסגעטראָטען אלס פיהרער פון דער דעמאָקראַטיש־נאַ־
ציאָנאלער פּארטיי אין יהודה, אלס נביא, און ער האָט געשפּיעלט
א לייטענדע ראָלע אין פארלויף פון 40 יאָהר.

ער איז געווען אן עדות פון דעם פארברעכערישען בונד,
וואָס דער מלך ישראל האָט געשלאָסען מיט סיריען קעגען דער
ברידערליכער יהודה. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע אומגליק.
דער פאל פון מלכות ישראל, וואָס איז אינגיכען נאָכדעם פארגע־
קומען, האָט זעהר פארשטארקט די לאַגע פון ישעיה הנביא, וואָס
האָט די גאנצע צייט געפּרידיגט די גערעכטיגקייט פון זיין גאָט.
יעהאָווא, ווי ס'איז קענטיג געווען, האָט באשטראָפט ישראל'ן.
יהודה האָט גענומען תשובה טאָן. קעניג חזקיהו און דאָס אפּי־
ציעלע פריסטערטום, וואָס איז אַלעמאָל געווען פיינדליך צו די
נביאים, זיינען ארונטערגעפאלען אונטער זיין לייטונג. אומעטום
האָט מען גענומען אויסראָטען די אָבגעטער און ענערגיש איינ־
פלאנצען דעם יעהאָוויזם. ישעיה'ס געניטע האנד האָט זיך גע־
פיהלט אויך אין דער אויסערליכער פּאָליטיק. ער האָט געלע־
רענט, אז דער שטאָלץ פון דעם אידישען פאָלק דארף בשום אופן
ניט באשטעהן אין א מיליטערישער מאניע, אין וועלען קאָנקו־
רירען מיט די ריעזען פון די מיליטערישע מלוכות. גאָט'ס פאָלק
דארף לייכטען מיט דער גערעכטיגקייט פון זיינע געזעצען און
מיט דער ריינקייט פון זיינע זיטען. דערמיט וועט ער באזיעגען

די וועלט ווען עס איז. דערוויילע דאַרף מען זיין פּאָרזיכטיג. ישעיה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די פּאָליטיק פון א בונד מיט בבל, א פּאָליטיק, וואָס איז געוואָרען אויף א געוויסע צייט טראַדיציאָנעל פאַר דער נביאישער פּאַרטיי. דאָס האָט ערלויבט צו פיהרען גליקליכע מלחמות מיט די שוואַכע שכנים. אינערליך און אויסערליך האָט ישעיה געזעהן נאָר ער־פּאָלגען. איבער זיין קאָפּ האָט זיך אפילו גענומען קלייבען א שטורעם. סנחריב האָט באַלאַגערט ירושלים. נאָר אין אשור׳־אישען לאַגער האָט זיך פאַרשפּרייט די טשומא־מגפה און דער שונא האָט געמוזט אפּטרעטען. דאָס איז געווען א נייער גרויסער טריאומף פון יעהאָווא און פון ישעיה זיין קנעכט.

ישעיה׳ס דעמאָקראַטיזם שטראָמט אַרויס גענוג קלאָר פון זיינע ענערגישע אויסדרוקען: „וועה געשריען, איהר דערנע־הענטערט א הויז צו א הויז, א פעלד צו א פעלד, אזוי, אז פאַר אַנדערע בלייבט קיין אָרט ניט, אזוי ווי נאָר איהר אליין וואָלט געווען באַזעצט אויף דער ערד.״

„און גאָט וועט אָפּהאַקען ביי ישראל׳ן דעם קאָפּ און דעם עק, דעם פּאַלם־בוים און דעם ראָהר אין איין טאָג: דער זקן און דער אַריסטאָקראַט — דאָס איז דער קאָפּ, און דער פאַלשער נביא איז דער עק.״

פונדעסטוועגען האָט ישעיה געקאָנט איינגעהן אויף א פּראַקטישען קאָמפּראָמיס מיט די אַריסטאָקראַטען; אפשר דער־פאַר רעדט ער וועגען די נביאים — די פאַלשע לעהרער? צי זיינען זיי דאָס ניט געווען די, וואָס זיינען ניט געווען גענייגט שלום צו מאַכען, די אונפּאַרגעבליכע? ישעיה האָט ליעב געהאַט און האָט דערגרויסט דעם קעניג חזקיהו, ער האָט גערעדט וועגען איהם מיט אַזעלכע ווערטער, וועלכע מ׳האָט שפּעטער גערעכענט פאַר א כאַראַקטעריזירונג פון משיח׳ן: „דאָס פּאָלק, וואָס זיצט אין פינסטערניס האָט געזעהן א גרויס ליכט; צו די וואָס וואוי־נען אינ׳ם לאַנד אונטער׳ן שאָטען פון טויט איז ליכט אויפגעגאַנ־גען. פאַרמעהרט האָסטו דאָס גליק, פאַרגרעסערט האָסטו זיין

פרייד. זיי האָבען זיך געפרעהט פאר דיר, ווי מען פרעהט זיך אין שניט־צייט, ווי מען פרעהט זיך בייט צוטיילען רויב. ווארים דעם יאָך, וואָס האָט עס געדריקט און דעם סצעפּטער מיט דער רוט פון זיין אונטערדריקער האָסטו צובראָכען, ווי אין דעם טאָג פון מדין. ווארים א קינד איז אונז געבוירען געוואָרען — א זוהן איז אונז געגעבען געוואָרען און אין זיינע הענד וועט די הער־שאַפט זיין, און רופען וועט מען איהם: וואונדערליכער ראט־געבער, שטארקער האר, פאָטער פון אייביגקייט, פירסט פון פריע־דען. זיין הערשאַפט וועט פארגרעסערט ווערען און אויף דוד׳ס טראָן וועט הערשען פריעדען אָהן א סוף און גערעכטיגקייט און אמת פון היינט אָן אויף אייביג. די קנאה פון גאָט־צבאות וועט עס טאָן.״

באשרייבענדיג די געוועזענע מלחמות און די מלחמות, וואָס שטעהען פאר חזקיהו׳ן און זיינע נאָכקומענדע, זאָגט ער: „זיי וועלען אָנפליהען אויף די פלישתים צו מערב, זיי וועלען באַ־רויבען אלע קינדער פון מזרח, זיי וועלען ארויפלעגען די האנד אויף די שכנים.״ אָבער באלד הויבט זיך אויף ישעיה איבער די אויסזיכטען פון קליינער רויבערשער פּאָליטיק פון די אידישע ער־פּאָלגרייכע קעניגלאך און ער שילדערט פייערליך א ריין מעסיא־נישע בילד. ווען דער אידישער קעניג וועט הערשען מיט גערעכ־טיגקייט — וועט דאָס גאנצע לעבען איבערגעפּורעמט ווערען:

„ער וועט זיין אָנגעגורט מיט אמת און גערעכטיגקייט. דע־מאָלט וועט אַ אָקס וואוינען מיט א שעפּעלע, און א לעמפּערט וועט ליגען צוזאמען מיט א בעקעל און מיט א קעלבעל; און א קעלבעל און א יונגער לייב און אן אָקס וועלען זיין צוזאמען, און א קליין קינד וועט זיי פיהרען. און א קוה וועט זיך פיטערען מיט א בערין, און זייערע קינדערלאך וועלען זיין צוזאמען, און דער לייב, אזוי ווי דער אָקס, וועלען עסען שטרוי. און א קינד וועט זיך שפּיעלען איבער א נעסט פון א שלאנג, און דאָס קינד וועט זיין האנד אין שלאנגס נעסט אריינשטעקען. קיין שלעכטס און קיין בייז וועט מען ניט טאָן אויף מיין הייליגען בארג, ווארים

די גאַנצע וועלט וועט פול ווערען מיט וויסען, ווי וואסערען, וואס מאַכען פול דעם ים."

געוויס, דאָס זיינען נאָר געווען מעטאַפאַרען פון א סאָציאַלען פריעדען, אָבער ישעיה'ס גראַנדיעזע שילדערונגען האָבען נעעפענט פאַר'ן מענשליכען בליק ווייטע, בלויע, גאָלדענע אויסזיכטען און פערספעקטיווען. שפּעטער האָט דער גראַנדיעזער פּערזישער מע־סיאַניזם געקאַנט געווינען א פרוכטבאַרען באָדען צווישען די תלמידים פון דעם גרויסען ישעיה.

דער אידעאַל האָט אריבערגעוואַקסען די פּאָליטיק. פרעהענ־דיג זיך, ווי די אידען וועלען באַרויבען די זיהן פון מזרח, האָט ישעיה, צוזאַמען מיט דעם פאַרהערליכט די צייטען פון פריעדען, זיך אויפהויבענדיג ביז אינטערנאַציאָנאַליזם און אליז אַ דאַנק זיינע צוויי גרונד־טעזיסען: „ניטאָ קיין גאָט, וואָס איז שטאַרקער פון יעהאָוואַ", — „יעהאָוואַ איז דער גאָט פון גערעכטיגקייט".

דער דעמאָקראַטישער נאַציאָנאַליזם איז געווען דער וואָרצעל, וואָס אויף איהם האָט זיך ענטוויקעלט איינער פון די גרעסטע אי־דעאַלען.

„זיי וועלען איבערשמידען זייערע שווערדען אויף אַקער־אייזענס און זייערע שפּיזען אויף שנייד־מעסערס: קיין פאָלק וועט מעהר ניט אויפהויבען א שווערד אויף א צווייטען פאָלק און זיי וועלען זיך מעהר נישט לערנען ווי צו פיהרען מלחמות."

ישעיה איז איבערצייגט, אַז די שולד פון מלחמות און אנדערע ליידען פאַלט אויף דער שטאָלץ פון דער מיליטערישער אריסטאָ־קראַטיע.

„די שטאָלצע בליקען פון דעם מענשען וועלען אראָפּזינקען, און דאָס הויכע וועט דערנידעריגט ווערען, און גאָט אליין וועט זיין הויך אין יענעם טאָג. ווארים דער טאָג פון דעם גאָט־צבאות וועט קומען אויף אליז, וואָס איז שטאָלץ, הויכמוטיג און דערהויבען, — און דאָס אליז וועט דערנידעריגט ווערען."

אויב ישעיה איז נאָהנט געוואָרען מיט דער קייזערליכער מאַכט, איז דאָס דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געשטעלט אין זיין

דיענסט. דער קעניג איז געוואָרען א געצייג פון גאָט אין קאמף מיט דער אריסטאָקראַטיע: „גאָט האָט א משפט מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק און מיט זיינע פירסטען: איהר האָט אויסגעליידינגט דעם וויינגאָרטען; אין אייערע הייזער געפינט זיך דאָס אָנגערויבטע פון די ארימעלייט, פאר וואָס מאכט איהר ענג מיין פאָלק און איהר דריקט די ארימע? — זאָגט גאָט, דער גאָט־צבאות".

ביי ישעיה'ן הערט זיך, ניט קוקענדיג אויף די ערפאָלגען פון זיין פריידיגען, אַן אנדער ווינטיגער נבואה־טאָן: ער רופט די גערעכטע צו געדולד, — גאָט וועט זיי באלוינען, נאָר פריהער דארף מען אָפּרייניגען די געזעלשאפט פון שלעכטס. וועגען גערעכטען זאָגט ישעיה: „גאָט, אין אן אומגליק האָט ער דיר געזוכט, ער האָט פאר דיר אויסגעגאָסען שטילע תפלות, בעת דיין שטראָף האָט איהם דערגרייכט. ווי א שוואַנגערע פרוי, בעת עס קומען אָן די וועהען, מאטערט זיך און שרייט פון איהרע יסורים, אזוי זיינען מיר געווען פאר דיר, גאָט, מיר זיינען געווען שוואנגער, מיר האָבען זיך געמאַטערט, — און געבוירען עפּעס א ווינד, קיין ישועה האָבען מיר ניט געבראכט. דיינע טויטע וועלען אויפשטעהן תחית המתים, די טויטע קערפּערס וועלען זיך אויפהויבען. ערוואכט, זינגט, איהר, וואָס רוהען אין דער ערד: וואָרים דיין טהוי — איז טהוי פון לעבען, און די ערד וועט ארויסוואַרפען די טויטע."

אָט די אלע מאָטיווען ווערען ווייטער געוועבט פון ישעיה'ס יורשים, באזונדערס פון דעם גרויסען נאָמענלאָזען נביא אין די צייטען פון פערזישען קעניג כורש, וואָס האָט באשיידען און שטאָלץ צוגעגעבען זיין גוניאלע טרייסט פּאָעמע (נחמו נחמו) צו דער וואונדערליכער, גלענצענדער ירושה פון דעם געניאלען פיהרער פון קעניג חזקיהו.

ירמיה.

ישעיה'ס האָפענונגען אויף חזקיהו'ס דינאסטיע זיינען ניט מקוים געוואָרען. חזקיהו'ס זוהן, מנשה, האָט צוגעלאָזט אַן אריסטאָקראטישע רעאַקציע, וואָס האָט ארויסגערופען א שטורעמדיגען

פּראָטעסט פון די יעהאָוויסטען, וועלכע זיינען געוואָרען א גרויסע קראַפט. עס איז ניט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט, אז דער קע־ניג יאשיהו, דער קאנדידאַט פון דער יעהאָוויסטישער פּארטיי, איז ארויף אויפ'ן טראָן נאָכדעם ווי ס'איז פאָרגעקומען א גוואלדזאמע איבערקעהרעניס. אין יאשיהו'ס צייטען האָט די פּארטיי פון די נביאים מיט ירמיה'ן מיט דער נביאה חלדה און מיט'ן כהן גדול חלקיהו בראש, פּיבערהאַפט זיך געאיילט צו פארפעסטיגען די דעמאָקראַטישע סאָציאַלע אָרדנונג.

ירמיה אליין איז געווען א כהן. רענאן כאראקטעריזירט אויף אזא אופן דעם דאָזיגען מענשען אין דריטען באַנד פון זיין „גע־שיכטע פון פאָלק ישראל“:

„דער רעליגיעזער כאראקטער איז ביי איהם שאַרפער אויס־געדריקט: דער טריבון בויגט זיך צום כהן. עמוס, הושע, אמאָל ישעיה פארוואונדערען אונז מיט דער דרייסטקייט פון זייער גע־דאנק, מיט דער ליעבע צום פאָלק און מיט דעם גלייכגילטיגען פאר־האַלטען זיך צו די פראגען פון דאָגמאַטיק און קולט. מיר ווערען ענטציקט פון זייער איידעלמוטיגען צאָרן. זעהענדיג, ווי אומגע־רעכט די וועלט איז — זיינען זיי גרייט זי חרוב צו מאכען. זיי דענקען אביסעל אין גייסט פון אונזערע אנארכיסטען: אויב מ'קאָן ניט אויסבעסערן די וועלט — דאַרף מען זי חרוב מאכען. ירמיה איז א סך ווייניגער פארנומען מיט סאָציאַלע פראגען און מיט'ן נצחון פון די דעמאָקראַטען. דאָס איז א פאנאַטיקער, פול מיט האס צו זיינע שונאים: אלע, ווער עס גלויבט ניט אין זיין מיסיע, זיינען פאר איהם נידערטרעכטיגע מענשען, און ער ווינשט זיי און זאָגט זיי פאַר דעם טויט“.

דאַרמשטעטער האלט אָבער די דאָזיגע כאראקטעריסטיק פאר אן אומגערעכטע, ער זאָגט:

„און אין ירמיה'ן, אזוי ווי אין ישעיה'ן, הערשט דער נביא דער רעפאָרמאַטאָר פון מאָראַלישען, פּאָליטישען און סאָציאַלען לע־בען איבער אלעם איבעריגען. אמת, זיין כאראקטער איז דער איינ־

ציגער אין זיין מין, אָבער עס זיינען דאָך אויך גאַנץ פאַרשידענע די אומשטענדען, ביי וועלכע ער האָט געלעבט און געלערענט. ירמיה איז דער נאַטירליכער און געזעצליכער יורש פון ישעיה'ן, נאָר מיט א האיליגען כאַראַקטער, מיט אייזערנער איבערצייגטקייט, מיט אומבאַזיעגבארער מוט, פול מיט פאַראַכטונג צו אלע פּאַראַורטייי־לען, ווי פארעהרט און געריהמט זיי זאָלען זיך ניט אויסווייזען — און אָט דאָס מאַכט איהם פאַר א העלע פּערזענליכקייט אין דער העלער גרופּע פון די נביאים. ער לעבט ניט אין א פאַרהעלטנים־מעסיג גליקליכער צייט, ווי ישעיה: ס'איז אָנגעקומען א שרעק־ליכע שעה, א שעה פון אומפאַריכטבאַרע פּעהלערען און ענדליכע קאַטאַסטראָפען."

דאָך האָט אין אָנהויב אויך ירמיה געשפּיעלט א ראָלע פאַר דעם יונגען קעניג יאשיהו. נאָר זיינע האָפענונגען אויף א פּעס־טער סאָציאַלער רעפאָרמע זיינע ניט פאַרווירקליכט געוואָרען. ירמיה האָט ליעב געהאט דעם יונגען קעניג, דער קעניג איז איהם געווען גאַנץ געהאָרכזאַם. א בונד מיט בבל, כדי צו רעטען דאָס לאַנד פון דרויסען און אן אגראַר־רעפאָרמע אינעווייניג, וואָס האָט געדאַרפט פאַרשטאַרקען די הערשאַפט פון יעהאָווא דעם גאָט פון גערעכטיגקייט — דאָס זיינען די לאָזונגען פון דער נביא'ישער פאַר־טיי. בעת פרעה נכו האָט געפיהרט זיינע חילות קעגען בבל, האָט ער ניט געוואָלט זיך אָנהויבע מיט יאשיה'ן. נאָר דער פלאַמענדי־גער ירמיה האָט געהאַלטען פאַר נויטיג צו פאַרשטאַרקען דעם בונד מיט בבל. ער האָט געגלויבט, אז יעהאָווא וועט קומען צו הילף דעם פרומען יאשיהו'ן און וועט פאַרווירקליכען די האָפענונג פון די גערעכטע, האָט ער דארום געווירקט אויף יאשיהו'ן ארויסצו־טרעטען קעגען די עגיפּטיאַנער. אין א שלאַכט מיט פרעה נכו איז יאשיהו צוקלאַפּט געוואָרען און ער האָט זיך אומגעקערט שטאַרבען אין ירושלים, באַקלאָגט פון ארימען פאָלק. ירמיה'ס צער איז גע־ווען אָהן א ברעג. די האָפענונגען זיינען צורונען. דער מוסר השכל איז געווען: ניט יעהאָווא האָט פאַרלאָזט זיין פאָלק, ניין: פאַר ירמיה'ן איז געווען קלאָר, אז ס'איז נאָך פריה פאַר'ן פאָלק געהאָל־

פען צו ווערען, אַז דאָס פאָלק איז צו זינדיג, עס האָט נאָך ניט גע־
נוג געליטען, כדי אויסצוקויפען זיין שולד.

קעניג יהויקים האָט איינגאַנצען ניט געהערט די נביאים. זיינע
מקורבים האָבען געצויגען צו עגיפּטען און האָבען געהאַט בדעה צו
רעבעלירען קעגען בבל. עס האָבען אויך ניט געפעהלט קיין נביאים,
וואָס האָבען אונטערגעהעצט צו אַן אויפשטאַנד און האָבען צוגע־
זאָגט יעהאָוואַ'ס הילף. ירמיה האָט געהאַסט די דאָזיגע שטאָלצע
וועלטליכע געדאַנקען, ער האָט געוואוסט, אַז יהודה געהט, ווי אַ
בלינדער אין גרוב, און בעת, ניט קוקענדיג אויף זיין פּראָטעסט,
דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבען, איז אונטערדריקט געוואָרען
און אַ נייער יאָך פון שטייערן האָט זיך אַוועקגעלעגט אויפ'ן פאָלקס
פּלייצעס, האָט ער זיך צושטורעמט קעגען הויף מיט אַ ערשטוינענ־
דער בארעדזאַמקייט:

„דערפאַר האָט גאָט אַזוי געזאָגט צו יהויקים דעם זוהן פון
יאשיהו דער קעניג פון יהודה: מען וועט אויף איהם ניט קלאָגען
וועה, ברודער מיינער, וועה שוועסטער מיינע. מען וועט איהם ניט
באַוויינען, וועה קעניג, און וועה מאַיעסטעט. ווי אַן עזעל וועט מען
איהם באַגראָבען. אַרויסשלעפּען וועט מען איהם און אַוועקוואַר־
פען ווייט הינטער די טויערען פון ירושלים. אַזוי ווי איך לעב, זאָגט
גאָט: ווען כניהו דער זוהן פון יהויקים דער קעניג פון יהודה זאָל
זיין אַ זיעגעל־רינג אויף מיין רעכטער האַנד, וועל איך אויך פון
דאָרט דיר אַראָפּרייסען און אַוועקגעבען אין די הענד פון די וואָס
זוכען דיין לעבען און אין די הענד פון יענע, פאַר וועלכע דו האָסט
מורא, אין די הענד פון נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל, און אין די
הענד פון די כשדים, און איך וועל אַרויסוואַרפען דיר און דיין מו־
טער, וואָס האָט דיר געבאָרען, אין אַ פרעמד לאַנד, וואו איהר זייט
ניט געבאָרען געוואָרען, און דאָרט וועט איהר שטאַרבען; און אויף
דער ערד, וואוהין זייערע נשמות וועלען זיך וועלען אומקערען,
דאָרט וועלען זיי זיך ניט אומקערען. איז דער דאָזיגער מענש
כניהו אַ פאַרהאַסטע באַשעפעניס, אַ פאַרשטויסענער? אָדער ער
איז אַ כלי, וואָס מ'קאָן ניט געברויכען? דערפאַר זיינען זיי אַרויס־

געווארפען, ער און זיינע קינדער און זיי זיינען פארשטויסען אין א לאנד, וואס זיי האבען ניט געקאנט? אזוי זאגט גאט: פאר־שרייבט דעם דאזיגען מענשען צו בלייבען אהן קינדער, א מענש, וואס זאל ניט באגליקען אין זיינע טעג, ווארום קיינער פון זיינע קינדער וועט שוין ניט זיצען אויפ'ן טראן פון דוד'ן און וועט ניט הערשען אין יהודה."

צדקיהו'ס הערשאפט איז געווען אן אומבאשלאסענע. איין צייט, אויף דער צודרינגליכקייט פון די דעמאקראטען, האט ער באשלאסען צו באפרייען די קנעכט און ארויסצוגעבען א געזעץ, אז אויף ווייטער זאלען די קנעכט באפרייט ווערען נאכדעם ווי זיי וועלען אפדינען א געוויסען טערמין. אבער די אריסטאקרא־טיע איז געווארען אויפגעבראכט, און צדקיהו האט גענומען זיין דעקרעט צוריק. ירמיה האט געווארפען דעם נייעם קעניג אין פנים די דאזיגע ווערטער: „איהר האט אייערע ברידער צוריק־געקעהרט אין קנעכטשאפט: איהר האט זיך אפגעזאגט צו פראק־לאמירען פרייהייט, וועל איך אין יעהאווא'ס נאמען פראקלאמירען געגען אייך די פרייהייט פון שווערד, טשומא און הונגער".

דער ברוך צווישען זיי איז געווען א פאלשטענדיגער. אבער אויך דאס פאלק איז געווארען אויפגעבראכט אויף ירמיה'ן. ער האט געפריידיגט בלויז אומגליקען, ער האט ביים פאלק אוועקגע־נומען דעם מוט און די האפנונג.

אין דער צייט פון דער נייער מלחמה מיט בבל האט ירמיה עקשנות'דיג זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע, אז ירושלים מוז זיך באלד איבערגעבען צום חסד פון דעם זיעגער. די מיליטערישע קאמאנדירען האבען זיך באקלאגט, אז אונטער די יללות און בייזע נביאות פון דעם דאזיגען שרעקליכען מענשען אין אבלות־קליידער קאן מען ניט פארטיידיגען דאס פאטערלאנד. האט מען איהם פארשפארט אין געפענגנים, ארייננגעזועצט ביז'ן האלז אין א גרוב מיט וואסער. ער האט אבער אלץ נביאות געזאגט אויף אומ־צעהליגע אומגליקען. ער האט איבערגעריסען מיט די ערדישע האפנונגען אויף די שטארקע און די פירסטען, נאר אין גאט אליין

האָט ער געהאט בטחון. ליידען, ליידען, ליידען. דאָס איז דער איינציגער וועג געלייטערט צו ווערען. אלץ אין פייער, אלעמען אין פייער... כדי ווידער אויפצולעבען.

אלע האָבען זיך אָפּגעטרייסעלט פון דעם באוואוסטלאָזען, וואָס האָט געוואָלט זיין דור אומברייננגען, זיין פאָלק שיקען אויף טויזענדער פייניגונגען צוליעב דער ווייטער און צווייפעלהאפטער צוקונפט. ירמיה אליין האָט שרעקליך געליטען פון זיין איינזאמ־קייט. מיט טיעפען טרויער קלינגען זיינע ווערטער: „וועה איז מיר, מוטער מיינע, וואָס דו האָסט מיר געבאָרען — א מענש, וואָס קריגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט, איך האָב קיינעם ניט געבאָרגט אויף צינזען און קיינער האָט מיר ניט געבאָרגט אויף צינזען, און אלע פארשילטען מיך. פארפלוכט איז דער טאָג, אין וועלכען איך בין געבאָרען געוואָרען, דער טאָג, בעת מיין מוטער האָט מיר געהאט, זאָל ניט זיין געבענשט. פארפלוכט איז דער מענש, וואָס האָט מיין פאטער געבראכט די בשורה און האָט געזאָגט: ביי דיר איז א זוהן געבאָרען געוואָרען, און האָט איהם דערמיט זעהר דערפרעהט".

צו גאָט אליין ווענדט ער זיך מיט אן אנגסטליכען פאָר־וואורף: „דו האָסט מיר געצווינגען, גאָט, — און איך בין הינגע־ריסען; דו ביזט שטארקער פון מיר — און איך בין איבערוווינ־דעט, און יעדען טאָג בין איך אין שפּאָט, איטליכער מאכט חוזק פון מיר".

ירמיה האָט אוועקגעלייגט א גרויסען שטיין אין דעם בנין פון א אמונה, אז דורך יסורים ווערט די נשמה אויסגעלייזט, א רעליגיע, וועלכער ס'איז באשערט געווען צו ווערען די רעליגיע פון דער דעמאָקראטיע פון דער גאנצער רוימישער וועלט און צו האָבען א קאָלאָסאלע ווירקונג אויפ'ן שיקזאל פון דער מענשהייט אויף צוויי מיט א האלב טויזענט יאָהר און מעהר, זינט דעם פרע־דינגען פון דעם ליידענשאפטליכען און ליידענדען פאטריאָט אויף די גאסען פון דער קליינער אויפגערעגטער, באלאגערטער שטאָדט ירושלים.

משה'ס געזעצגעבונג.

דעם ספר דברים, וואס טראגט דעם נאמען משנה תורה, האט „געפונען" דער כהן גדול חלקיהו (ארום 600 יאהר פאר קריס־טוס'ן). מיט אנדערע ווערטער דער דאזיגער ספר איז צונויפגע־שטעלט געווארען פון די גייסטליכע און טאקע יענער טייל פון איהם, וואס איז דורכגעדרונגען מיט די פרינציפען פון ישעיה און ירמיה.

מען ווייס ניט באשטימט, צי אידען האבען געהאט ביז יענער צייט וועלכע עס איז געשריבענע קאדעקסען. עמוס זאגט אפילו, אז יעהאווא האט געגעבען ישראל'ן „וויכטיגע געזעצען", וואס ווערען ניט אפגעהיט. נאר אזוי ווי די ריטועלע געזעצען זיינען נארניט געווען אזוי וויכטיג פאר'ן פאסטוך פון טעאקיע (תקוע), דארף מען אננעהמען, אז דאס זיינען געווען מאראלע און סאציא־לע געזעצען, וואס זיינען צונויפגעשטעלט געווארען אין אן על־טערער פעריאדע און וואס האבען געהאט אין אלגעמיין א יעהא־וויסטישען כאראקטער, ס'הייסט, וואס האבען פארטיידיגט די גלייכהייט פון דער פרימיטיווער ווירטשאפט און די פאטריארכא־לע שטרענקייט פון זיטען.

אלענפאלס איז משנה תורה (דער ספר דברים) געווען דאס ערשטע פ א ר ע נ ד י ג ט ע געזעצגעבענדע בוך. פון איהם האט זיךענטוויקעלט משה'ס גאנצע געזעצגעבונג, וואס איז פאר־שריבען אין ספר שמות און אין ספר ויקרא, ווארשיינליך אין עזרא'ס צייטען.

משנה תורה איז דאס העכסטע פון געזעצגעבענדע ביכער. ישעיה'ס גייסט וועהעט איבער איהם אין זיין גאנצער ריינקייט. נאטירליך, אז די נביאישע פארטיי, כדי צוצוגעבען דעם דאזיגען ווערק מעהר קראפט, האט איהם צוגעשריבען צו יענעם, וועלכער האט ארויסגעפיהרט דאס פאלק פון מצרים, איז געווען דער ערשטער גרויסער נביא פון יעהאווא, דער באשיצער פון דער גאנצער ריכטונג.

משה'ס גזזעצגעבונג דעקט אויף פאַר אונז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראָגראַם פון די נביאים.

דער אידעאַל פון דער דאָזיגער געזעצגעבונג איז גלייכהייט אין ערד־איינענטום, ס'הייסט, אז די ערד זאָל צוטיילט ווערען אויף אויסגלייכענדע התחלות. נאָר וויסענדיג גוט פון ערפאַהרונג, אז אזא חלוקה וועט אומפארמיידליך פיהרען אין א געוויסער צייט צו אומגלייכהיים, צו רייכקייט און מאַכט פון די און צו אָרימקייט און קנעכטשאַפט פון יענע — נעהמט אָן דער געזעצגעבער א רייה ענטשידענדע מיטלען.

ס'איז אונמעגליך צו כאַראַקטעריזירען די דאָזיגע מיטלען בעסער, ווי צו ברייגגען די באַגייסטערטע שבחים פון העגרי דזשאָרדזש, דער פיהרער פון די אָנהענגער פון נאַציאָנאַליזירען די ערד אין אונזער צייט, אין זיין אפּהאַנדלונג — „משה, אלס סאָציאַלער רעפאָרמער".

„זוכט נאָך יענע אורזאַך, וואָס רופט אַרויס נויט אונטער אי־בערפלוס, אומוויסענהייט אונטער בילדונג, אריסטאָקראַטיע אונ־טער דעמאָקראַטיע און שוואַכקייט אונטער וואַקסענדיגע קרעפטען, וואָס פיהרט אונזער ציוויליזאַציע צו אַן איינזייטיגער און ניט־פעסטער ענטוויקלונג, און איהר וועט באַמערקען, אז איהר וואָרצעל ליגט טאַקי אין דעם, וואָס דער דאָזיגער גרויסער שטאַטסמאַן האָט שוין דערזעהן און וואָס ער האָט פּרובירט אפּשאַפען דריי טויזענד יאָהר צוריק. משה האָט געזעהן, אז די אמת'ע אורזאָך פאַר וואָס די פאָלקס־מאַסען זיינען פארשקלאַפט אין מצרים, אַן אורזאַך, וואָס פיהרט אומעטום צו פאַרשקלאַפונג, איז געווען דאָס, וואָס די ערד איז געוואָרען דאָס אייגענטום פון איין קלאַס, די ערד, פון וועלכער און אויף וועלכער אַלע מענשען דאַרפען עקזיסטירען. ער האָט געזעהן, אז דערלאָזען בנוגע צו דער ערד דאָס זעלביגע אומבאַשרענקטע רעכט פון אייגענטום, וואָס ווערט נאַטירליך אנגעווענדעט צו די פּראָדוקציאָנען פון דער מענשליכער ארבייט, וואָלט געהייסען אונפאַרמיידליך צוטיילען דאָס פאָלק אויף

זעהר רייכע און זעהר אָרימע, מאכען ניט פּיעלע פאַר די הארען איבער פּיעלע, אַלץ איינס וועלכע רעגיערונגס-פאָרמען עס זאָלען ניט זיין, ארויסרופען זינד און מאָראַלישע דערנידערונג, אלץ איינס וועלכע רעליגיעזע גלויבענס עס זאָלען ניט זיין."

„און מיט דעם פּאראויסזעהן פון א פילאָסאָף און אַן אמת'ען שטאטסמאן, וואָס שרייבט געזעצען ניט פאר די נויטען פון בלויז איין טאָג, נאָר פאר א ענדלאָזער רייה פון צוקונפטיגע דורות, שטרעבט ער צו פארלייפען דעם דאָזיגען פאלשען טריט מיט יע-נעם מיטעל, וואָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אין הסכם מיט די באַדינגונגען פון אָרט און צייט. אומעטום אין משה'ס געזעץ־פּרינציפּען ווערט די ערד באטראכט, ווי א מתנה פון דעם באשא-פער פאר אלע זיינע באשעפעניסען אָהן אַן אונטערשייד, וועלכע קיינער האָט ניט קיין רעכט צו פארכאפּען אויסשליסליך פאר זיך. אין ערגיץ רעדט זיך ניט וועגען דער ערד, ווי וועגען אייער מאַ־יאָנטיק אייער אייגענטום, ווי וועגען דעם, וואָס איהר האָט גע־קויפט אָדער ערָאבערט, נאָר אומעטום ווערט זי אנגערופען די ערד, „וועלכע גאָט גיט דיר אין אָנטייל". און דורך פּראקטישע געזעצגעבונג, מיט דער הילף פון פאראָרדענונגען, וואָס האָבען געהאט די העכסטע סאנקציע, האָט ער פּרובירט ניט דערלאָזען יענע אומרעכט, וואָס האָט פּארוואנדעלט די אלטע ציוויליזאציעס אין ערציהונגס אנשטאַלטען פון דעספּאָטיזם, און האָט אין די שפּעטערדיגע דורות אויסגעגעסען דאָס הארץ פון רוים, האָט בא-שאפען א זינלאָזע שקלאפעריי אין פּוילען און א שרעקליכע פאר־וויסטונג אין אירלאנד, — אַן אומרעכט, וואָס דרענגט צונויף אין די שטעדט ארבייטער געזינדען אין שטיקענדע טרושצאָבעס און מאכט פול מיט וואגאבונדען אונזערע נייע מלוכות. ער האָט געזארגט ניט נאָר וועגען א גערעכטער צוטיילונג פון דער ערד צווישען די פעלקער און וועגען דעם, אז עס זאָל איבערגעלאזט ווערען פרייע ערד אויך פאר די נוצען פון דער געזעלשאפט אלע זעקס יאָהר, ער האָט אויך באשטימט יובל-יאָהרען, ער האָט גע־זארגט וועגען דעם, אז די ערד זאָל יעדע ניין און פערציג יאָהר

אויפ'ס ניי צוטיילט ווערען מאַכענדיג אויף אזא'ן אופן אומעגליך די מאָנאָפּאָליזאציע פון דער ערד."

אין זייער סאָציאַל-עקאָנאָמישער פּראָגראַמע זיינען די נביאים געווען אנהענגער פון דעמאָקראַטישער גערעכטיגקייט, ווען אפילו ס'זאָל אויסקומען רערפאר צו צאָהלען מיט דער קולטור. לעאָ טאָלסטאָי, איז זייערער א טרייער תלמיד, א ריינער מאָזאַאיסט. נאָר אויך די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען זיינען א צווייגעל פון יענעם וואָרצעל. און ס'איז פארשטענדליך. די אידעאָלאָגיע פון דעם קליינבאַזיצער, וואָס קעמפט קעגען קאפּיטאל, איז אלעמאָל ריזעלביגע: קינסטליך צו פארהאַלטען דעם פּאָרטשריטליכען גאַנג פון דער אומגלייכהייט. דאָס באוואוסטזיין פון דער נויטווענדיגקייט פון דעם קאַפּיטאַליזם, ווי פון א קולטורעלער קראַפט, איז ניט צוגענגליך פאַר'ן קליינבאַזיצער: „איך דאַנק אייך זעהר פאַר אייער קולטור, הערר מארקס, איך פארגוויג זיך פאַר אייער קולטור־סצעפּטער, אָבער איך האָב גאָרנישט בדעה צו בויען פאַר דער קולטור א בריק פון מיינע ביינער". אָבער דער טריבער בריק בויט זיך פונדעסטוועגען. און קיין אַנדער בריק צום נצחון פון דער אמת'ער גערעכטיגקייט — איז נישטאָ. ער וועט זיך ארונטערלאָזען אויף דער ערד, אָדער ריכטיגער ער וועט אויף איהר אויפבליהען נאָר אויפ'ן באָדען פון רייכקייט, און דערפאַר דאַרף מען אָרגאַניזירען די אַרבייט, און די ארבייט קאָן זיין אָרגאַניזירט נאָר מיט קאָלאָסאַלע אונטערנעמונגען פון פּריוואַטע גבירים, קאָמפּאַניעס אָדער פון דער מלוכה. דעם אָפּגרונד מוז די מענשהייט פארשיטען מיט איהרע ביינער. די נאַטור איז אומערביטליך, זי הערט אונז ניט. מען דאַרף זי באַזיעגען. ליידען זיינען דערביי אומפארמיידליך. מ'קאָן זיך באַמיהען צו פאַרלייכטערען זיי, אָבער געהן אויף צוריק, דערשרעקען זיך פאַר'ן ביטערען כוס, איז פּחדנות'דיג און אומזיסט.

לאָמיר זיך אומקערען צו דער טייערער קייט פון די גרויסע נביאים.

א רייהע קאַפּיטלען אין ספר ישעיה, אָנהויבענדיג פון דעם

קאפיטעל נ"א, איז געשריבען געווארען פון א גרויסען נביא — א פאעט, וואס האט געלעבט אין בבל, וואוהין עס איז פארטריבען געווארען כמעט די גאנצע אידישע איגטעליגענץ נאכ'ן ערשטען חורבן ירושלים, וועלכער ווערט אנגערופען ישעיה דער צווייטער.

150 יאהר איז אוועק זינט ישעיה איז געשטארבען, נאר זיין גייסט האט געלעבט און זיך ענטוויקעלט. וויעדער האט דאס גליק א שמייכעל געטאן דעם פיעל ליידענדען פאלק. כורש, דער קעניג פון פערזיען, האט גענומען דאס אידישע פאלק אונטער זיין מאכט־טיגען פליגעל. און וויעדער האט ישראל מיט ענטציקונג געענטפערט אויף די לאסקע פון שיקזאל. ענדיגען זיך די שטראף טערמינען? הויבען זיך שוין אן פריידיגע טעג?

„טרייסט, טרייסט מיין פאלק, זאגט אונזער גאט. א שטים רופט אין דער מדבר: גרייט צו א וועג פאר גאט, גלייכט אויס אין וויסטענים א שטעג פאר אונזער גאט. יעדער טאל זאל אויסגעהויבען ווערען, יעדער בארג און בערגעל זאל דערנידעריגט ווערען, די קרומע ערטער זאלען אויסגעגלייכט ווערען, די ניט־גלייכע וועגען זאלען גלאט ווערען. און גאט'ס כבוד זאל ענטפלעקט ווערען און אלע באשעפענישען וועלען זעהן, אז גאט האט גערעדט. געה ארויף אויף א הויכען בארג אנזאגערין ציון, הויב אויף מיט קראפט דיין שטים אנזאגערין ירושלים. הויב אויף דיין שטים, האב קיין מורא ניט. זאג די שטעדט פון יהודה: אט איז אייער גאט. אט קומט גאט מיט קראפט און מאכט איז אין זיין ארעם. אט איז זיין באלוינונג מיט איהם און זיין פארגעלטיגונג איז פאר זיין פנים."

וויפיעל פרייד, וויפיעל יובעל!

דער קעניג כורש ווערט פייערליך געריהמט: „ווער האט אויפגעריכט פון מזרח דעם מאן פון גערעכטיגקייט, האט איהם גערופען נאכצופאלגען איהם, האט איהם פעלקער איבערגעבען און קעניגע אונטערטעניג געמאכט? מיט זיין שווערד האט ער זיי פארוואנדעלט אין שטויב, מיט זיין בויגען האט ער זיי צעריבען אין שטרוי, וואס דער ווינד צוטראגט. ער יאגט זיי און ער געהט רוהיג אויף א וועג, וואיבער וועלכען ער איז קיינמאל ניט געגאנגען. איך

האָב איהם אויפגעריכט פון מזרח, און ער וועט קומען; פון וואנען די זון געהט אויף וועט ער רופען מיין נאָמען און ער וועט צו־טראָמפּלען די הערשער, ווי שטויב, און ער וועט זיי טרעטען, ווי דער טעפּער טרעט לייהם".

דער נביא געהט מיט א גוטע בשורה וועגען גלענצענדע פּער־ספּעקטיוועז, וואָס עפענען זיך פריהער פון אלץ פאר די אָרימע, נאָכפאָלגענדיג די טראַדיציעס פון נביאות. „גאָט האָט מיר געשיקט מיט גוטע בשורות צו די ארימע, ער האָט מיך געשיקט אויסהיילען די צובראָכענע הערצער, פריידיגען פרייהייט פאר די געפאנגענע, די עפענונג פון די תפיסות פאר די געבונדענע."

אין וואונדערליכע בילדער שילדערט ער ירושלים'ס נאָהענטע צוקונפט: „שטעה אויף, לייכט (ירושלים); דען דיין ליכט איז גע־קומען און גאָט'ס כבוד האָט איבער דיר אויפגעשיינט. ווארום דער חשך וועט צודעקען די ערד און דער דיקער וואלקען — די פעלקער, און איבער דיר וועט גאָט אויפשיינען און זיין רוהם וועט זיך באווייזען איבער דיר. און פעלקער וועלען געהן צו דיין שיין און קעניגע צו דער ליכטיגקייט, וואָס וועט איבער דיר אויפגעהן. הויב אויף דיינע אויגען און זעה ארום: אלע האָבען זיך פארזאַ־מעלט, זיי קומען צו דיר; דיינע זיהן קומען פון ווייט און דיינע טעכטער טראָגט מען אויף די הענד. דעמאָלט וועסטו זעהן און וועסט זיך דערפרעהען, און דיין הארץ וועט א ציטער טאָן און אָנ־קוועלען, ווארום די רייכקייט פון ים וועט דיר געהערען, די עשירות פון די פעלקער וועט ווערען דיינס. ווער פליהט עס, ווי א וואָלקען, און ווי טויבען צו זייער טויבענקלאפּ? אויף מיר ווארטען אינזלען און דאָרט שטעהען אָקרענטען פון תרשיש, כדי צו ברענגען דיינע זיהן פון ווייט און מיט זיי זייער זילבער און גאָלד אין נאָמען פון דיין גאָט און פון דעם הייליגען ישראל, ווארום ער האָט דיר בא־ריהמט געמאכט. און דעמאָלט וועלען קינדער פון פרעמדע בויען דיינע ווענד, און זייערע קעניגע וועלען דיר באדיענען, דען מיט מיין צאָרן האָב איך דיר געשלאָגען און מיט מיין ווילען האָב איך זיך דערבארעמט אויף דיר. און דיינע טויערען וועלען זיין אָפען

טאָג און נאַכט כדי צו ברענגען אַ דיר די עשירות פון פעלקער און זייערע קעניגע."

דאָס זיינען די פערספעקטיווען פון דער ערדישער גדולה און פון ירושלים׳ס עקאָנאָמישען וואָהלזיין. שלמה׳ס צייטען וועלען זיך אומקערען הונדערטפאַך פארשטארקט. נאָר דאָס וועט שוין זיין אַ באלוינונג פון דער גערעכטיגקייט און ניט פון דער אומגע־רעכטיגקייט פון דער מיליטעריש־קאָמערציעלער אריסטאָקראַטיע. דער אמת וועט פלאַקערן אין ירושלים:

„איך וועל מאַכען ירושלים פאַר אַ שטאָדט פון פרייד און איהר פאָלק וועט זיין פרייד. און איך וועל זיך פרעהען מיט ירושלים און מיט מיין פאָלק און אין איהר וועט מעהר ניט געהערט ווערען אַ שטים פון געוויין, אַ קול פון געשריי. דאָרט וועט מעהר ניט זיין קיין יונגער און קיין אלטער, וואָס וועט ניט אויסלעבען גאָר זיינע יאָהרען, ווארום אַ יונגער מאָן וועט שטאַרבען צו הונדערט יאָהר; און מען וועט בויען הייזער און מען וועט אין זיי וואוינען, און מען וועט פלאַנצען וויינגערטנער און עסען זייער פרוכט. מען וועט ניט בויען, כדי אן אנדערער זאָל וואוינען, מען וועט ניט פלאַנצען, כדי אַן אנדערער זאָל עסען, ווארום די טעג פון מיין פאָלק וועלען זיין, ווי די טעג פון בוים, און מיינע אויסערוועהלטע וועלען געניסען די פרוכט פון זייערע הענד. זיי וועלען ניט ארביי־טען אומזיסט און ניט געבאָרען קינדער אויף צרות, ווארום זיי וועלען זיין זריעה, וואָס איז געבענשט פון גאָט און זייערע נאכקו־מענדע וועלען זיין מיט זיי. און נאָך איידער זיי וועלען רופען וועל איך ענטפערען, זיי וועלען נאָך רעדען, און איך וועל שוין דער־הערען. אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וועלען זיך פיטערן צוזאַמען ,און אַ לייב, ווי אַ רינד, וועט עסען שטרוי, און פאַר׳ן שלאַנג וועט ערד זיין אַ שפּייז; זיי וועלען ניט טאָן קיין בייז און קיין שאדען אויף מיין הייליגען בארג, האָט גאָט געזאָגט."

די אגנטערגעשטריכענע ווערטער דריקען אויס קלאָר דעם אי־

רעאל פון קליינאייגענטום, דעם אידעאל פון אן אומאָפּהענגיגען האָרעפּאסנעם פויערטום און בירגערשטאַנד.

נאָר ניט אין דעם איז די אמת'ע גרויסקייט פון נביא. זיין גרויסקייט ליעגט אין דער וואונדערליכער אויפפאסונג, ריכטיגער אין דעם, וואָס ער האָט די גרונד־אויפפאסונג פון די נביאים אינ־גאנצען איבערגעפונ׳עמט: פאר די אונטערטעניגקייט, געדולד און ליידען פון די גאָטספאָרכטיגע, ס'הייסט, פון דעם ארימען קלאַס, פון דעם ליידענדען קלאָס איז'ם ליידענדען פאָלק, א קלאַס, וואָס איז ניט שולדיג אין די זינד פון די אומגערעכטע און שטאָלצע, פאר די פּארדינסטע פון דעם אידישען אָרימאַן, פון דעם גאָט'ס פּאָרכטיגען און גערעכטיגען, וועט גאָט דערהויבען זיין פאָלק. נאָך מעהר, די איבערמאָסיגע יסורים פון דעם אידישען פראָסטען פאָלק וועלען דערלייזען די גאנצע מענשהייט. דאָ באגעגענען מיר אין ענט־וויקעלטע פּאָרמע, אזוי צו זאָגען, פון מאָראַלישען מאגיזם: די נא־טור איז אָפּהענגיג פון גאָט, פּאָלגליך, אז פון איהם העגנט אויך אָפּ דאָס מענשליכע גליק. דארף מען ווירקען אויף גאָט'ס ווילען, דאָס איז וויכטיגער, ווי צו פּרובירען ווירקען מיט ארבייט אויף דער נאטור גופא. נאָר ווירקען אויף גאָט'ס ווילען מיט קרבנות — איז א אומזיסטע און פארברעכערישע טרוימעריי: ניט קרבנות, ניט צערעמאָניעס, נאָר דאָס אָפּהיטען פון סאָציאלער גערעכטיגקייט — דאָס איז דער מאגישער מיטעל אויף צו ווערען גאָט'ס זיהן און רי הארען פון דער נאטור.

די באַריהמטע שטעלען, וואָס באלאנגען אהער, זיינען דער־נאָך אָנגעווענדט געוואָרען צו קריסטוס'ן און האָבען טיילווייז נע־ריעגט פאר א קאנווע, וואָס האָט פּאָראויס באשטימט א סך כלומר'שט ביאָגראפישע שטריכען פון עוואנגעליום.

א ליידענדער משיח, דאָס איז די גרויסע אידעע; אן אביון, א באשיידענער, א דערנידעריגטער משיח, וועמעס ווערטער עס ווע־לען אויפשיינען אלין העלער. דאָס איז די הערליכע, אלוועלטליך־היסטאָרישע פאָרמע פון דער מעשה'עלע וועגען דער העסליכער ענטעלע, וועגען „ציגדערעלא".

„זעה, מיין קנעכט, וועלכען איך האָב אויסדערוועהלט; מיין געליעבטער אין וועלכען מיין נשמה האָט וואוילגעפאלען; איך וועל מיין גייסט אויף איהם געבען, און ער וועט דערקלערען דאָס געריכט צו די פעלקער: ער וועט ניט צאנקען, און וועט ניט שרייען; און מען וועט זיין קול ניט הערען אויף די גאסען: א צוטויסענעם ראָהר וועט ער ניט צוברעכען, און רויכערדיגעם פלאקס וועט ער ניט פארלעשען, ביז ער וועט אויסשיקען דאָס געריכט צום זיעג: און די פעלקער וועלען האָפען אין זיין נאָמען. ער וועט ארויסברענגען א גערעכטען משפט, ער וועט ניט שוואך ווערען און ניט מיעד ווערען, ביז ער וועט ניט איינשטעלען אויף דער וועלט משפט און אויף זיינע געזעצען וועלען אינזלען האָפען. איך, גאָט, האָב דיר גערופען אין גערעכטיגקייט, און וועל דיר האלטען פאר דער האנד און דיר היטען, און וועל דיר אוועקשטעלען אלס טעסטאמענט פאר די פעלקער, אין שיין פאר די געצענדיענער, כדי אויפצועפענען ביי בלינדע די אויגען, כדי צו באפרייען די געפאנגענע און ארויסצופיהרען פון תפיסה די וואָס זיצען אין פינסטערניש. (ישעיה מ"ב.)

דאָס אלץ באציהט זיך אויף די צדקים, אויף דעם גערעכטען טייל פון דעם אידישען פאָלק. אבער דער קריסטליכער מעסיאָניזם איז שוין דערמיט באשאפען. דעם אפּאָסטעל פאול בלייבט נאָר צו קאָנקרעטיזירען, אָנשטאָט דעם סימבאָלישען „קנעכט פון גאָט" (עבד יהוה) אוועקצושטעלען דעם געקרייציגטען פריידיגער פון די גרויסע אמת'ן פון דער בואה, וועלכער איז אידענטיפיצירט געוואָרן אין דער אייגענער צייט מיט גאָט'ס זוהן, מאכענדיג „דעם קרבן פון דער אויסלייזונג" גאָט אליין, און דערצו נאָך מוסיף זיין צו זיינע פארדינסטען ד י ר ע ט ו נ ג פ ו ן ט ו י ט.

ס'איז פאר אונז מעהר נישט נויטיג נאָכצופארשען די רעליגיעזע שיקזאלען פון די אידען. אנהויבענדיג פון יחזקאל, קריגט די אויבערהאנד איבער דער נבואה דער פריסטערליכער גייסט, דער קאָנסערוואטירער, וואס שטרעבט צו פארוואנדלען אלין אין א געזעץ, אין א בוכשטאב. דאָס שאפען שטארבט אָפּ. די פאָרשטעהער פון

די טראַדיציעס, נאָכדעם ווי די אַריסטאָקראַטען האָבען זיך שטאַרק העלעניזירט (די צדוקים), זיינען געווען די רעכטסגעלעהרטע — די פּרושים (די פּאַריסייער).

יוחנן און יעזוס זיינען וואַרשיינליך געווען אַ שפּעטערדיגע בליהונג פון דעם נבואה־גייסט. אין זייער פּריידיגען האָבען זיך וויעדער דערהערט נאָטען פון גייסטיגער פרייהייט. נאָר זיי זיינען פאַרשטויסען געוואָרען פון דער פאַרגליווערטער, אָפּגעשטאַנענער מעהרהייט. און די געצענדיענער, וועלכע האָבען זיי יאָ אָנגענו־מען אַ דאַנק דעם זאָנדערבאַרען צוזאַמענשטויס פון שיקזאַלען, האָ־בען זיי געמאַכט ניט צו דערקאָנען.

נאָר די ווירקונג פון דעם גרונד־פּראָדוקט פון די נביאים, פון זייער גרונד־באַשאַף — דער בעסטער טייל פון דער ביבעל — האָט ניט אויפגעהערט. דעם אַלטען טעסטאַמענט איז באַשערט געווען באַנייט צו ווערען ניט איין מאָל און, צולעצט, אריינגיסען זיינע שטראָמען אין דעם ים פון אַ נייער רעליגיע, די רעליגיע פון אַרבייט.

דער ביבלישער גייסט און די רעליגיע פון אַרבייט.

דער ביבלישער גייסט אין דער געשיכטע האָט אַרויסגעטראָטען מעהר מצד פון דעם דאָרשט צו גערעכטיגקייט, וואָס איז אין איהם געווען באַהאַלטען, ווי מצד פון דעם דאָרשט צו מאַכט. גאָט איז גערעכטיגקייט. ער איז דער געגנער פון די רויבערשע גבירים, אַן אָנהענגער פון די אַרימע אייגענטימער, אַ פריינד פון גלייכהייט. דערפאַר שענקט ער דעם נצחון די זיטליכע, די וואָס געהן אין גוטען וועג, די מעסיגע און אַרבייטסזאַמע פאַרשטעהער פון די נידעריגע שיכטען פון דער געזעלשאַפט איבער די צולאָזענע, עלעגאַנטע, שטאָלצע אַריסטאָקראַטען וואָס האָבען גאָט פאַרגעסען. די דאָזיגע אויפפאַסונג האָט אַ סך מאָל געמאַכט דעם גאָט־צבאות פאַר'ן פּיה־רער פון דעם רעוואָלוציאָנערען פאָיערטום. דורך אַלע יאָהרהונדער־טע פון מיטעלאַלטער ציהען זיך איינצעל פאַרזוכען פון פּראָטעסט יעגען דעי הויכמוט פון די עקספּלואַטאַטאָרען, פון די קירכליכע,

אזוי אויך פון די וועלטליכע. אין דער קאָנקרעטער און פּאָפּולער־פּיגער רעפּראַזענטאַציאָנס באַוועגונג זעהען מיר פּיעלצאָהליגע סעקטען, וואָס שטיצען זיך אויף ביבלישע טראַדיציעס.

טהאָמאַס מיונצער איז אַן אמת׳ער נאָכקומענדיגער פון אליהו הנביא, א אומצווייפעלהאַפטער און ווירקליכער נביא. געוויס, די אומפּאַרמעגליכע קלאַסען געפינען ניט אין דער ביבעל יענע שטיצע, וואָס די קליינבאַזיצער. די אומפּאַרמעגליכע קלאַסען ווענדען זיך מיט גרויס ליעבע צום קאָמוניזם פון דעם פּרימיטיווען קריסטענטום. אזוי איז דאָס אויך געווען אין דער צייט פון דער גרויסער פּיורי־טאַנישער באַוועגונג. נאָר די הויפּט מאַסע פון ענגלאַנד׳ס רעוואָ־לוציאָנערע קרעפטען האָט אינגאַנצען געשעפּט באַגייסטערונג אין דער נביאישער אידעאַלאָגיע. יעהאָוואַ איז אנגעשטאַנען אויף די רייכע און די מיוחסים און ער האָט זיי ערשיטערט. אבער אויך מיט די קאָמוניסטען־לעוועלערען האָט ער זיך אפּגערעכענט ניט ווייניגער שטרענג. יעהאָוואַ איז גאָט פון גערעכטיגקייט פאַר די קליינ־אייגענטימער.

זשאַן־זשאַק רוססאָ איז אויך געווען א נביא אינ׳ם גייסט פון דער ביבעל. דער דאָרשט צו גערעכטיגקייט — דאָס איז דער צענטער פון זיין סאָציאַל־פּילאָסאָפישען דענקען. ער שטורעמט אויף דער קולטור ווי אליהו, ער פאַראָרדענט פּאָלקס רעכט, דעמאָ־קראַטיע, אין וועלכער סאַלוואַדאָר, דער אידישער פּילאָסאָף פון 19טען יאָהר הונדערט געפינט מיט רעכט די אפּקלאַנגען פון דער אידישער „אידעאַלער" דעמאָקראַטישער אניסטיטוציע, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין משה׳ס אינסטיטוטען. (א פאָלקס פאַרזאַמ־לונג, וואָס נעהמט פרייוויליג אָן אָדער וואַרפט צוריק אפילו די אָנ־באָטען פון גאָט אליין, וועלכע נאָכ׳ן אָנעמען ווערען שוין קאַטעגאָ־ריש א פליכט געזעץ). ניט קולטור, נאָר מאָראַל, ניט פּראָגרעס פון וויסענשאַפטען און קונסטען, נאָר גלייכהייט, ניט וואַקסענדע ווי א קולע שנייי אייגענטום פון פּראָצענטניק — נאָר האָרעפּאַסנע אייגענ־טום פון דעם דאָרפּיש פאַרגעשטעלטען פּויער.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געווען ווייט ניט נאָר

די רעוואָלוציע פון דער אינדוסטריעלער און האנדעלס־בורזשואזיע, דאָס איז געווען א רעוואָלוציע פון דער קליין בורזשואזיע, און פריי־הער פון אלץ פון די פויערים. די יאקאָבינער, כאָטש זיי האָבען ליעב געהאט אויפ'ן מאניער פון די זשיראָנדיסטען צו פראנטעווען אין די טאָגעס פון די רוימישע טריבונען, האָבען זיי ניט געקאָנט צודעקען מיט זייער פורפער זייערע נביאישע קליידער. ראבעס־פיער האָט ניט געקאָנט פארגעסען יעהאָוואַ'ן. אפילו דער דער־באַרעמונגסלאָזער טעראָר האָט אין זיך געטראָגען די שטריכען פון דעם ביבלישען פאנאטיזם: פארטיליגט, פארטיליגט די זינדיגע, זאָגט גאָט, כדי מיין פאָלק זאָל זיך קאָנען רעטען.

די יהוא'ס און יהונדב'ס, די רעכאביטען, די רויהע, פלאַמ־פייערדיגע אלישע'ער האָבען אפגעלעבט אונטער א קלייד „א לא פראנסעז". דער דערמאָנטער סאלוואדאָר זעהט ניט אָהן א גרונד אין די פרינציפען פון דער רעוואָלוציע דעם טריאומף פון די אידישע נביאות. „לאנג האָבען די נביאים זיך געראנגעלט מיט בעל, זעוועס, קריסטוס, — צולעצט זעהען זיי די דערנעהענטערונג פון זייער אי־דעאל. די אומגליקליכע ירושלים שטרעקט אויס די האנד דער גרויסער שטאָדט פאריז."

איבעריגענס צו דער פארווירקליכונג פון די אידעאלען איז נאָך געווען ווייט. דאָס, וואָס די קנאים און גאָטספאָרכטיגע זיינען געווען גענייגט צו פאָדערען, אז אלע זאָלען אויף א גליי־כען אופן זיך באנוצען מיט דער ערד, האָט זיך ניט אנגענומען, ווי עס איז דער פאל אלעמאָל און אומעטום. דאָס פויערטום גופא איז אויף דעם ניט איינגעגאנגען, דאָס וואָהלהאבענדע פויערטום לכל הפחות. די סטיכיע פון קאפיטאל, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאט פאר זיך אזעלכע ברייטע האָריזאָנטען, ווי איצט, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט אזוי פיעל לעבעדיגע קראפט אין איהרע מוסקולען, האָט אריבערגעשפרייזט איבער די קעפ פון די קנאים, פון די אייפערער, און דער שטן מיט זיין געשריי: „ווערט רייך, הויבט זיך אויף, עראָבערט" — האָט ווי־דער באזיעגט דעם גאָט־גערעכטיגקייט.

די אַלט־נביאישע פאָרמע האָט אפילו אינגאנצען אויפגע־הערט אויסצודריקען מיט זיך גערעכטיגקייט. די אידעאַלען פון ישעיה דעם צווייטען קאָנען ניט צופרידען שטעלען די דעמאָקראַ־טיע פון דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, ווארום דאָס זיינען די אידעאַלען פון אַן אגראַר־דעמאָקראַטיע.

נאָר אין דער ווירקליכער געגענבאַציהונג האָט די זאַך עפּעס אַזוי ווי זיך ניט געענדערט. דער סאָציאַליזם פון די ערשטע צעהנדליגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָט גערן זיך גע־בונדען מיט דעם עוואַנגעליום פון לוקאס'ן, פּאַלגליך מיט'ן ביב־לישען גייסט.

דער סאָציאַליזם האָט געפאָדערט ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט אונטער אַלע אופנים. די פּאַרטיידיגער פון קאַפּיטאַל האָבען געענטפערט מיט'ן וואָרט „פּ ר אָ ג ר ע ס". „אונזער פּראָג־רעס איז גוט", האָבען באַשטעטיגט אויך די ריינע אָנהענגער פון דער קליין בורזשואַזיע ווי סיסמאָנדי, און די ערשטע סאָציאַליס־טען פון דעם נייעם טיפּ ווי לערו און אנדערע. „אייער פּראָגרעס טראָגט אומגליק, ערשעפּפונג, ענטאַרטונג". „און אייער גערעכ־טיגקייט וועט אָפּשטעלען דעם פּאַרטשריטליכען ענטוויקלונגס־גאַנג פון די קרעפטען פון דער מענשהייט", האָבען געענטפערט די עקאָנאָמיסטען.

דאָס איז געווען די לעצטע פאַזע פון קאַמף צווישען דעם שטן און גאָט. דער פּרינציפּ פון שטן, אנהויבענדיג פון דער געשיכטע מיט'ן עץ הדעת, מיט קין און זיין משפחה, מיט נמרוד, מיט שלמה'ן און אחאב, מיט דער העלענישער אַריסטאָקראַטיע פון גייסט, מיט דער רוימישער אריסטאָקראַטיע פון יוסטיץ און שווערד, מיט'ן געטליכען אָגוסטוס'ן, מיט באַרדזשיאַ, ביז די מיליאָנערען און מאַשינען בויער פון היינטיגען קאַפּיטאַל, איז גע־ווען: רייכקייט, מאַכטיגקייט, שעהנקייט, וויסענשאַפט. דאָס איז געווען דער פּרינציפּ פון שטן. הערענדיג איהם, האָט דער מענש זיך דערהויבען, טרעטענדיג אויף די קעפּ פון זיינע ברי־דער, ער האָט זיך צובליהט און געשטרעבט העכער, אַרויסציהענ־

דיג די זאפט פון די הערצער און מארך פון דער עקספּלואַטירטער מאסע.

דער פּרינציפּ פון גאָט איז געווען: דער שייטערהויפען, וואָס אויף איהם איז סאוואָנאראָלאַ פארברענט געוואָרען, די פאר־אורטיילונג פון אייטעלקייט, די קאַלטע טוגענד פון ראָבעספּיער׳ן. דאָס האָט גאָט גערעדט מיט אלישע׳ס מויל, בעת ער האָט געהייסען ארויסוואַרפען איזבל׳ען פאר די הינד און פארברענען אויפ׳ן פייער די פּאראכטליכע לוקסוס פון די אומטרייע פיניצער. גאָט האָט אויך גערעדט מיט׳ן מויל פון דיומא׳ס ריכטער, בעת אויף אַלע אויסגערעכענטע פארדינסטען פון לאוואואזיע, האָט ער גע־ענטפערט: „מיר דארפען ניט קיין געלעהרטע, מיר דארפען גוטע בירגער.״ אונטער גאָט׳ס שוץ האָבען זיך געשטעלט די שוואכע, ארויספיהרענדיג דעם איבער־ערדישען פּרינציפּ פון גערעכטיג־קייט קעגען „דעם ערדישען״ פּרינציפּ פון אריסטאָקראַטישען פּראָגרעס. אין דער ווירקליכקייט האָט „דער איבער־ערדישער פּרינציפּ״ באטייט גלייכהייט פון מענשען אין אָרימקייט, די פאר־שלאָפענקייט פון דעם שכל און געפיהל, די הערשאפט פון באַ־דויערענסווערטע, זעלבסטצופרידענע קליינבירגער, וואָס האָבען זיך אפּגעזאָגט פון גייסטיגע אינטערעסען צוליעב זייער חיה׳שען וואוילזיין. דער שקלאַפישער גייסט, די דאָרשט צו רוה, די דער־נידערונג פון דעם מענשען, איהם האלטען אויף אייביג פאר אפּ־הענגינג פון גאָט, ס׳הייסט פון דער נאַטור, — דאָס אַלץ איז גע־ווען פארבאָרגען אין די רעוואָלוציאָנערע לויט דער פאָרמע, דע־מאָקראַטישע פּאָלקס פּראָגראַמען פון די מענער פון גערעכ־טיגקייט.

דאָס באַוואוסטזיין, אז די מענשליכע נאַטור שטרעבט צו מאכטיגקייט, צו וויסען און שעהנקייט איז געווען צוגעאייגענט צו אַלע עפּאָכען פון דער אריסטאָקראַטישער אָרדענונג. דער האר איז געווען מעהר מענש. בעת די צוהערער גופא פון דעם גאָט פון די אָרימע זיינען געוואָרען שטאָלצע הארען, וואָס האָבען גע־גלאַנצט מיט פּורפּער און גאָלד, איז דער געדאנק פון די אָרימע

קלאסען דערגאנגען צו מאָדנע אפיקורסת, וואָס האָט באַרדעב־טיגט דעם נצחון פון שטן אין דער וועלט. גאָט, וואָס האָט באַ־שאפען די דאָזיגע וועלט וועלכע איז אומפריינדליך צו די ארימע אין וועלכער ס'איז נישטאָ קיין גערעכטיגקייט, איז גארניט דער אמת'ער גאָט, דאָס איז דער שטן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען קעגען גאָט און איז געווארען דער פירסט פון דער דאָזיגער וועלט. און גאָט? פאר וואָס פארטראָגט ער אלץ? פאר וואס קומט ער ניט צו הילף? אפשר איז ער אליין אין געפאנגשאפט, באזיעגט פון שלעכטס?

שטארק איז געוועזן די אמונה אין געטליכקייט, גערעכטיג־קייט און אין דעם, אז די גאוה פון די רייכע, פון די מיוחסים און חכמים איז פארשאָלטען און פארהאסט.

די גערעכטיגקייט האָט ערווארבען א רעאקציאָנערען כאַ־ראקטער, דער פראגרעס א עקספּלאָטאַטאָרשען כאראקטער.

אין די ויכוחים פון די סימסאנדיסטען און די ריקארדיאנער האָט דער זעלביגער שטרייט זיך אויסגעגאסען אין נייע פארמען.

„דער פראגרעס פון רייכקייט, ווען אפילו דער ארימער זאָל דורך דעם ליידען", האָבען קאלט געזאָגט די ריקארדיאנער.

„גערעכטיגקייט, ווען אפילו פאר'ן פרייז פון אלגעמיינער ארימקייט", האָבען געענטפערט די סיסמאָנדיסטען.

אין דעם דאָזיגען שטרייט האָט זיך ארייגעמישט דער גרעסטער פון די נביאים — קארל מארקס. ער האָט זיך גע־שטעלט אויף דער זייט פון דעם שטן. ער האָט צוריקגעוויזען די גערעכטיגקייט, ניט אנערקענענדיג אין איהר קיין אידעאל, בעת זי איז געדרויבט פון רייכקייט, ניט קיין פראגראמע, וואָס קאָן פארווירקליכט ווערען. ער האָט אנערקענט דעם וואוקס פון די עקאָנאָמישע קרעפטען פון דער מענשהייט פאר די הויפט זאך, פאר דעם איינציגען וועג. נאָר ער האָט באוויזען, אז דער דאָ־זיגער וועג וועט גראד פיהרען צום זיעג פון דער גערעכטיגקייט, צום זיעג פון דעם מענשליכען גייסט אין זיינעביידע פּאָסטולאַ־טען: אין דאָרשט צו מאכט און אין דאָרשט צו גערעכטיגקייט.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט אָבגעוואָרפען דעם פּראָגרעס נאָכ'ן ביישפּיעל פון די פריהערדיגע דעמאָקראַטיען, ער האָט הויך אָב־געשעצט אי די טעכניק, אי די וויסענשאַפט, און די אמת'ע קונסט. איצט, פאַרקעהרט, די הערשענדע קלאַסען באַמיהען זיך צו פּראָקלאַמירען דעם באַנקראָט פון דער וויסענשאַפט און זיי לאָזען זיך אריין אין אבערגלויבען און מיסטיציזם. דער פּראָלע־טאַריאַט רעדט איצט וועגען מאַכט, וועגען דער פרייד פון לעבען, וועגען דער הערליכקייט פון דער וויסענשפאַט, בעת די בורזשואַ־זיע, פּיהלענדיג, אַז די גאָלדענע לייצעס רייסען זיך פון איהרע הענד, הויבט איצט אָן מורמלען וועגען רעכט, וועגען שכר אויף יענער וועלט, וועגען דעם הבל הבלים פון די ערדישע זוכענישען. דער שטן שטעלט זיך בראש פון די דעמאָקראַטישע רייהען. די נייע פּאָעטען, בייראָן, שעללי, קאַרדוטשי, זאָגען שוין עדות וועגען דעם. די פּסיכאָלאָגיע פון די האַרען פאַלט!

דאָס בעסטע, וואָס אין דער דאָזיגער פּסיכאָלאָגיע איז געווען, האָט גע'ירש'נט דער פּראָלעטאַריער: דאָס גלויבען אין זיך און אין לעבען, דעם דאָרשט צו פּראָגרעס, דאָס באַוואוסטזיין פון דעם ווערט פון דער מענשליכער נאַטור, דעם עזות'דיגען בליק אין הימעל, וואָס צושטערט די פּאַנטאַזיע וועגען דעם, אַז דאָרט זיינען דאָ גייסטער.

רייכקייט איז אַנערקאַנט אַלס מיטעל צום אייביגען פּראָג־רעס פון מענשליכען מין. דער דאָרשט צו רייכקייט, אפילו אין זיינע נידעריגע פאָרמען, איז אַנערקענט אַלס סטיכישע טרייב־קראַפט פון פּראָגרעס. גערעכטיגקייט איז אַנערקאַנט, אַלס הע־כערע פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע פון אַרבייט, וואָס ווערט, צום אומגליק, דערגרייכט נאָר נאָך אַ פּיינליכען פּראָצעס, ווען די מענשהייט ענטוויקעלט האַלב־באַוואוסטזיניג איהרע עקאָנאָמישע קרעפטען.

פּראָגרעס און גערעכטיגקייט זיינען פּאַראַליזירט. דער לעצטער נביא, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער אידישער גזע, פון דער אידישער אָפּשטאַמונג, ביי זיין גאַנצער שנאה צו די ער־

ווערבער, צו די אַריינכאַפּער, האָט ער זיי היסטאָריש גערעכטפערטיגט, וואָרים ער האָט אָבגעשעצט יענעם באַבילאָנישען טורעם פון דער קולטור, פון וועלכען זיינע ווייטע פאָרגעהער האָבען זיך אָפּגעקעהרט מיט ענטריסטונג. די בויאונג איז געוועזען אַ פיינליכע. אויף די שטיינער איז אָפּגעצייכענט דאָס בלוט פון איינע, — די נידערטרעכטיגקייט און גרויזאַמקייט פון די צווייטע. די בויאונג איז נאָך איצט שווער. נאָר אויסער דער דאָזיגער בויאונג איז קיין אַנדער וועג נישטאָ. דער וועג צו גלייכהייט און ברידערליכקייט געהט דורך עקספּלאָטאַציע און פיינדשאַפט, דער וועג צו פרייהייט דורך קנעכטשאַפט. לאָמיר איהם אָננעמען אָהן לעכערליכע, איבעריגע קלאָג־ווערטער. דער דאָזיגער וועג איז דאָך ניט אויסגעלייגט געוואָרען פון אַ קלוגען און גערעכטיגען אינזשינער. דאָס איז דער וועג פון קאַמף פון אַ שוואַכער חיה קעגען אַ זעעלענלאָזער סטיכיע. דער מענש איז געגאַנגען, ווי ער האָט געקאָנט, ער איז געשטרויכעלט געוואָרען, געפאַלען, זיך אָבגעשלאָגען אָן די שאַרפע שטיינער, ווידער אמאָל געפלויגען פון אויבען אין אָפּגרונד, און ווידער אנגעהויבען זיין שווערע, נאָר נוצלאָזע אַרבייט. נאָך היינט זיינען פאַר איהם פעלזען, טיפקייטען און שטראָמען. אָבער עס זעהט זיך שוין דער ליכטיגער שפּיץ פון באַרג. מיט וואָסערע זיגזאַגען דער וועג איז געגאַנגען, וויפיעל איבעריגע פּיין! נאָר ס'איז דאָך פינסטער געווען פון אינווענינ און פון דרויסען, ער איז געגאַנגען טאַפּענדיג, פון אָנהויב אפילו ניט וויסענדיג דעם ציעל, און אפילו שפּעטער איז דער ציעל געווען אומקלאָר. דאָס איז בכלל אַ שרעקליכע ערצעהלונג, הגם מיט אַ גוטען סוף. ווען איהר פּאָרפאַסער וואָלט געווען גאָט — וואָלטען מיר איהם מוחל געווען צוליעב איהר סוף, נאָר . . . זי האָט ניט קיין פאַרפאַסער, אויסער דער בלינדער נויטווענדיגקייט, וועלכע ס'איז ניטאָ פאַר וואָס צו שילטען, און דעם אינסטינקט פון לעבען, וועלכער האָט געזיכערט איהר גוטען סוף. די נייע פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע איז ענג געבונדען מיט איהר ערשטער רעליגיעזער פאָרמע.

3 1761 06574796 6

BRIEF
HX
0012175